STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06340

REB SADYE GAON

Zelig Broshi

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר׳ סעדיה גאון

זיין לעבן און שאַפן

942—882

פון

ז. ברושי

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

RABBI SAADIA GAON

his life and works

by

Z. Broshi

Copyright 1945
by
FARLAG MATONES
New York

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St.
New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

POSY-SHOULSON PRESS
227 West 17th St., New York 11, N. Y.

255

לנשמת אבי ומורי ז״ל
ר׳ משה אריי׳ ב״ר אליהו
לבית בז׳וסטוביצקי
נפטר ביום ה׳, ה׳ תמוז, תשי״ג

אינהאַלט

1. די יידען אין בבל 11

על נהרות בבל. — היימלאַנד און גלות. — די גאולה־וויזיע. — די אינערלעכע אַליינפאַרוואַלטונג. — דער „ריש גלותא״־עקסילאַרך און זיינע פונקציעס. — די ישיבות. — תנאים און אמוראים. — הלכה און אגדה. — דער משל און דער נמשל. — דער תלמוד און זיין השפעה אויפן פאָלק.

2. די תקופה פון די גאונים 33

די גאונים און זייער פונקציע. — די „שאלות ותשובות״. — דער עקסילאַרך, „ריש גלותא״, און זיין לעבנס־שטייגער. — די ישיבה אין סורא און פומבדיתא. — די קאָנקורענץ. — די באַציאונג צווישן עקסילאַרך און גאון. — דוד בן זכאי. — דער גורל פאַלט אויף ר׳ סעדיה.

3. זיין יוגנט 47

די פראָווינץ אַלפאַיום. — סעדיהס קינדער־יאָרן. — דער יידישער ישוב אין מצרים. — דער אויפלעב אין דער אַראַביש־מוסולמענישער וועלט. — דער „אגרון״.

4. מיטן וואַנדער־שטאָק אין דער האַנט. 60

די בענקשאַפט צו וויטע האָריזאָנטן. — די קראים און זייער רעוואָלט. — דער הינטערגרונט פון דער באַוועגונג. — די פאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון קאַראימטום. — דער מעטאָד פון פאָלעמיק. — אינעם קאַמף פאַרן תלמוד. — „תפלת הדרך״. — אינעם וואָגל.

5. דער קאַמף אַרום דעם לוח 68

די ראָל פונעם לוח. — ווי יידן האָבן באַשטימט זייערע ימים טובים אין דער תנ״ך־תקופה. — דאָס „עיבור״־יאָר. — דער קאַמף צווישן ארץ ישראל און בבל. — די אַנטשטייאונג פונעם לוח. — ר׳ סעדיה ווערט ראש הישיבה אין סורא.

6. די מחלוקת איז אויסגעבראָכן 81

פאַרוואָס איז דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן. — דער משפט. — דער מוטיקער ארויסטריט פונעם גאון. — די צוויי שטרייטנדיקע צדדים. — ר׳ סעדיה אַנטלויפט קיין באַגדאַד.

7. די לערע פון ר׳ סעדיה 87

באַגדאַד — די שטאָט פון „טויזנט און איין נאַכט.״ — דאָס גייסטיקע און קולטור־לעבן. — די ראַציאָנאַליסטן און סקעפּטיקער. — רעליגיעזע שטרעמונגען אין איסלאַם. — ר׳ סעדיהס ערשטע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. — „ספר

האמונות והדעות״. — דעם צדיק גייט שלעכט און דעם רשע — באַגליקט. — שכר און עונש. — די וועגן פון תשובה. — די הייליקייט פונעם לעבן. — דער מענטש אינעם צענטער פון באַשאַף. — וואָס איז גליק? — די מאַטעריאַ־ליסטישע און אידעאַליסטישע שיטה. — גאולה מיט א תנאי אָדער ווי א היסטאָ־רישער פּראָצעס? — דער וועג פון דערלייזונג.

8. דער הימן פאַר דער תורה 123

די וועלט אין דערוואַרטונג. — מתן תורה. — דעם גאונס פירוש אויף די עשרת הדברות. — שבת. — לעבן איז הייליק. — די שעפערישע פונקציעס פונעם מענטש. — אָרעם און רייך. — די ליידנשאפטן. — דאָס שפּלות־קאָמפּלעקס.

9. כיווי דער באַלבער 129

דער שטורעם און דראַנג־פּעריאָד אין אָריענט. — די אַטעאיסטן. — כיווי דער באלכער און זיין ראַציאָנאַליסטישע שיטה. — זיין בוך מיט די צוויי הונדערט פראַגעס. — דער אידייאישער געראַנגל צווישן אים און ר׳ סעדיה. — „ספר התשובות.״ — דער נצחון.

10. דער סידור 134

מאָמענטן פון צער און בענקשאַפט. — די תפילה, איר אנטשטייאונג און אַנטוויקלונג. — וואָס דערציילט אונדז דער סדור? — דער סדר התפלות פון ר׳ סעדיה.

11. זיך איבערגעבעטן 144

דער נייער שטורעם אין סורא. — שלום צווישן גאון און דעם עקסילאַרך. — דויד בן זכאים טויט. — ר׳ סעדיהס פאַטערלעכקייט און ליבשאַפט צום זון פונעם נפטר. — דער לעצטער צווייג פון בית דויד.

12. פערציק יאָר ארבעט 148

זיינע ווערק. — די אַראַבישע איבערזעצונג פונעם תנ״ך. — ר׳ סעדיהס מעטאָד. — די השפעה כלפי חוץ און כלפי פנים.

13. דערציילונגען און לעגענדעס 153

ר׳ סעדיה אין דער פאָלקס פאַנטאַזיע. — א מעשה מיט א רייכן סוחר און זיין משרת. — דער שווינדל. — ר׳ סעדיהס איינפאַל. — אַ וויכוח מיט גלחים. — א שניידער פרעגט א שאלה.

14. די פטירה 158

פילאָ און ר׳ סעדיה גאון. — פילאָס מעטאָד. — זיינע סימבאָלישע פירושים. — דער סינטעז צווישן דער יידישער און דער העלעניסטישער וועלט־אַנשויאונג. — ר׳ סעדיה׳ס קוק אויף יידישקייט. — זיין רעליגיעזע פילאָזאָפיע. — זיין השפעה אויף די שפּעטערדיקע דורות. — די טראַגיק אין זיין שאַפן.

כי אלף שנים בעיניך —

כיום אתמול

— תהלים צ, ד.

**
*

טויזנט יאָר זיינען אַריבער זייט ר׳ סעדיה׳ס פטירה. בלעטערן מיר איצט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די בלעטלעך פון דער געשיכטע, און אַ געפיל פון אומעט לאָזט אונדז נישט אָפּ: סדנא דארעא חד הוא! די וועלט האָט זיך לגבי יידן נישט געענדערט; נאָר די אויסערלעכע פאָרם האָט זיך גע־ביטן, אָבער נישט דער אינהאַלט. מ׳קאָן אפשר זאָגן, אַז אין אַנבליק מיטן ה י י נ ט איז יענע תקופה געווען אַ אידיליע.

די וועלט איז נישט געוואָרן בעסער, און נישט עטישער.

אין אַלע צייטן און אויף אַלע וועגן האָט דאָס יידישע פאָלק געבלוטיקט. דאָ — מער, דאָרט — ווייניקער. און ווער ווייס צי אונטער די גייסטיקע און פיזישע עינויים וואָלטן מיר נישט פאַרלאָרן דעם צלם אלוהים, אויב ס׳וואָלטן נישט אויפגעשטאַנען גרויסע יידישע קעפּ, וואָס האָבן געפּרואווט געפינען דעם טיפן זין פאַר אונדזערע ליידן, און האָבן נישט אויפגעהערט צו וועקן אין אונדז בטחון און לערנען אונדז די דריי קדושות: **קידוש השם, קידוש החיים וקידוש האומה.**

ר׳ סעדיה גאון איז געווען איינער פון זיי.

אין אַ תקופה פון מאַטעריעלן און גייסטיקן אויפבלי אין דער נישט־יידישער וועלט, האָט ע ר דערזען ד ע ם ע י ק ר, **אַז ס׳פעלט דער־אַ** וועלט דער גרונד־יסוד: מ אָ ר אַ ל; און דעם בלאָנדזשענדיקן יידישן דור — וואָס איז געשטאַנען פאַר אַ גייסטיקן און פיזישן שמד — האָט ער געפּרואווט געבן אַן ענטפער אויף פראַגעס וואָס האָבן אים געמאַטערט און מאַטערן אונדז עד היום.

און אין דער איצטיקער צייט פון גרויל און שגעון, ווען מיר זוכן אַ רמז פאַר אחרית הימים, און אַ זין פאַר די מיליאָנען יידישע אויסגעלאָשענע לעבנס — דערשיינט פאַר אונדז דער גאון פון אַלפאַיום אין אַ באַזונדער ליכט.

און הלוואי זאָל די מאָראַלישע לערע פון ר׳ סעדיה זיין אַ דערמוטיקונג נישט נאָר פאַר דער שארית הפליטה, נאָר אויך אַ מורה דרך פאַר דער

גויאישער וועלט; און זאָל דער גלויבן אין אַ באַנייט יידיש לעבן, וואָס האָט געליכטיקט אין האַרץ פון דעם דענקער און קעמפער, אויפליכטיקן אויך אין אונדזערע הערצער אין די טעג פון אבלות אין דער יידישער געשיכטע.

⁂

דאָס ספר, וואָס ליגט דאָ פאַרן לייענער, פּרעטענדירט נישט אַרויסצוברענגען דאָס היסטאָרישע געשטאַלט פון ר׳ סעדיה גאון; ס׳איז גיכער אַ בעלעטריסטיש־ליטעראַרישער פּרואוו צו דערקלערן געוויסע מאָמענטן אינעם לעבן און שאַפן פון דעם דענקער, וואָס זיינען נישט קלאָר; וואַרפן אַ שיין אויף יענער שטורמישער תקופה אינעם ליכט פון דער נישט יידישער סביבה, אין וועלכער יידן האָבן געלעבט, געחלומט, געהאָפט, געהירקט און באַווירקט געוואָרן. מיט איין וואָרט: צו רעסטאַווירן — אָפּטמאָל מיטן כח הדמיון — דאָס ריין־מענטשלעכע געשטאַלט פונעם גאון, נאַטירלעך בלייבנדיק געטריי דעם קאַרגן ביאָגראַפיש־היסטאָרישן מאַטעריאַל, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון יענע פאַרנעפּלטע צייטן.

⁂

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס מיין אויפריכטיקן דאנק צו:

— דעם דיכטער אפרים אויערבאַך פאַר איבערקוקן אזוי זאָרגפעליק דעם כתב יד און פאַר זיינע סטיליסטישע אָנווייזונגען.

— פריינד ד״ר שלמה סימאָן פאַר זיינע נוצלעכע באַמערקונגען.

— פריינד ליפּע לעהרער פאַר דערמוטיקן מיך און פאַר דער טרחא ארום דעם ספר.

— אַ יישר כח בין איך אויך שולדיק דעם יידישן אָפּטייל ביי דער ניו־יאָרקער שטאָטישער ביבליאָטעק; ווי אויך דער ביבליאָטעק ביים יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פאַר דער פריינטלעכקייט אין צושטעלן מיר די געזוכטע מקורות.

ניו־יאָרק, ערב ראש השנה תש״ו

ז. ברושי

ערשטער טייל

די תקופה פאַר ר׳ סעדיה גאון

קאַפּיטל איינס

די יידן אין בבל

על נהרת בבל. — היימלאַנד און גלות. — די גאולה־ייזיע. — די אינערלעכע אַליינפאַרוואַלטונג. — דער „ריש גלותא״ ־עקסילאַרך און זיינע פונקציעס. — די ישיבות. — תנאים און אמוראים. — הלכה און אגדה. — דער משל און נמשל. — דער תלמוד און זיין השפעה אויפן פאָלק.

דער יידישער ישוב אין בבל האָט זיך אָנגעהויבן מיטן חורבן פונעם ערשטן בית המקדש. אַן אָפּקלאַנג פונעם געמיט ביי די גולים אין יענער צייט פאַר נעמען מיר אין דער עפּיש־לירישער שילדערונג:

„ביי די טייכן פון בבל —
דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט,
ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ציון.
אויף די ווערבעס וואָס אויף איר,
האָבן מיר אויפגעהאָנגען אונדזערע פידלען.
וואָרום דאָרטן האָבן אונדזערע פאַנגערס
געפאָדערט פון אונדז ווערטער פון געזאַנג,
און אונדזערע באַצווינגערס האָבן געמאָנט:
— זינגט אונדז פון ציונס־געזאַנג!״

— תהלים, קל״ז.

אַ לעגענדע דערציילט: ווען דער פיינט האָט געצוואונגען די לווים צו שפּילן אויף זייערע כלי זמר הייליקע לידער — האָבן זיי זיך אָפּגעשניטן די גראָבע פינגער. קיין קרעכץ, קיין געוויין האָט זיך דערביי נישט געהערט. שטיל, ווי פאַרגליווערט זיינען די לווים געשטאַנען. פון זייערע הענט האָבן געטריפט טראָפּנס בלוט און זיינען געפאַלן אויף דער ערד. מיטאַמאָל האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ ווינט, אָנגערירט די האַרפעס, און די סטרונעס האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. דעמאָלט האָבן די לווים אויפגעהויבן די אויגן צו די פאַרוואָלקנטע הימלען, און די הענט אָן פינגער געשטרעקט צום מזרח:

ר׳ סעדיה גאון

„ווי זאָלן מיר זינגען גאָטס־ליד
אויף אַ פרעמדער ערד ?
אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים —
פאַרגעסן זאָל ווערן מיין רעכטע האַנט,
צוגעקלעפּט זאָל ווערן מיין צונג צו מיין גומען,
אויב איך וועל דיך נישט דערמאָנען,
אויב איך וועל דיך נישט אויפברענגען, ירושלים,
אויף מיין דערהייבנסטער פרייד.״

— תהלים, קל״ז.

אַזוי האָבן די גולים אויף פרעמדער ערד זיך געגעבן אַ שבועה נישט צו פאַרגעסן ירושלים. די הייליקע שבועה האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, פון האַרץ צו האַרץ, און די שטאָט פון שלום איז קיינמאָל נישט אָפּ־געמעקט געוואָרן פון יידישן געדעכעניש. יידן האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, קושן די ערד און מתפלל זיין אויף די חורבות. אַ ייד, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרלאָזן זיין וואוינאָרט, האָט גע־האַלטן פאַר זיין הייליקן חוב אַוועקצושיקן אַהין זיינע קינדער, זיי זאָלן לערנען אין די דאָרטיקע ישיבות. דער לעבעדיקער בונד צווישן גלות און היימלאַנד איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אויף קיין איין רגע.

דער יידישער ישוב אין בבל — די מוטער פון אַלע ישובים — האָט אין ערשטן יאָרהונדערט נאָך דער עליה פון עזרא הסופר קיין ארץ ישראל, אָנגע־הויבן צו לעבן אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. ער איז געשטאַנען ווייט פון אַלע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די גרויסע וועלט און געענדערט דאָס פּנים פון אַזיע. דאָס קליינע יהודה האָט געזען די חיילות פון אלעקסאַנדער מוקדון, איבערגעלעבט דעם העראָישן קאַמף פון די חשמונאים, דערגרייכט פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, געפילט דעם יאָך פון די רוימישע נציבים און איז דערגאַנגען ביזן חורבן פון צווייטן בית המקדש. כאָטש אין דעם גוראַנגל האָט דער ישוב אין בבל קיין אָנטייל נישט גענומען, האָט ער דאָך מיטגעלעבט מיט אומרו דאָס גאַנג פון די צייטן און האָט זיך געפרייט ווען ארץ ישראל איז סוף כל סוף געוואָרן [1] אַ פרייע מדינה.

אַ שווערער וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די גלות־ישובים נאָכן צווייטן חורבן. דער לעצטער געבריל פון דעם „געפאַנגענעם לייב פון יהודה״ האָט אָפּגעהילכט מיט אימה. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז כנסת ישראל אין גלות וועט איצט צעפאַלן און זיך צעברעקלען ; אָבער דער קיום־אינסטינקט

האָט געלערנט די גולים צו ווענדן זייערע בליקן מיט האָפענונג און שטילן טרויער צו דעם חרוב־געוואָרענעם לאַנד, וואָס איז געווען אַמאָל דער צענטער פון זייער פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן לעבן. אַצינד האָבן יידן געזוכט אין ירושלים נישט נאַציאָנאַלע גלאָריע, נאָר תורה און מצוות. אין יבנה — שפּעטער אין טבריה, אושא און ציפּורי — איז אנטשטאַנען דער „מרכז רוחני". אַנשטאָט דער פאַרלוירענער פּאָליטישער מלוכהשאַפט, האָט זיך אָנגעהויבן אויפצובויען דאָס גייסטיקע קעניגרייך — די מ ש נ ה און דער ת ל מ ו ד י ר ו ש ל מ י . דעמאָלט האָט זיך די קעגנזייטיקע השפּעה צווישן גלות בבל און ארץ ישראל נאָך מער פאַרשטאַרקט. צענדליקער תלמידי חכמים זיינען געקומען קיין גליל צו לערנען תורה אין די דאָרטיקע ישיבות, און צענדליקער געלערנטע זיינען געקומען פון ארץ ישראל קיין בבל, צו העלפן גרינדן בתי־חינוך און בתי דינים. דער אויסבייט פון גייסטיקע כוחות האָט אויסגעקריסטאַליזירט און געשטאַלטיקט די יידישע רעליגיעזע שאַפונג.

אינעם דריטן יאָרהונדערט האָבן געווירקט אויף דער אנטוויקלונג פונעם גייסטיקן צענטער אין בבל רב און שמואל ירחינאי. ביידע זיינען געבוירן גע־וואָרן אין בבל. זיי זיינען אָבער אוועק לערנען אין די ישיבות פון ארץ ישראל. אין יענער צייט האָט דאָרטן געלעבט ר' יהודה הנשיא, וואָס האָט אָנגעהויבן אָפּצושליסן די „משנה." אין די ישיבות פון טבריה און ציפּורי האָט גע־פיבערט מיט גרויסער גייסטיקער ארבעט. רב און שמואל זיינען געווען שות־פים צו דער „חתימת המשנה". נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער געבוירנלאַנד, האָט רב געגרינדעט די ערשטע ישיבה[2] אין סורא, וואוהין ס'האָבן געשטראָמט טויזנטער תלמידים. די אָרעמע פון זיי האָט ער אויסגע־האַלטן מיט עסן, שלאָפן און זיי געגעבן אַ בגד אויפן לייב. פּאַראַלעל צום גייסטיקן צענטער אין היימלאַנד האָט זיך שנעל פאַנאַנדערגעבליט דער צווייַ־טער מקום־תורה — אין בבל. אָבער די שטערן וואָס האָבן אויפגעשיינט אין גלות זיינען דעמאָלט געווען בלאָס אַקעגן דעם ליכט פון יבנה, ציפּורי און אושא. אמת, אָפּטמאָל האָט בבל געפּרואווט זיך שטעלן אויף די אייגענע גייסטיקע פיס, נאָר די בכורה איז תמיד פאַרבליבן ביי ארץ ישראל.

אין פערטן יאָרהונדערט האָט זיך די לאַגע געביטן, ווען קאָנסטאַנטין, דער רוימישער אימפּעראַטאָר, האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. דער צלם האָט געזיגט. דער גאַנצער גרימצאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג. די טרעגער פון דער יונגער קריסטלעכער רעליגיע האָבן זיך פאַרמאָסטן עוקר מן השורש צו זיין די שארית הפליטה, אויסלעשן ביי יידן יעדן פונק פון גלויבן און האָפענונג. ארץ ישראל איז גע־

וואָרן אַ יורד. יידן זיינען געלאָפן אין אַלע עקן פון דער וועלט. דער גרעסטער טייל האָט זיך געראַטעוועט קיין בבל. דאָ האָבן די נייע גולים געפונען אַ קאָמפּאַקטן ישוב, וואָס איז געווען פריי אין זיין אינערלעכן, קולטורעלן און גייסטיקן לעבן. די איינגעזעסענע האָבן אויפגענומען די אַנטרונענע מיט אָפענע אָרעמס. זיי האָבן זיך באַמיט צו לינדערן די לײדן פון די פּליטים, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן די גרויזאַמע איבערלעבענישן אין ארץ ישראל. ביסלעכוויז האָבן די אַנטלאָפענע אַנגעהויבן זיך איינצולעבן אין נייעם לאַנד.

אין בבל האָבן זיי געפונען אַ שטיק גייסטיק ארץ ישראל, און דאָס האָט געהיילט זייערע צעדרודערטע געמיטער. — די צענדליקער בתי מדרשים און ישיבות האָבן געוויזט מיט היימישקייט. דער קול התורה, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די געסלעך פון בבל, האָט געהאַט אין זיך דעם אָפּקלאַנג פון אַ געזאַנג, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אין דער וויטער הײם, און דאָ גייט עס אויף נאָכאַמאָל מיט דער זיסער היימישקייט. ווידער האָבן יידן אָנגעהויבן צו לעבן אין אַ ווירקלעכקייט וואָס איז געווען אַ חלום, און אין אַ חלום וואָס איז געווען אַ ווירקלעכקייט. די דאָזיקע חלום־ווירקלעכקייט האָט געפונען באַקרעפטיקונג אין די אַלטע ווערטער פונעם נביא:

„בויט הייזער און באַוואוינט,
פלאַנצט גערטנער און עסט זייערע פירות.
נעמט ווייבער און געבערט זין און טעכטער,
און נעמט ווייבער פאַר אייערע זין,
און גיט אויס אייערע טעכטער צו מענער,
און מערט אייך דאָרטן און מינערט אייך נישט,
און זוכט דעם פרידן פון דער שטאָט,
וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן אַהין,
און זייט מתפלל פאַר איר צו גאָט,
וואָרום אין איר שלום וועט זיין פריד צו אייך.“
— ירמיהו כ״ט, ה־ז.

לעבן מיטן היינט, אָבער נישט פאַרגעסן דעם נעכטן און נישט אויפהערן צו גלייבן אין דער גאולה, וואָס יעדן טאָג קאָן זי קומען —

„און איך וועל אומקערן אייער געפאַנגשאַפט,
און איך וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע פעלקער,

און פון אלע ערטער, וואָס איך האָב אייך פאַרשטויסן אַהין,
זאָגט גאָט.

און איך וועל אייך אומקערן צו דעם אָרט,
וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן פון דאָרטן...״

— ירמיהו כ״ט, י״ד־ט״ו.

דאָ, אין בבל, האָט אויך יחזקאל אַמאָל געזען די וויזיע פון די „עצמות היבשות״:

נאַכט. פינצטער. אַ טאָל אָנגעוואָרפן מיט פאַרטריקנטע ביינער. דער נביא שטייט איינגעוויקלט אין חשכות פון ערגעץ־וואו דערטראָגט זיך אַ קול:

— „מענטשן־קינד, קאָנען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?״

שטייט דער זעער אין פחדים, געפלעפט. ניין, ער דערוועגט זיך נישט אַרויסצוזאָגן קלאָר זיין ספק:

— גאָט, דו האַר, דו ווייסט דאָך!...

נאָר דער ספק ווערט צערונען ביסלעכווייז:

„— זעט, איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם,
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
און איך וועל געבן אויף אייך אָדערן,
און איך וועל אַרויפטאָן אויף אייך פלייש,
און אַרויפציען אויף אייך אַ הויט.״

— יחזקאל ל״ז, ה־ז.

אַ שטילקייט הויערט איבער דער פינצטערניש. נאָר פלוצלונג אַ גערודער. דער טאָל פון טויט האָט אָנגעהויבן זיך באַוועגן. סימנים פון חיות. דער טויטער גליווער איז באַהויכט געוואָרן מיט אַ נישט־געזעענער לעבעדיקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן פון ערגעץ־וואו צו שלאָגן — לעבן. לעבן. אַ ביין האָט געגעבן צו אַ ביין. אָדערן האָבן זיך באַצויגן. אַן אָטעם האָט זיך אַפגעריסן פון פיר ווינטן און איז אַריבער די הרוגים. אַ לעבעדיקע מחנה האָט זיך געשטעלט אויף די פיס.

ס'איז געקומען די דערוואַכונג. שטייט דער מענטשן־זון מיט אויפגעריסענע אויגן, קוקט זיך צו צו דעם גרויסן נס, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר

אים. ער וויל אריינדרינגען אין די פאַרבאָרגענע דרכים פון בורא. וואָס זאָל די זעאונג באַטייטן?

—„מענטשן־קינד, די דאָזיקע ביינער, זיי זיינען
דאָס גאַנצע הויז פון ישראל.
זע, זיי זאָגן:
פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער,
און פאַרלאָרן איז אונדזער האָפענונג,
פאַרשניטן זיינען מיר.
זע, איך עפן אייערע קברים,
און כ׳וועל אייך, ברענגען אויף דער ערד פון ישראל,
און איך וועל אריינברענגען מיין גייסט אין אייך,
און איר וועט לעבעדיק ווערן,
און איך וועל אייך באַרוען אויף אייער ערד.״
— יחזקאל ל״ז, י״א־ט״ז.

מיט דער האָפענונג, אַז דער גלות איז נישט אַן אייביקייט, נאָר אַ צייט־ווייליקער איבערגאַנג, — וואָס מוז און וועט באַקומען זיין תיקון צוריק אין ארץ ישראל — האָבן יידן אָנגעהויבן אויפצושטעלן נייע ישובים. בעת זיי זענען געבליבן געטריי זייערע וואוינלענדער, האָבן זיי דאָך נישט אויפגעגעבן דעם גלויבן, אַז דער נאַציאָנאַלער קיום פונעם יידישן פאָלק איז פאַרבונדן מיט ציון, פונוואַנען ס׳וועט אויסשטראַלן תורה און גאָטס וואָרט אויף דער גאַנצער וועלט. אונטער פרעמדע הימלען האָט תמיד געשוועבט אַ חלום: א י י ־ ג ע נ ע ע ר ד. באַשטראַלט מיט ד ע ם חלום האָבן די וואַנדערער אויפגעבויט די ישובים נהרדעא, פומבדיתא און סורא.

די פערסיער — די לאַנד הערשער — זיינען געווען טאָלעראַנט צו די איינגעוואַנדערטע. די יידן האָבן געהאַט אַלע בירגער־רעכט. בראש פון זיי איז געשטאַנען אַ פּרינץ, דער „ריש גלותא״ — עקסילאַרך — וואָס זיין יחוס האָט זיך געצויגן פון דודס דינאַסטיע. דער „ריש גלותא״ איז געווען אַ מלוכה־באַאַמטער. ער האָט געהאַט פולמאַכטן צו משפטן דאָס פאָלק און דורכפירן רעפאָרמען אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַנשטעלן ריכטער, באַשטימען אויפזעער אויפן מאַרק און אויף די יאַרידן, אונטערזוכן די מאָסן און די געוויכטן, בויען בריקן, דורכשניידן קאַנאַלן און איינמאַנען שטייערן. ער האָט אפילו געהאַט די יורידישע אויטאָריטעט צו באַשטראָפן פאַרברעכער און אַרויפצווינגען אויף זיי די פאַרשריפטן פון דער תורה.

מיטן רעליגיעז־גייסטיקן לעבן האָבן זיך אָפּגעגעבן די מפרשים פון דער „משנה״, — אמוראים האָט מען זיי דעמאָלט גערופן. אונטער זייער השגחה האָבן די תורה־צענטערס זיך אנטוויקלט. באַזונדערס האָבן געשמט די ישיבות אין פומבדיתא און סורא. תלמידים האָבן אַהין געצויגן, כדי צו דערלערנען די „משנה״, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן דורך הונדערטע געלערנטע אין ארץ ישראל.

די „משנה״ באַזירט זיך סיי אויפן תנ״ך סיי אויף מנהגים און דינים, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק און קיינער האָט נישט געוואוסט זייער מקור, ווי אויך אויף אזוינע אויפפירן, וואָס דאָס לעבן גופא האָט גע־שאַפן. הגם נאָכן חורבן פון בית שני האָבן יידן נישט געהאַט זייער אייגענע רעגירונג — איז זיי דאָך דערלויבט געוואָרן צו לעבן נאָך אַ באַשטימטן שטייגער און צו רעגולירן זייערע קהלשע ענינים. ווען אַ מחלוקת איז אויס־געבראָכן צווישן צוויי יידן, זענען זיי ביידע געקומען פאַרן בית דין, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן זיין פסק אויפן סמך פון אַ פריערדיקן ענלעכן פאַל. די דאָזיקע אורטיילן, מיט מאָטיוון און פירושים, זיינען שפּעטער אַפּגעשלאָסן גע־וואָרן אונטערן נאָמען „משנה״, וואָס מיינט „איבערחזרן״. די חכמים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט צו שאַפן די משנה, הייסן „תנאים״, לערער. זיי האָבן געשריבן העברעאיש, — קלאָר, שאַרף, קורץ און צום ענין.

די גמרא — וואָס איז אַ פירוש אויף דער משנה — איז געשריבן אין אַראַמיש, דעמאָלט די אומגאַנגס־שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן. די פאַרפאַסער פון דעם דאָזיקן פירוש הייסן אמוראים. די אמוראים און זייערע תלמידים פלעגן זיצן גאַנצע טעג על התורה ועל העבודה, זיך אַמפּערן אין די הלכות פון דער משנה. זיי פלעגן מסביר זיין, קאָמענטירן, צוגעבן אייגענע באַמער־קונגען דורכגעוועבט מיט פיינע גלייכווערטלעך, משלים מיט מוסר־השכלס, מעשהלעך און אגדות, וואָס האָבן די שווערע הלכות באַלויכטן אַמאָל מיט אַ שמייכל, אַמאָל מיט קלוגשאַפט און אַמאָל מיט דערהייבענער עטיק. אין משך פון דער צייט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ רייכער קאָלירפולער מאַטעריאַל, וואָס איז שפּעטער באַאַרבעט און סיסטעמאַטיזירט געוואָרן אונטערן נאָמען דער „תלמוד.״

דער „תלמוד״ איז אַ גרויס ווערק, וואָס נעמט אַרום אַלע פאַזן פונעם מענטשלעכן לעבן. אזוי ווי דאָס לעבן געפינט זיך תמיד אין אַ דינאַמישן צו־שטאַנד, באַוועגט זיך און מאַכט דורך ענדערונגען — איז קיין חידוש נישט וואָס מיר געפינען אין דער דאָזיקער זאַמלונג פונעם מענטשלעכן געדאַנק אָפטמאָל סתירהדיקע שטעלן. די פאַרשידענע צייטן, קלימאַטן, לענדער און

מחברים האָבן גורם געווען צו אַט דער סתירותדיקער פּילפּאַרביקייט. איינער איז געווען אַ מקיל, דער אַנדערער — אַ מחמיר. איינער האָט געפּרוואווט אויסטייטשן לייכטער די דינים, דער אַנדערער — שווערער. אָבער דורך די רייד פון אַלעמען ציט זיך דורך, ווי אַ רויטער פאָדעם, די מאָראַלישע לערע פון די נביאים, וואָס איז פאַרקערפּערט אין געזעץ.

איטלעך געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַן ערנסטן וויכוח. יעדער איינער האָט געקאָנט פריי זאָגן זיין וואָרט. דער באַשלוס פון דעם רוב איז געוואָרן דער דין. „אחרי רבים להטות״ — אָבער אויך די מיינונג פונעם מיעוט האָט מען פאַרצייכנט, כדי אויך די שפּעטערדיקע דורות זאָלן דער־פון וויסן. אפילו דער אפּיקורסישער געדאַנק, אַז „משיח וועט נישט קומען״ איז געבליבן אין תלמוד. די חכמים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פּראַק־טישן חוש פאַר דערווירקלעכקייט. איינער פון די וויכטיקסטע כללים אין תלמוד איז: „מ׳קאָן נישט אַרויסגעבן אַ באַפעל, וואָס דער רוב פונעם קהל איז נישט בכוח אים דורכצופירן״. די מערסטע דינים און הלכות — וואָס אַ טייל פון זיי קאָן אויסקוקן קליינלעך — האָט געהאַט איין און איינציקן צוועק: קיום האומה.

דער ייד האָט זיך דעמאָלט געגוויטיקט אין אַ תורה, וואָס זאָל אים אָפּ־שיידן נישט נאָר פון דער אַרומיקער גויאישער סביבה, נאָר אויך אים דער־מאָנען אויף יעדן טריט און שריט, אַז ער איז אַ טייל פונעם יידישן קיבוץ. מען דאַרף אים געבן — האָבן די חכמים פאַרשטאַנען — נישט נאָר אַן אמונה, נאָר אַ לעבנס־שטייגער: זיין דינען גאָט דאַרף זיין אַנדערש, זיין הויז — אַנדערש, אפילו אין די קלענסטע טאָג־טעגלעכע הצטרכותן דאַרפן זיין אַזוינע בולטע צייכנס, וואָס זאָלן וועקן און באַאומרואיקן זיין יידישקייט. זיין לעבן אין אַלע פּרטים האָט געדאַרפט ווערן קאָנטראָלירט דורך פעסטגעשטעלטע נאָרמעס.

די חכמי התלמוד האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און געשיכטע. שמואל ירחינאי האָט געזאָגט, אַז „אים זיינען באַקאַנט די וועגן פון די הימלען ווי די וועגן פון זיין שטאָט נהרדעא״. אַנדערע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט היילן קראַנקע, פאַרשן די ענדערונגען אין מענטשלעכן קערפּער און די ווירקונג פון שפּייזן אויפן געזונט־צושטאַנד.

פינף הונדערט יאָר האָט געדויערט צו זאַמלען און צונויפשטעלן די מיינונגען פון טויזנטער אמוראים, עלטערע און יינגערע יידישע געלערנטע,

וואָס האָבן מיט זייער וויסן און פּערזענלעכקייט בייגעטראָגן צו אָט דעם גרויסן אוצר פונעם יידישן געדאַנק — די הלכה, און יידישן געפיל — די אגדה.

די אגדה בכלל איז געווען דער קינדיש־נאַאיווער מענטשלעכער פּרואוו צו באַנעמען די דערשיינונגען פון דער נאַטור און די איבערנאַטירלעכע כוחות, וואָס רעגירן דאָס לעבן און די וועלט. דאָס איז געווען דער ערשטער ענט־פער, וואָס דער מענטש האָט מיט זיין פאַנטאַזיע זיך אויסגעמאָלן, כדי צו שטילן זיין דורשט נאָך וויסן, זיין נייגיר און ליידנשאַפט אַרונטערצוקוקן הינטער די שלייערן פונעם באַשאַף.

אין דער יידישער אגדה — וואָס איז געווען ווי אַ מזרח־קוויט, לייכט, גראַציעז, שפּילעוודיק — האָט אויפגעבליצט דער שאַפערישער טאַלאַנט פון אונדזערע גדולי האומה, זייער אומגעצוימטע פאַנטאַזיע, פרייער און פרומער געדאַנק. די אגדה מאַכט אַ האַרבע טרוקענע סוגיא פאַרשטענדלעכער, אָנ־ציענדיקער; זי רעדט צום האַרץ פונעם פּשוטן יידן, דערקוויקט זיין נשמה און שטילט זיין בענקשאַפט נאָך שיינקייט, צעפלאַקערט זיין כוח הדמיון און רופט ביי אים אַרויס אַסאָציאַציעס פון וואונדער. צווישן די אבות איז זי אַרומגעגאַנגען פרום־אידיליש, געטלעך — מיט משה רבנו, העראָיש־אוואַנ־טוריסטיש מיט שמשון הגבור, קעמפעריש־דראַמאַטיש מיט דוד בן ישי, קלוג־דיפּלאָמאַטיש — מיט שלמה המלך. זי איז פול מיט רחמנות, ווייכקייט און האַרציקייט. זי שטראָפט נישט, מוסרט נישט און וואָרנט נישט. זי דער־ציילט געשעענע פאַקטן: „אַמאָל איז געווען . . .” די חכמים האָבן זיך זייער אָפט באַנוצט מיט אַ משל:

— אַמאָל, אַמאָל אין די אַלטע צייטן האָט אַ בחור פאַרקנסט אַ מיידל. אַ פּאָר טעג פאַר דער חתונה איז געשען אַן אומגליק: דער חתן האָט גע־מוזט אַוועקפאָרן אין די מרחקים. טעג, וואָכן און חדשים זיינען פאַרפלויגן, און דער יונג — ווי אין וואַסער אַריין, פאַרשוואונדן אָן אַ שפור, אָן אַ גע־דעכעניש. זיצט די בתולה און וויינט זיך אויס די אויגן. די שכנות — בייזע צינגער — שפּאָטן פון איר אָפּ און רעדן צו איר כלומרשט מיט גוטן: יאָרן שטייען נישט, די יוגנט — פאַרגייט. צו וואָס פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ? אַוודאי איז דער חתן איר געוואָרן אומגעטריי און האָט זי פאַרגעסן. אויף די אַלע רייד פאַרבייסט די כלה די ליפּן און ענטפערט עקשנותדיק: „ניין, ער וועט קומען צוריק”! אזוי זיצט דאָס מיידל טאָג און נאַכט, פאַרוויינט און פאַראומערט. אין אירע שווארצע צעפּ, וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אויף איר נאַקן האָבן זיך באַוויזן זילבערנע פעדעם, אינעם שטערן האָבן זיך אָ־געהויבן איינצוגראָבן קנייטשען, דער גלאַנץ אין די אויגן איז געוואָרן מאַט.

אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין זיין געטריישאַפט און איבער־געגעבנקייט. זי איז נישט מיד געוואָרן צו לייענען זיינע בריוו, וואָס ער האָט צו איר געשריבן אין די ערשטע טעג פון זייער ליבע. נאָך לאַנגע יאָרן וואַרטן איז דער בחור געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין כלהס הויז און ווען ער האָט געפרעגט פון וואַנען זי האָט געשעפּט כוחות אויפצוהאַלטן דעם פונק פון צוטרוי און געטריישאַפט אין אים — האָט זי געענטפערט: די בריוו דיינע! . . .

— ישראל, — גייט דערנאָך דער נמשל, — איז געגליכן צו דער כלה, וואָס איר חתן — דער רבונו של עולם — האָט, ווי ס׳דאַכט זיך, פאַרלאָזט. הגם זיינע שכנים — די אומות העולם — טוען אָפּלאַכן פון זיין בראָך, שפּאָטן פון זיין געפאַלנקייט, דאַרף ער זיך נישט מיאש זיין, זאָל ער נאָר לייענען ווידער און ווידער די בריוו — די תורה — וואו דער אויסדערווײלטער האָט אים צוגעזאָגט אייביקע ליבשאַפט און אַז ער וועט זיך אומקערן צו אים . . .

דער תלמוד האָט געלערנט דאָס פאָלק גוטע מידות און שיינע מעשים, געאײדלט זיין כאַראַקטער, רייכער געמאַכט זיין גייסט און אים אָנגעוויזן אַ לעבנסשטייגער אין גאַס און אין הויז, אין שלאָף און אויף דער וואָך, צווישן אייגענע און פרעמדע. די שטאָטישע יידן פון בבל האָבן געהאַנדלט און גע־וואַנדלט מיט פלאַקס, תבואה, וואָל, ווײַן און זיך באַשעפטיקט מיט כלערליי מלאכות. אַ סך פון זיי זיינען געוועזן רייך און האָבן זיך געקליידט אין טייערן געוואַנט, באַוואוינט געפּלאַסטערטע הייזער און הנאה געהאַט פון עולם הזה. די חכמי התלמוד האָבן אָבער נישט געהאַלטן מיט די רייכע, נאָר גע־לויבט די יגיע־כפימניקעס, וואָס האָרעווען אויפן ביסן ברויט. זיי האָבן גע־וואָרנט נישט צו פאַרלאָזן זיך אויפן חסד פון אַ בשר ודם:

„דער וואָס לעבט פון זיין מי איז גרעסער ווי אַ ירא שמים.״

— ברכות ה.

„שינד אָפּ אַ פעל אין גאַס און פאַרדין דיין ברויט און זאָג נישט: איך בין אַ חשובער מאַן און די מלאכה איז נישט פאַר מיין כבוד וועגן״

— פסחים קיג.

„דער וואָס דערוואַרט אַ טובה פון זיין חבר, ביי דעם ווערט זיין וועלט פינצטער.״

— ביצה ל״ב:

און נישט נאָר וואָס זיי האָבן שיין געדרשנט, נאָך אויך געוויזן מיט זייערע אייגענע מעשים אַ ביישפּיל. רב איז געוועזן אַ פּויער. זיינס אַ ווערטל איז

אַרומגעגאַנגען צווישן עולם: „ס'איז בעסער אַ טאָפּ פון דער ערד איידער אַ כור פון דאַך.״ אַ גרויסע צאָל רבנים האָבן נישט געלעבט פון דער תורה, נאָר פון שמידעריי, שוסטעריי, האָלצהאַקעריי.

וועגן אבא חלקיה — חוני המעגל'ס איניקל — ווערט געבראַכט אַזאַ מעשה:

אבא חלקיה איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס און אַ גרויסער צדיק. איינמאָל איז אין ארץ ישראל געווען אַ טריקעניש, די הימלען זיינען געוואָרן ווי פאַרקופּערט, און די ערד — ווי אייזן. די ביימער — פאַרטריקנט, און די פעלדער פאַרחלשט. מענטש, בהמה און פלאַנץ האָבן געלעכצט נאָך רעגן.

האָבן די איינוואוינער פון ירושלים געשיקט צוויי תלמידי חכמים צו אבא חלקיה, אַז ער זאָל מתפלל זיין: אפשר וועט דער רבונו של עולם רחמנות האָבן...

פעדערן זיך ביידע חכמים און גייען אַוועק צו אים אַהיים, אָבער דער צדיק איז נישטאָ. ווייסן זיי, אַז אויב אבא חלקיה האָט נאָר אַביסל צייט, אַרבעט ער אין פעלד — לאָזן זיי זיך מיטן ברייטן שליאַך וואָס פירט הינטערן שטאָט און זיי טרעפן אים איינגעבויגן איבער אַ בייט מיט אַ רידל, און ער גראָבט. דאָס פנים זיינס איז באַדעקט מיט געדיכטע טראָפּנס שוויס. בלייבן ביידע שליחים שטיין מיט יראת הכבוד און אַ ברכה פאַלט פון זייערע מיילער:

— זיי געבענטשט, אבא חלקיה!

אָבער דער צדיק גיט זיך נישט קיין ריר. ווי נישט אים מיינט מען עס, נאָר ער גראָבט וויטער שוואַרצע גרודעס ערד.

פאַרשעמטע לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויפן גרינעם גראָז אין קילן שאָטן פון אַ באָקסער־בוים.

גייט אַריבער אַ שעה, צוויי. מיטאַמאָל האָט זיך די זון געזעצט, פון מערב האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ מילדער ווינטל. אבא חלקיה האָט פאַר־דעכלט מיט די הענט איבער זייך שטערן, געוואָרפן אַ בליק צו דעם רויטן הימל. אַ צאַרטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין איידעלן פנים: די אַרבעט איז פאַרענדיקט. ער איז אַוועק צום נאָענטן וועלדל, ער האָט דאָרטן אָנגעקליבן אַ בינטל האָלץ, עס איבערגעוואָרפן אויף איין אַקסל, און דעם מאַנטל אויפן צווייטן אַקסל, און זיך געלאָזט גיין אַהיים; די חכמים נאָך אים, טריט ביי טריט.

אַ גאַנצן וועג איז אבא חלקיה געגאַנגען באָרוועס, ווען ער האָט געדאַרפט דורכשפּרייזן אַ טייכל האָט ער אָנגעטאָן די שיך; און ווען ער האָט געדאַרפט

אַדורכגיין שטעכעלקעס און דערנער — האָט ער פאַרבויגן זיין אונטערשטן בגד.

די צוויי שליחים האָבן זיך איבערגעקוקט. ס׳איז זיי אויסגעקומען אויסטערליש די אַלע התנהגותן פון צדיק. זיי האָבן אָבער געשוויגן. מסתם — האָבן זיי געטראַכט — איז אַ כוונה דערביי.

אָנקומענדיק אין שטאָט איז אבא חלקיה׳ס פרוי, אָן אויסגעפּוצטע, אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן. שוויגנדיק האָבן זיי זיך דערנענטערט צום הויז. אבא חלקיה האָט געעפנט די טיר, אַריינגעלאָזט פריער די פרוי זיינע, נאָכדעם איז ער אַריין, און צום סוף — די שליחים.

מ׳האָט דערלאַנגט אָן אָרעמען אָונט־ברויט: אַ פּאָר אַליוון, אַ קליין ברויטל מיט אַ קרוג וואַסער. דער בעל הבית האָט זיינע געסט נישט פאַרבעטן צום טיש. ער האָט אָפּגעשניטן צוויי פעניצלעך ברויט פאַרן ייִנגערן יינגל, און איין פעניצל פאַרן עלטערן.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, רופט זיך אָפּ אבא חלקיה צו זיין ווייב:

— כ׳ווייס, אַז די חכמים האָבן זיך מטריח געווען צוליב רעגן. לאָמיר אַרויפגיין אויפן אויבערשטיבל און תפילה טאָן, אפשר וועט דער רבונו של עולם רחמנות האָבן...

ביידע זיינען אַוועק. אבא חלקיה האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין איין ווינקל און זיין פרוי אין אַן אַנדער ווינקל, און ביידנס תפילה האָט געקוואַלט צום כסא הכבוד.

ס׳איז געווען אַדר צייט. אַ לבנה־סערפּ האָט באַזילבערט הייזער אוןביימער. פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ פאַסיקל וואָלקן אויפן הימל; ער האָט זיך אָנגעהויבן שלענגלען פון דער זייט וואו דעם צדיקס ווייב איז געשטאַנען, און מיטאַמאָל האָט אַ בליץ אַ בליאַסק געטאָן: אַ שלאַקס־רעגן האָט אָנגעהויבן צו גיסן צעבערוויז און אָנגעטרונקען מיט שפע די פאַר־שמאַכטע ערד.

ווען אבא חלקיה האָט אַראָפּגענידערט האָט ער געזאָגט:

— אַ לויב צו גאָט וואָס איצט וועט איר שוין נישט דאַרפן מער אָנקומען צו אבא חלקיה.

די שליחים האָבן גערעדט:

— אבא חלקיה, מיר ווייסן, אַז דו האָסט אַ גרויסן זכות אין הימל, פאַרן אַוועקגיין דערקלער אונדז אַ פּאָר פון דיינע דרכים...

דער צדיק האָט געשמייכלט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: אַ צייכן, אַז זיי מעגן רעדן.

— פאַרוואָס ווען מיר האָבן דיר געזאָגט שלום האָסטו אונדז נישט געענטפערט?

— ווייל איך בין אַ שכיר־יום, און כ׳האָב נישט געוואָלט פּטרן מיין באַלעבאָס צייט.

— פאַרוואָס האָסטו געשלעפּט דאָס בינטל האָלץ אויף איין אַקסל און דאָס מלבוש אויפן צווייטן אַקסל?

אבא חלקיה איז רויט געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ.

— דאָס מלבוש האָב איך געבאָרגט ביי אַ שכן. נאָר צום אָנטאָן און צו טראָגן האָט ער מיר עס געגעבן. דאָס בינטל האָלץ וואָלט געקאָנט אויסרייבן אָדער שעדיקן דעם בגד...

— פאַרוואָס ביסטו דעם גאַנצן וועג געגאַנגען באָרוועס, נאָר פאַרן טייכל האָסטו אָנגעטאָן די שיך?

— דער וועג ציט זיך פאַר מיינע אויגן אָפן, און כ׳זע אַלץ. אין וואַסער מוז מען זיין פאָרזיכטיק. מ׳קאָן נאָך ניזוקן די פיס...

— פאַרוואָס האָסטו פאַרבויגן דיין אונטערמאַנטל ווען דו ביסט געקומען פאַר שטעכעלקעס און דערנער?

— אַ ריס אין ליב פאַרגייט, אַ ריס אין בגד באַשטייט...

— פאַרוואָס איז דיין פרוי אַרויסגעקומען דיך מקבל פּנים זיין אָן אויסגעפּוצטע?

— כדי איך זאָל נישט נכשל ווערן מיט מיינע אויגן און זיך פאַרקוקן אויף אַ פרעמדער אשה...

— פאַרוואָס האָסטו צוערשט אַריינגעלאָזט דיין פרוי אין הויז, נאָכדעם בינסטו אַריינגעגאַנגען און צום סוף — מיר?

— צוליב פאָרזיכטיקייט, איר זייט מיר דאָך געווען אומבאַקאַנט.

— פאַרוואָס האָסטו אונדז נישט פאַרבעטן מיט צו עסן?

— מיין מאָלצייט איז געווען אַן אָרעמער. כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז איר זאָלט זיך אָפּזאָגן און מיר זאָגן אומזיסט אַ דאַנק...

— פאַרוואָס האָסטו דיין ייִנגערן זון געגעבן צוויי פּעניצלעך ברויט, און דיין עלטערן — נאָר איינס?

— דער ייִנגערער זיצט אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און לערנט תורה, דאַרף ער דעריבער האָבן מער כוחות; דער עלטערער אָבער זיצט אין דער היים.

— פאַרוואָס האָט זיך אַ וואָלקן ערשט באַוויזן אויפן הימל פון דעם זייט־ווינקל וואו דיין פרוי איז געשטאַנען?

— ווייל די אשה זיצט אין דער היים, ווען אַן אָרעמאַן קלאַפּט אָן אין טיר — גיט זי אים אַ שטיקל ברויט, ער געניסט פון דער נדבה באַלד און

ער שטילט זיין הונגער. איך אָבער גיב דעם אָרעמאַן אַ פּרוטה, נאָכדעם דאַרף ער גיין זיך איינקויפן דאָס שטיקל ברויט, און ערשט שפּעטער קומט זיין הנאה. דערפאַר טאַקע איז דער זכות אירער זייער גרויס...

— תענית, כ״ג.

לויטן תלמוד איז דער פאָטער מחויב אויסצולערנען זיין זון אַ מלאכה, אויב נישט איז גלייך ווי ער וואָלט אים געלערנט צו ווערן אַ רוצח. „ווייל אַ מענטש מיט אַ מלאכה אין דער האַנט איז געגליכן צו אַ וויינגאָרטן אַרומגערינגלט מיט אַ צאַם, וואו בהמות און חיות קאָנען נישט אַריינקומען און אָפּעסן זיינע פּירות.״ יעדער איינער איז מחויב צו אַרבעטן, נישט נאָר פאַר זיין חיונה, נאָר אויך כדי זיך צו באַטייליקן אין דער אויפהאַלטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. און הגם די רבנים האָבן דערהויבן דאָס לערנען תורה צו די הויפּט־עיקרים פון יידישקייט, זיינען זיי דאָך געווען גענוג פּראַקטיש צו פאַרשטיין, אַז די וועלט וועט נישט האָבן קיין קיום, אויב אַלע וועלן זיין נאָר לומדים. דערום געפינען מיר אַזאַ מאמר: „תורה אָן מלאכה וועט אונטערגיין און ברענגען נאָך זיך זינד.״

„אַ מענטש, אַז ער לערנט צוויי פּסוקים פון דער תורה אינדערפרי, און צוויי אין אָוונט און ער באַשעפטיקט זיך מיט זיין מלאכה אַ גאַנצן טאָג, ווערט פאַררעכנט ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה״.[3]

„גרויס איז די אַרבעט, ווייל זי ברענגט כבוד דעם אַרבעטער.״[4]

„אפילו דער רבש״ע האָט נישט געלאָזט רוען זיין שכינה אויף יידן אידער זיי האָבן געאַרבעט, ווי עס שטייט געשריבן „זיי זאָלן מיר מאַכן אַ מקדש און איך וועל רוען צווישן זיי״.[5]

אַ לעגענדע דערציילט, אַז ווען גאָט האָט געזאָגט צו אדם הראשון: „און דו זאָלט עסן קרייטעכץ פון פעלד״, זיינען זיינע אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן, און ער האָט געזאָגט: רבש״ע זאָל איך מיט מיין אייזל עסן צוזאַמען אין איין קאָריטע? אָבער ווען ער האָט געהערט „מיטן שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט״, האָט ער זיך באַרואיקט.

— פּסחים, קי״ח.

אַרבעט הייבט אַרויס דעם מענטשן פון דער חיה־וועלט, באַזונדערס איז חשוב די מלאכה אין פעלד: „אַלע בעלי מלאכות וועלן זיך סוף כל סוף אומקערן צו דער איינציקער מלאכה פון ערד. ווייל אַ מענטש, וואָס באַזיצט נישט קיין ערד, איז נישט קיין מענטש.״[6]

„איך בין גאָטס אַ באַשעפעניש און מיין שכן איז אויך זיין באַ־שעפעניש; איך אַרבעט אין שטאָט, ער אין פעלד. איך שטיי אויף אַ שפּראַץ אויף טאָג צו מיין מלאכה, און ער צו זיינער. אזוי ווי ער קאָן מיך נישט איבערשטייגן אין מיין ארבעט, פּונקט אזוי קאָן איך אים נישט איבערשטייגן אין זיין ארבעט. ווּעסטו אפשר זאָגן, אַז איך טו אויף גרויסע זאַכן, און ער קליינע? האָבן מיר דאָך געלערנט, אַז ס׳איז נישט קיין נפקא מינה צי איינער טוט אַ סך אָדער אַביסל. דער עיקר, אַז ער זאָל מכוון זיין דאָס האַרץ זיינס צום הימל.״

— ברכות, י״ז.

„דער וואָס זיין חכמה איז גרעסער פון זיינע מעשים, איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס זיינע צווייגן זיינען געדיכט און זיינע וואָרצלען שיטער און אַז דער שטורעם קומט, רייסט ער אים אויס און קערט אים איבער מיטן פּנים אַראָפּ״.

— פּרקי אבות ג׳, כ״ב.

גאָר אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמען די מצוות שבין אדם לחברו.

דער תלמוד באַטראַכט, אַז דער מענטש איז באַשטימט צו לעבן נישט ביחידות, נאָר בחברותא. ער איז אַ טייל פון אַ גרויסן קאָלעקטיוו. דאָס לייגט אויף אים אַרויף אַ סך פליכטן אין זיין באַציאונג צום מיטמענטש. ער קאָן נישט טאָן אַלץ וואָס אים געפעלט. זיין אויפפיר קאָן באַרירן זיינע שכנים, פּונקט ווי זייער אויפפיר קאָן באַרירן אים. בדרך משל קאָן מען עס פאַר־שטיין אויף אַזאַ אופן:

„אַ שיף האָט זיך געזעגלט אויף וויטע ימען. איינער פון די פּאַסאַ־זשירן האָט פּלוצלונג געכאַפּט אַן עגבער און אָנגעהויבן צו בויערן אַ לאָך אונטער זיין זיצאָרט. די איבעריקע רייזנדיקע האָבן זיך צוגעקוקט מיט שרעק:

— וואָס טוסטו דאָרטן?

— וואָס אַרט עס אייך? איך מאַך דאָך די עפענונג אונטער מיר!

— אמת, אָבער דאָס וואַסער וועט זיך אַריינרייסן און וועט אונדז אַלעמען פאַרפלייצן״ . . .

אין לעבן פונעם קיבוץ זיינען צדקה און שוץ פונעם בעל מלאכה געווען וויכטיקע עיקרים. אין תלמוד געפינען מיר אַן אַ שיעור דינים, וואָס באַ־וואָרענען דעם אַרבעטער, און עטישע כללים וואָס זיינען נוגע דעם אָרעמאַן.

דעם נדבן האָבן די חכמים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל געבן מיט אַ ברייטער האַנט און מיט אַ גוט געמיט, ווייל —

„אויב אַ מענטש האָט געשענקט זיין חבר אלע מתנות אין דער וועלט און זיין פנים איז צאָרנדיק און אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, איז געגליכן ווי ער וואָלט אים גאָרנישט געגעבן.״

„צדקה וועגט אַריבער אַלע מצוות אין דער תורה.״

— בבא בתרא ט.

„אפילו דער אָרעמאַן, וואָס גייט איבער די הייזער, איז מחויב צו געבן צדקה.״

— גטין ז:

באַזונדערס איז געווען גרויס די מצווה פון „מתן בסתר.״

די חכמים האָבן שטאַרק מקפיד געווען ביים אויסקלייבן דיינים. נאָר דער ערלעכער, מיושבדיקער, און דער מיט אַ ריין האַרץ האָט געקאָנט זיין אַ דיין. דער שופט האָט נישט געטאָרט קיינעם נושא פנים זיין:

„אויב עמיצער פון די בעלי הדין וועט קומען אָנגעטאָן אין שיינע בגדים, און דער צווייטער אין צעריסענע, קאָן דער שופט פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן קומען פאַר אים אָנגעטאָן אויף אַ גלייכן שטייגער.״

„כיבוד אב״ איז אַ וויכטיקער פּרינציפּ אין די „עשרת הדברות״. די תלמידי חכמים זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער אין זייערע פאָדערונגען, און האָבן קודם אויף זיך אליין גענומען די מצווה צו זיין אַ מוסטער פאַר אנדערע. זיי האָבן דערציילט פאַרשידענע עפּיזאָדן, וואָס האָבן געוואָרפן אַ שיין אויפן פּריוואַטן, צניעותדיקן און מאָראַלישן לעבן פון די לומדי התורה. וועגן ר׳ יוסף האָט מען דערציילט, אַז ווען ער האָט געהערט די פוסטריט פון זיין מוטער, האָט ער געזאָגט: „לאָמיך אויפשטיין פאַר דער שכינה וואָס איז אַריינגעקומען.״ איינמאָל איז געקומען צוגיין ר׳ ישמעאלס מוטער און האָט זיך באַקלאָגט, אַז איר זון האָלט זי נישט ערלעך. די רבנים זיינען ממש דערציטערט געוואָרן: ס׳טייטש, ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז ר׳ ישמעאל זאָל מזלזל זיין אַזאַ הייליקע מצווה? האָט די מוטער דערציילט: „ווען מיין זון גייט אַרויס פון בית המדרש וויל איך אויסוואַשן זיינע פיס, און ער לאָזט מיך נישט.״

אַלץ וואָס אַ מענטש האָט געטאָן פאַר זיינע עלטערן האָט געמוזט געטאָן ווערן מיט כבוד און יראה, ווייל —

„ס׳טרעפט, אַז אַ זון שפּייזט זיין פאָטער מיט געשטאָפּטע הענער און גייט אריין אין גיהנום. און ס׳טרעפט, אַז אַ זון מאַכט מאָלן זיין פאָטער מילשטיינער און האָט גאָר אַ ליכטיקן גן עדן. אַמאָל איז געווען אַזאַ מעשה: איינער האָט געגעבן עסן זיין פאָטער געשטאָפּטע הענער, האָט זיך דער פאָטער אַמאָל אָנגערופן צו אים: — זון מיינער, פון וואַנען נעמסטו דאָס? און דער זון האָט געענטפערט:

— אַלטער, דו עס און שווייג!

קומט אויס, אַז אַט דער שפּייזט זיין פאָטער מיט געבראָטנס און האָט גיהנום.

און אַ מעשה מיט איינעם, וואָס האָט געמאָלן די מילשטיינער. דער מלך האָט געשיקט מ׳זאָל ברענגען מילנערס צו אַרבעטן פאַר אים. רופט זיך אָן דער זון צום טאַטן:

— טאַטע, גיי דו אַריין און מאָל פאַר מיר און איך וועל גיין אַר־בעטן פאַרן קעניג. ממה נפשך: אויב ער וועט מיך מבזה זיין, וועל איך זיין דער פאַרשעמטער, טאָמער וועט ער מיך שמייסן, וועל איך כאַפּן די שמיץ, נישט דו. קומט אויס, אַז דער זון מאַכט זיין פאָטער מאָלן מיל־שטיינער און האָט אַ ליכטיקן גן עדן.״

— קדושין, ירושלמי, כ.

צווישן די גוטע מדות רעכענען אויס די חכמי התלמוד „עניוות.״ אַ גרונט צו זייערע ווערטער האָבן זיי געפונען אינעם תנ״ך, אין דעם געלייטערטן געשטאַלט פונעם אבי הנביאים: „און משה איז געווען עניוותדיק מער פון אַלע מענטשן.״ מיכה המורשתי האָט אזוי פאָרמולירט זיינע מאָראַלישע פאָ־דערונגען: טו משפט, האָב ליב גוטסקייט און גיי פרום־באַשיידן מיט דיין גאָט.״ און דער תהלים־זינגער זאָגט:

— „ווער מעג וואוינען אין דיין געצעלט,
ווער מעג רוען אויף דיין הייליקן באַרג?
— דער וואָס גייט מיט פרומקייט און טוט גערעכטיקייט,
און רעדט אמת אין זיין האַרצן.
פאַרלוימדט קיינעם נישט מיט זיין צונג,
טוט נישט קיין שלעכטס זיין חבר,
און ברענגט נישט קיין שאַנד אויף זיין פריינט.
דער נבזהדיקער איז אין זיינע אויגן פאַראַכט,

אָבער די גאַטספאַרכטיקע — האַלט ער ערלעך.
דער וואָס טוט דאָס אַלץ וועט קיינמאָל נישט געשטרויכלט ווערן.״
— תהלים, ט״ז, א־ה.

די חכמי התלמוד האָבן מיט פּאַטישע משלים פאַרגעשטעלט עניוות:

„ר׳ לעוויטאס זאָגט: האַלט זיך זייער זייער נידעריק ביי זיך.״

„דאָס דאָזיקע הויז, אויב עס האָט נישט קיין שוועל, איז עס נאָך אין דער בחינה פון אַ נישט פאַרענדיקט הויז. אויך דו מעגסט זיין אַ מושלם מיט אַלע מעלות, אויב אָבער דיר פעלט צניעות, ביסטו נישט קיין מושלם.״

„סנה, סנה! נישט דערפאַר וואָס דו ביסט העכער פון אַלעביימער האָט הקב״ה געלאָזט רוען זיין שכינה אויף דיר, נאָר דערפאַר וואָס דו ביסט דער נידעריקסטער פון אַלע ביימער.״
— שבת טז.

דער מענטש איז מחויב צו זיין ערלעך און זיך אויפפירן מאָראַליש, נישט מחמת מורא צו ווערן באַשטראָפט פון מלכות, נאָר צוליב יראת שמים. און דער תלמוד ברענגט פאַר דעם אַזאַ משל:

— איינמאָל ווען ר׳ שמואל איז אָנגעקומען קיין רוים, האָט ער דער־הערט, אַז די מלכה האָט פאַרלאָרן שניר־לעך־פערל, דימענטן, בריליאַנטן און אבנים טובות. איבער די גאַסן האָט מען געלאָזט אויסרופן, אַז דער וואָס וועט דאָס צירונג געפינען און וועט עס אומקערן אין משך פון דרייסיק טעג, דער וועט באַקומען אַ טייערן לוין, נאָך די דרייסיק טעג — וועט מען אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ. גייט איין שיינעם פרימאָרגן ר׳ שמואל אין גאַס און געפינט דאָס צירונג, אָבער ער האָט זיך נישט געאיילט. ערשט נאָך די דרייסיק טעג איז ער געקומען פאַר דער מלכה און אוועק־געלייגט די אבדה. די מלכה איז געשטאַנען אַן אויפגערעגטע:
— פאַרוואָס האָסטו אָפּגעבראַכט נאָך דער באַשטימטער צייט? ביסטו נישט געווען אין שטאָט?
— כ׳בין יאָ געווען.
— האָסטו נישט געהערט דעם באַפעל?
— געהערט.
— נו, פאַרוואָס האָסטו נישט אָפּגעבראַכט?

— כדי דו זאָלסט נישט מיינען אַז מחמת מורא פאַר דיר האָב איך עס געטאָן . . .

די חכמי התלמוד האָבן איינגעפלאַנצט אין האַרץ פון יעדן ייד דריי ליבשאַפטן: צום פאָלק, היימלאַנד און צו דער תורה. אַ טייל יידן האָט אפילו נישט געוואוסט וואָסער מדרגה איז העכער:

„דערציילט אליהו: אַמאָל האָב איך געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, האָט מיך באַגעגנט אַ מענטש און מיך געפרעגט: צוויי זאַכן זיינען דאָ אין מיין האַרץ און איך טו זיי ליבן מיט אַ גרויסער ליבשאַפט: תורה און ישראל, אָבער איך וויס נישט ווער פון ביידע איז בילכער? האָב איך אים געזאָגט: אייניקע מענטשן גלייבן, אַז די תורה איז בילכער פון אַלץ, איך זאָג, אַז י ש ר א ל א י ז ב י ל כ ע ר.״

אינעם דאָזיקן קורצן מעשהלע לייכט דער געדאַנק, אַז די תורה איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש, און נישט דער מענטש פאַר דער תורה. דינען גאָט דורך דעם מענטש, באַרייכערן און האַלטן טייער זיין לעבן איז דער העכס־טער אידעאַל פון יידישקייט. זאָגט טאַקע יהודה בן בתירא: „איינער האָט אַראָפגעוואָרפן אַ קינד פון שפּיץ־דאַך און דאָס קינד האָט געמוזט דערהרגעט ווערן פון דעם פאַל, איז אַנגעלאָפן אַ צווייטער און דאָס קינד אויפגעכאַפּט אויף אַ שווערד, און דערמיט האָט ער פאַרשנעלערט דעם קינדס טויט — איז דער לעצטער שולדיק, ווייל ער האָט איבערגעשניטן דעם פאָדעם פון אַ לעבן אַ פּאָר מינוטן פריער.״

לויט דער דאָזיקער אויפפאַסונג איז נישטאָ נאָך אַזאַ טייערע זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט לעבן. איין מינוט פון „זיין״ איז שקול כנגד אַלע אוצרות פון דער וועלט:

„דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן איינער אליין, כדי צו לאָזן וויסן: דער וואָס ברענגט אום איין מענטש איז פאַררעכנט ווי ער וואָלט אומ־געבראַכט אַ גאַנצע וועלט, און דער וואָס דערהאַלט ביים לעבן אַ נפש, דער איז פונקט ווי ער וואָלט דערהאַלטן ביים לעבן אַ גאַנצע וועלט.״

— סנהדרין לז.

דער צער פון דעם פאַרשעמטן מענטשן איז גרויס. קיין קרעכץ גייט נישט פאַרלוירן, נאָר שפּאַלט הימלען, דערגרייכט צום כסא הכבוד, שרייט

און מאַנט. „די טויערן פון טרערן וועלן קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן." דער־
פאַר דערציילט טאַקע די לעגענדע, אַז ירושלים — דאָס האַרץ פון דער וועלט
און דער צענטער פון הייליקייט — איז חרוב געוואָרן צוליב קמצא און בר
קמצא: אין ירושלים האָט אַמאָל געלעבט אַ ייד, אַן עושר, האָט ער געהאַט
אַ גוטן פריינט מיטן נאָמען קמצא און אַ שונא — בר קמצא. ויהי היום, דער
עושר האָט געמאַכט אַ מאָלצייט, און ער האָט געהייסן זיין דינער, אַז ער
זאָל איינלאַדן זיין גוטן פריינט — קמצא. גייט דער דינער אַוועק און — על
פי טעות — קלאַפּט ער אָן אין דער טיר פון בר קמצא:

— ליבער האַר, מיין באַלעבאָס האָט דיך פאַרבעטן צו זיין סעודה!

שטייט בר קמצא פאַרחידושט: היתכן? זאָל עס זיין אמת? אָבער ווער
ווייס? אפשר איז דער גרויסער גביר געוואָרן אַ רודף שלומניק, און ער וויל
זיך איבערבעטן? איילט זיך בר קמצא, טוט אָן זיינע שענסטע מלבושים און
גייט שנעל אַוועק אין פּאַלאַץ, וואו ס׳זיינען געזעסן די פני העיר און האָבן
געוואַרט אויפן באַלעבאָס.

דערווייל נישט לאַנג און דער גביר קומט אַריין. פאַלן זיינע אויגן אויף
דעם געדעקטן טיש, גליטשן זיך זיינע בליקן פון אורח צו אורח, און זיין
פּנים ווערט פאַרוואָלקנט פון צאָרן: זיין שונא זיצט גאָר צווישן די געסט!
און איידער וואָס ווען דערטראָגט זיך אַ באַפעלערישע שטים:

— בר קמצא, אַרויס פון דאַנען!

זיצט בר קמצא אַ צעטומולטער, קאָרטשעט זיך פון ווייטיק. די רויטקייט
פון זיין פּנים איז פאַרשוואונדן און עס איז געוואָרן ווייס ווי דער שניי אויפן
חרמון־באַרג.

— כ׳בין גרייט דיר צו באַצאָלן פאַר דער גאַנצער סעודה, לאָז מיך זיצן
און פאַרשעם מיך נישט פאַרן עולם.

אָבער דאָס האַרץ פון עושר איז שטיין:

— אַרויס!

הייבט זיך אויף בר קמצא. זיינע בליקן בלאָנדזשען אויף די געסט. אָבער
קיין באַוועגונג. קיינער פאַרלאָזט נישט דעם פּאַלאַץ מיט אים. שפּעטער
זיצן אַלע ביים טיש און מען לאָזט זיך וואוילגיין, און אין דרויסן שפּאַנט בר
קמצא, אַ באַליידיקטער, אַ דערשלאָגענער, און פון זיינע אויגן רינען טרערן.

אין יענער שעה — דערציילט די אגדה — איז געחתמעט געוואָרן דער
גזר־דין אויף ירושלים. ווייל אַ מענטש איז באַליידיקט געוואָרן, און
קיינער האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר אים, קיינער האָט נישט באַמערקט
זיין שטילן צער.

„דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר אין דער עפנטלעכקייט, איז פונקט ווי ער וואָלט האָבן פאַרגאָסן זיין בלוט.“

— בבא מציעא נח:

אָפּטמאָל קאָן זיך דאַכטן, אַז יסורים זיינען אומזיסט, אַז דעם רשע גליקט אַפּ און דער צדיק מוטשעט זיך נעבעך אויף דער וועלט, אָבער —

„דער טעפּער פּרוּווט נישט אויס קיין געפּלאַצטע כלים, ווייל איין קלאַפּ מיטן פינגער און זיי צעברעכן זיך. אָבער ווען ער פּרוּווט אויס געגלייזט סאָליד געפעס קאָן ער קלאַפּן עטלעכע מאָל, וועלן די כלים נישט פּלאַצן. אזוי איז אויך מיטן רבונו של עולם: ער שטעלט פאַר אַ נסיון דעם צדיק און נישט דעם רשע. דאָס אייגענע איז מיט אַ פּויער, וואָס האָט צוויי קי: איינע אַ פעט־לייביקע, אַ געזונטע, און די אנדערע אַ מאָגערע, הויט אוןביינער. וואָסערע שפּאַנט ער איין אין יאָך? אוודאי די געזונטע. אַזוי טוט אויך דער רבש״ע מיט זיינע פרומע“.

— בראשית רבא ל״ב, ג.

די חכמי התלמוד האָבן אנטוויקלט ביים פאָלק דעם גלויבן אין דער אייביקייט פון יידן:

„די דאָזיקע אומה איז געגליכן צו שטויב און שטערן — פאַלט זי, פאַלט זי בידעריקער פון דעם שטויב, שטייגט זי — שטייגט זי ביז צו די הויכקייטן פון הימל.“

— מגילה ט״ז.

אינטים־פּערזענלעך איז געווען דער בונד מיט ציון:

„האָט געזאָגט ירמיהו דער זון פון אבא אינם נאָמען פון ר׳ יוחנן: דער וואָס גייט פיר איילן אין ארץ ישראל, קען ער זיין זיכער, אַז ער וועט האָבן עולם הבא.“

— כתובות קיא.

„שטייט אַ מענטש אין חוץ לארץ, זאָל ער ווענדן זיין האַרץ צו דער ריכטונג פון ארץ ישראל.

„איז ער געשטאַנען אין ארץ ישראל, זאָל ער ווענדן זיין האַרץ צו דער ריכטונג פון ירושלים.

— ירושלמי ברכות פ״ב, ה״ח.

„איז ער געשטאַנען אין בית המקדש, זאָל ער ווענדן זיין האַרץ צו דער ריכטונג פון קדשי הקדשים.

„איז ער געשטאַנען אין קדשי הקדשים, זאָל ער ווענדן זיין האַרץ צו דער ריכטונג פון בית הכפורת. וועט אויסקומען, אַז אַלע יידן האָבן געווענדט זייער האַרץ צו איין אָרט.״

„האָט געזאָגט הקב״ה: מיר איז ליבער אַ קליינע עדה אין ארץ ישראל, איידער אַ גרויסער סנהדרין אין חוץ לארץ.״

— ברכות ל.

„דריי גוטע מתנות האָט גאָט געגעבן צו די בני ישראל און אלע דריי האָט ער געגעבן נאָר דורך ליידן, און זיי זיינען: תורה, ארץ ישראל און עולם הבא.״

— ברכות ה.

„דאָס וואוינען אין ארץ ישראל וועגט אריבער אלע מצוות אין דער תורה.״

— ספרי ראה.

דער תלמוד האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ הימלאַנד און אַ יידישע מלוכה. אומעטום, וואו ס׳איז נאָר אויפגעקומען אַ יידישער ישוב — ווי קליין ער זאָל נישט האָבן געווען — איז גלייך אויפגעבויט געוואָרן אַ בית המדרש, אַ מנין, אַ קלויז, אַ תלמוד תורה, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און רעליגיעזן לעבן. וואו ערגעץ אין די תפוצות האָט אויפגעלויכטן אַ שטערן — אַ תלמיד חכם — האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן ארום אים תלמידים צו לערנען פון זיין מויל תורה, חכמה און יראת שמים. אין משך פון זיין לעבן איז זיין געבוירנשטאָט געוואָרן אַן אכסניא פון תורה. דער יידישער קיום איז איצט געוואָרן די תורה. דער בית המקדש איז פאַרביטן געוואָרן אויף באַשיידענע, פאַרשטיקטע, ענגע חדרים, וואו תינוקות של בית רבן און דערוואַקסענע יידן זיינען געזעסן, געלערנט, געהאָפט און געחלומט פון משיח־צייטן, אַז גאָט זאָל אומקערן זיין שכינה קיין ציון, און די איינגעפאַלענע סוכה פון דוד זאָל צוריק אויפגעריכט ווערן צו איר אַמאָליקן שטאַנד.

קאפיטל צוויי

די תקופה פון די גאונים

די גאונים און זייער פונקציע. — די „שאלות ותשובות". — דער עקסילאַרך, „ריש גלותא", און זיין לעבנס־שטייגער. — די ישיבה אין סורא און פומבדיתא. — די קאָנקורענץ. — די באַציאונג צווישן עקסילאַרך און גאון. — דוד בן זכאי. — דער גורל פאַלט אויף ר' סעדיה.

מיטן אָפּשלוס פון תלמוד אינם יאָר 500 איז געקומען אַ שטילשטאַנד אינם קולטור־עלן און גייסטיקן לעבן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון די סבוראים און גאונים, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן עלפטן יאָרהונדערט. די סבוראים און גאונים האָבן ווייטער געלערנט און אויסגעטייטשט די תורה, אָבער אָן פאַרנעם און אָן שוואונג. אַנשטאָט צו באַפרוכפּערן דעם יידישן געדאַנק מיט נייע אידייען, האָט מען אָנגעהויבן צו קאָנאָניזירן און אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, די שווער־באַלאַדענע ירושה. אַ סך מדרשים און פיוטים זיינען געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט, אָבער אויך דאָ זיינען געשטאַנען די „שומרי החומות" און געקוקט מיט זיבן אויגן אויסצומיידן אַ מינדסטן אָפּ־נייג פון דער מסורה.

צוויי וויכטיקע סיבות האָבן גורם געווען צום דאָזיקן פאַרגליווער: א) ס'קוקט אויס ווי די אַרבעט פון זאַמלען און שליסן דעם תלמוד האָט אַרויסגערופן אַ גייסטיקע מידקייט און אויסגעשעפּט די שעפערישע כוחות; ב) די רדיפות פון די פערסישע און ביזאַנטישע מלכים האָבן אויך גע־געצוואונגען דעם ייד זיך איינצוזונרען אין זיין אייגענער וועלט, אָפּוועגדן דאָס אויג פון דער קעגנוואָרט צו דער פאַרגאַנגענהייט. מ'האָט געהיט טראַדיציע און זיך באַצויגן מיט חשד צו יעדן נייעם פּרוואו אין דער וועלט פון גייסט און געדאַנק. אזוי איז איינגעשרומפּן געוואָרן די נאַציאָנאַלע יידישע שאַפונג.

דער דאָזיקער מצב האָט געדויערט קרוב צו דריי הונדערט יאָר. נאָר פּלוצלונג האָט די יידישע וועלט זיך אַ וויג געטאָן: דאָס אַראַבישע פאָלק איז אויפגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע מיט אַ יונגן אימפּעט, אַ

נייער רעליגיע און פרישע אידייען, וואָס ס׳האָט פאַרשפּרייט מיט דער שווערד. אַלטע טראַדיציעס האָבן נישט געפּענטעט זיין גייסטיקע אנטוויקלונג. די בליענדיקע אמונה פון אישלאַם האָט דעם זון פון ישמעאל נישט געשטערט אויפצונעמען געדאַנקען פון דער דרויסנדיקער וועלט און זיי איבערקאַכן נאָך זיין אייגענעם געשמאַק און גייסט. אָט דער אויפבּרויז איז נישט אַריבער אומבאַמערקט אינעם יידישן לעבן. דער אַראַבער האָט אויך געבראַכט דעם ייד אַ געוויסע מאָס פרייהייט און טאָלעראַנץ. דאַמאָלסט האָט זיך פון אַל־פאיום אין מצרים דערטראָגן די בשורה: אַ שטערן איז אויפגעטראָטן פון יוסף — ר׳ סעדיה גאון.

די גאונים, וואָס זיינען אויך געווען ראשי ישיבות, האָבן זיך באַשעפ־טיקט מיט שאלות ותשובות. זיי האָבן זיך נישט באַטראַכט געגנוג אויטאָ־ריטאַטיוו צו ענדערן עפּעס — סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם — אין תלמוד, צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען. זייער ארבעט האָבן זיי באַגרענעצט אויף שטו־דירן, לייענען, איבערחזרן און דערקלערן. די משנה און גמרא זיינען רע־דאַקטירט געוואָרן דורך הונדערטער חכמים. אין ביידע זיינען אריינגעפאַלן גרייזן און אומפּינקטלעכקייטן. הלכות זיינען אָפּטמאָל געווען הארב, אומקלאָר, פאַרהורבעט מיט גאַנצע בערג רייד, מ׳האָט געדאַרפט ארויסשיילן דעם יאָדער, ארויסנעמען דעם עיקר פונם טפל, אויסגלייכן סתירות און פאַרענטפערן קשיות. אַ חוץ דעם זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט שאלות. נישט אומעטום האָט דערגרייכט דער תלמוד און נישט אומעטום האָבן זיך געפונען געלערנטע.

יידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט, אָפּגעריסן איינער פונעם צווייטן. די שאלות־פרעגער זיינען נישט געווען קיין וואויל־קענער, קיין שאַרפע קעפּ, חריפים און בקיאים, נאָר פּשוטע מענטשן — שוסטערס און שניידערס, בע־קערס און בעדערס, פאַרבּערס און וועבערס, פישערס און טרעגערס, תבואה־הענדלער און וויין־סוחרים. דער ייד איז ארויס פון זיינע ד׳ אמות, ער איז געקומען אין באַריר מיט דער גויאישער וועלט. ער האַנדלט און וואַנדלט מיט זיינע שכנים. דאָס ביסל חיונה קומט אָן כקריעת ים סוף. מ׳קאָן נישט זיין אזוי אָפּגעהיט אין שמירת שבת, אין נעמען פּראָצענט, אין שותפות און עגלעכע ענינים צווישן מענטש און מענטש. די דאָזיקע ארויפגעשוואו־מענע פראַגעס האָבן פאַרלאַנגט אַ באַלדיקן ענטפער. די עלטסטע פון די ישיבות זענען זיך צונויפגעקומען צוויי מאָל אַ יאָר און האָבן באַהאַנדלט גע־מיינזאַם אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין משך פון די פאַר־לאָפענע זעקס חדשים, אָנגענומען באַשלוסן, און מיט ספּעציעלע שלוחים

אָפּשיקן די ענטפֿערס. די ווichטיקייט פון די דאָזיקע כנסיות איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן פֿאַרשפּרייט נישט נאָר תורה און וויסן, נאָר בעיקר ווייל זיי האָבן אָנגעצייכנט דעם לעבנס־וועג פֿאַרן פֿאָלק און ווייטער געשפּונען דעם פֿאָדעם, וואָס פֿאַרקניפּט און פֿאַרבינדט די אַלע יידן אין דער צעשפּרייטקייט.

ביים לייענען די שאלות ותשובות אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדזערע אויגן אַ שווידערלעך בילד פֿונעם יידישן פּאָליטישן און בירגערלעכן מצב: אַ גרויל פֿון רעכטלאָזיקייט און שוצלאָזיקייט. דער יידישער קיום איז הפקר. ווי אַ צעשראָקענע סטאַדע שעפּסן, אַרומגערינגלט פֿון וועלף, לעבן די קינדער פֿון ישראל. מ'איז קיינמאָל נישט זיכער מיטן מאָרגן. מ'לייגט זיך מיט מורא און מ'שטייט אויף מיט שרעק. אַביסל פֿרייהייט אין זייער אייגענעם כלל־לעבן האָבן יידן דאָרטן, וואו זיי וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן. דאָרטן אָבער, וואו זיי זענען אַ מיעוט, זיינען זיי אַפילו נישט פֿריי מקיים צו זיין די תורה. אַמאָל באַפֿאַלן רויבער־באַנדעס, אַדער מיליטער די שטעטלעך, צעהוליען זיך איבער דער יידישער באַפֿעלקערונג, ראַבעווען און מאָרדן און טוען אָן כלערליי עינויים. גאַנצע יידישע ישובים ווערן אָפּגעווישט. אַ טייל געלינגט זיך צו ראַטעווען. מ'אַנטלויפֿט וואו די אויגן טראָגן, האַק און פּאַק, אין גע־אייל און פּחד. מען ווייסט נישט וואוהין. אין וואַלד, אין פֿעלד, אין וואַסער. די בהלה איז גרויס און די אימה נאָך גרעסער. אין סאַמע מיטן פֿון די בהלות טרעפֿן טרויעריקע געשעענישן: משפּחות ווערן צעשיידט, פֿרויען בלייבן עגונות, קינדער אָפּגעריסן פֿון עלטערן, עלטערן פֿון קינדער, גטן ווערן פֿאַר־לוירן, כתובות פֿאַרברענט. ס'זענען אויך דאָ יידן וואָס ווערן נעבעך נכשל. דער נסיון איז גרויס. דאָס גאַנצע לעבן הענגט אויפֿן שפּיץ מעסער, אויף אַ האָר, און נישט תמיד קאָן מען זיין אַ גבור. טוט מען אָפּ זאַכן, וואָס אין נאָר־מאַלע צייטן וואָלט מען זיי נישט געטאָן. באַוויזט זיך אין אַ פֿענצטער פֿון אַ יידיש הויז אַ צלם, פֿאַרשטעלט זיך אַ ייד פֿאַר אַ גוי, כדי אפשר אָפּצונאַרן אויף אַ מינוט דעם רוצח. שפּעטער, ווען דער הימל לייטערט זיך אויס, דער שטורעם גייט פֿאַרביי, סוורערט אַביסל רואיקער, קוקט מען זיך אום מיט טויט־צעשראָקענע אויגן: טאַטע אין הימל, וואָס האָב איך געטאָן? געקאָנט זיך קונה עולם זיין, און איצט — פֿאַרלוירן ביידע וועלטן! און אפשר איז עס געוואוען אַן אונס? דאַרף מען דאָך אַרויסנעמען אַ תשובה, אָפּריכטן גלות, פֿאַסטן תעניתים, פּייניקן דעם זינדיקן גוף און געפֿינען אַ תיקון.

אזוי זיינען אנטשטאַנען סאָציאַלע, רעליגיעזע, מאָראַלישע און פֿאַמיליע־פּראָבלעמען. מ'דאַרף דאָס אָרעמע לעבן צוריק אויפֿבויען, געזונט מאַכן,

היילן וואונדן, טרייסטן צעבראָכענע הערצער, ארויסשלעפּן פון אָפּגרונט, העלפן מיט עצות, און צו וועמען זאָל מען זיך ווענדן, אויב נישט צו די גדולי ישראל אין די באַרימטע ישיבות?

צו די תשובות פון די גאונים אין בבל האָט מען זיך באַצויגן מיטן גרעסטן דרך ארץ. די תלמידי חכמים האָבן געפילט דעם דאָזיקן פּרעסטיזש און געזאָרגט אים צו פאַרגרעסערן. אויף געוויסע „תשובות" האָבן די רבנים געענטפערט מיט אויטאָריטעט, קורץ און שאַרף: „אזוי איז מען זיך נוהג אין ביידע ישיבות". די קהילות פון אַלע יידישע ישובים האָבן אָנגענומען דעם פּסק און אים מקיים געווען מיט אַלע פּרטים. אַן אויסנאַם איז געווען ארץ ישראל, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענעם נוסח, אַן אייגענע טראַדיציע און אַ לענגערע צייט שטאָלצירט מיט דעם גלאַנץ פון דער אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט.

אין די ישיבות פון בבל האָט מען געלערנט תורה שבעל פה, נישט אזוי צוליב איר אקאַדעמישן און הערציערישן ווערט, נאָר באַזונדערס צוליב די פּראַקטישע דינים. אויב ביידע „תלמודים" האָבן זיך סותר געווען, האָט מען געפּסקנט לויט דעם באַבילאָנישן. „אנו על התלמוד שלנו סומכין" — מיר שטיצן זיך אויף אונדזער תלמוד — באַשליסן מיט שטאָלץ די גאונים. גאַנץ אָפט האָבן זיי געבראַכט די קעגנערישע מיינונג פון ירושלימער תלמוד, כדי דערמיט נאָך מער אונטערצושטרייכן, אַז די תקנות פון חכמי בבל זיינען וואָגיקער: „רבנן דארץ ישראל הכי קעבדינן ואנחנו הכי חזינן" — די ארץ ישראל רבנים טוען אזוי, אָבער אונדז געפעלט גיכער אזוי. די איבערהאַנט פון תלמוד בבלי איבער דעם ירושלמי דערקלערן די גאונים דערמיט, וואָס דער ערשטער איז שפּעטער צונויפגעשטעלט געוואָרן. פאַר די צונויפשטעלער איז שוין געלעגן דער ירושלימער תלמוד אַן אָפּגעשלאָסענער. אַז וואָס זיי האָבן אַנדערש געפּסקנט? מן הסתם האָבן זיי געהאַט אַ וויכטיקן מיין דערביי. דעם תלמוד ירושלמי האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ טפל. פונדעסטוועגן פלעגט מען אים אויך שטודירן אין די ישיבות. אַן ענטפער אויף די אומקלאָרע סוגיות פון באַבילאָנישן תלמוד האָט מען געזוכט אין ירושלימער. מען האָט פאַרגליכן ביידע שטעלן און געקומען צו די געהעריקע אויספירן.

די העברעאישע שפּראַך אין בבל איז נישט געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. די גאונים האָבן פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל נאָר באַנוצט ווערן אין די שולן און בתי מדרשים בעת די תפילות, אָבער נישט אין די ישיבות. זיי האָבן לחלוטין נישט מקפּיד געווען אויף איר סטיל, ריטם און כללים פון דקדוק. נישט אומזיסט האָבן די קראים, די סעקטע וואָס האָט זיך געהאַלטן

ביי דער תורה שבכתב, זיי געמוסרט פאַר באַנוצן אַראַמיש און פאַר דער באַבלעסיקייט און גרינגשעצונג לגבי העברעאיש. אזוי, למשל, האָט געשריבן דער קאַראַים ניסי בן נח וועגן די עשרת הדברות:

„איך האָב זיי דערקלערט אין אַ קלאָרער שפּראַך, מיט אַ רייכן סטיל, אין די ווערטער פון די העברעער און נישט אין די ווערטער פון די אשורים, אָדער אַראַמייער, וואָס זייערע שפּראַכן זיינען נישט אזוי געהויבן פאַר די גלות־קינדער, און וואָס צוליב זיי האָבן די עברים פאַרגעסן זייער לשון, אַנגעקליידט זיקער חכמה און געדאַנק אין אַ שטאַמלעריי־אויסשפּראַך און מאַכן טעותן אין מקרא, פאַרפּלאָנטערן זיך אין פּלפּול און קערן זיך אָפּ פון פשוטן פשט.״

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז די גאָלדענע תקופה פון די ישיבות אין סורא און פומבדיתא האָט זיך געצויגן אָן אינעווייניקע און אויסעווייניקע אויפטרייסלונגען. אויך די יידן פון בבל האָבן געטרונקען פונעם ביטערן בעכער. אַ שטורעם האָט אָפּט זיך געטראָגן איבער זייער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. מ׳האָט זיי באַרויבט פון זייערע רעכט און אפילו פאַרמאַכט די ישיבות. אָבער דער שטורעם פלעגט לאַנג נישט אָנהאַלטן. ווייטער איז אָנגעגאַנגען אַ יידיש לעבן באַקרוינט מיט די ביידע קרוינען: די קרוין פון עקסילאַרך, — דער ריש גלותא, — און די קרוין פון גאונות.

דער עקסילאַרך האָט באַקומען זיין אַמט בירושה און דאָך האָט ער געמוזט האָבן אויך די באַשטעטיקונג און הסכמה פון די גאונים. דאָס איז געווען אַ מיטל פון פאַרזיכטיקייט קעגן אויטאָקראַטיע. מיט אַ באַזונדערן צערעמאָניאַל האָט מען געפייערט די נאָמינאַציע. די פּאַטריאַרכן, די דעלעגאַטן פון די קהלות און די צוויי ראשי ישיבות זיינען זיך צונויפגעקומען אין אַ שיין דעקאָרירטן זאַל אין סורא. דאָרטן זיינען געשטאַנען זיצפּלעצער פאַר אַלע פאַרזאמלטע און אַן ערן־שטול פאַרן עקסילאַרך. דער גאון פון סורא האָט געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט מוסר דעם ריש גלותא, אַז ער זאָל גיין בדרך הישר און אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון זיין אַמט. די אַנדערע וואָך דאָנערשטיק, איז דער גאַנצער עולם געגאַנגען אין שול. ביידע ראשי ישיבות האָבן ארויפגעלייגט זייערע הענט אויפן קאָפּ פון עקסילאַרך, מ׳האָט געשאַלט אין טרומפּייטן, געשפּילט אויף האַרפעס און צימבאַלן. אַלע האָבן אויסגעשריען: „זאָל לעבן אונדזער האַר, דער פּרינץ פון גלות!״ שבת האָט מען אָפּגעריכט אַ תפילה בצבור מיט גרויס פייערלעכקייט. אינמיטן בית הכנסת

האַט מען אויפגעשטעלט אַ בוים און אויסגעשפּרייט אויף אים ליינען, בלאָע ווערמילרויטע וואָל. דער עקסילאַרך איז אַרויפגעשטיגן אויף אַ טורעם, וואָס איז געווען באַפּעסטיקט מיט שנורן פון פיינליינען. רעכטס איז געזעסן דער גאון פון סורא, לינקס—דער גאון פון פּומבדיתא. דער חזן האָט דערלאַנגט די ספר תורה און דער ריש גלותא האָט געלייענט. נאָכדעם האָט מען געזאָגט די תפילה יקום פורקן, וואָס מ׳האָט פאַרפאַסט לכבוד דער דאָזיקער גע־לעגנהייט:

„זאָל קומען דערליידזונג פון הימל, ליבשאַפט, לייטזעליקייט, רחמים, לאַנג לעבן, דערנערונג בשפע, הילף פון איבערשטן, געזונט פאַרן גוף און אַ ליכט פון אויבן, געזונטע און לעבעדיקע קינדער, וואָס זאָלן נישט אויפהערן צו לערנען און זאָלן זיך נישט אָפּקערן פון די רייד פון דער תורה. צו די לערער און רבנים פון דער הייליקער עדה אין ארץ ישראל און אין בבל, די אַלע וואָס שטייען בראש פון די ישיבות, די עקסילאַרכן פון גלות, די וואָס שטייען בראש פון די מתיבתות, די דיינים אין די טויערן, אַלע זייערע תלמידים, און די תלמידים פון זייערע תלמידים און אַלע וואָס לערנען תורה — דער רבונו של עולם זאָל זיי בענטשן, פאַרלענגערן זייער לעבן, מערן זייערע טעג, צוגעבן צו זייערע יאָרן און זיי זאָלן געזונט ווערן און זיין אָפּגעהיט פון יעדער צרה און פון יעדן אומגליק, דער פאָטער אין הימל זאָל זיי העלפן אין אַלע צייטן, און תמיד, אמן.״

די פייערונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּראָצעסיע צום עקסילאַרכס הויז, וואו ס׳איז געווען צוגעגרייט אַ מאָלצייט כיד המלך.

דער ריש גלותא האָט געוואוינט אין אַ רייכן פּאַלאַץ און זינגערס פלעגן זינגען פאַר אים ביי זיין שלאָפן גיין און ביי זיין אויפשטייען. ער איז באַגאַרטלט מיט אַ זיידענעם גאַרטל פאַר אַ צייכן פון שררהשאַפט. ער איז געפאָרן אין אַ רייטוואָגן באַוואַכט פון מיליטער. צו שפּייזן זיין משפחה, די באַאַמטע און דינערס, האָט דער קאַליף פאַר אים באַשטימט געווויסע פּראָווינצן, וואָס פון זיי האָט ער געקאָנט איינמאָנען שטייערן. דאָס פאָלק האָט זיך באַ־צויגן צו אים מיט דרך ארץ, ווייל ס׳האָט געזען אין אים דעם צווייג פון דודס אָפּשטאַם און אַ זכר פון פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט. יעדער איינער האָט אים געשיקט מתנות: שיינע בגדים, צירונג, גאָלדענע און זילבערנע כלים, דימענטן און בריליאַנטן.

ר׳ בנימין בן יונה פון טודעלא ¹, וואָס האָט באַזוכט בבל, שילדערט אין זיין בוך „מסעות של בנימין״, אָט אַזוי דעם לעבנס־שטייגער פונעם עקסילאַרך:

„בראש פון אלעמען שטייט דער ריש גלותא, וואָס יידן רופן אים ,אונדזער האַר, הויפּט פון די פּאַרטריבענע יידן אין גלות׳. ער האָט די מאַכט איבער אַלע יידישע קהלות, פון זיין כבוד וועגן מוזן זיך אַלע אויפשטעלן: מאַכמעדאַנער, יידן און איטלעכער וואָס וואוינט אין דער מלוכה. ווער ס׳איז עובר אויף דעם געזעץ, דער ווערט באַשטראָפט מיט הונדערט שמיץ.

„יעדן פינפטן טאָג פון דער וואָך, בעת ער גייט צום קאַליף, באַגלייטן אים רייטער, מאַכמעדאַנער און יידן. אויסרופער לויפן פאָראויס און זיינען מכריז: „מאַכט אַ וואַרע, ווי עס פּאַסט פאַר אונדזער האַר, דעם זון פון דוד!״ מען זעצט אים אויף אַ פערד און מען טוט אים אָן אין געשטיקטע קליידער פון זייד, מיט אַ גרויסן טורבאַן אויף זיין קאָפּ. פון דעם טורבאַן ציט זיך אַ ווייסער באַנד, באַצירט מיט אַ גילדערנער קייט, אויף וועלכער ס׳איז אויסגע־קריצט דער צייכן פון מאַכמעדן. אַז דער ראש הגולה קומט פאַרן קאַליף, קושט ער אים די האַנט. דער קאַליף הייבט זיך אויף און זעצט זיך אַוועק אויף אַ טראָן, וואָס מאַכמעד, — דער מוסולמענישער נביא — האָט געלאָזט מאַכן פאַר אים, און אַלע מאַכמעדאַנישע פּרינצן אין הויף שטעלן זיך אויף. דעמאָלט זעצט זיך דער ראש הגולה אויף דעם טראָן אַקעגן דעם קאַליף.

„אַלע יידישע קהלות ברענגען אים מתנות פון אַלע עקן פון דער ערד. ער פאַרמאָגט גיטער און גערטנער אין בבל און אַ סך לאַנד, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן. קיינער קאָן נישט צונעמען זיין אייגנטום מיט געוואַלט.

„ער האָט אַ באַשטימטע הכנסה פון די יידישע מערק און פון די יידישע סוחרים, אַ חוץ וואָס מען ברענגט אים פון די ווייטע לענדער. ער איז רייך און קלוג, איז געלערנט אין תורה און אין תלמוד. אַ סך יידן זיצן און עסן ביי זיין טיש.״

אָבער אָט דער „גילדערנער בעכער״ איז געווען אָפט פול מיט טרערן. ר׳ בנימין פון טודעלא גופא מערקט אָן כמסיח לפי תומו: „אין דער צייט ווען מען דאַרף באַשטימען דעם ראש הגולה, פאַרשווענדט ער פיל געלט אויפן קאַליף, אויף די שרים און די פירשטן . . . ״ למראית עין האָט אַלץ גע־גלאַנצט, אָבער אינעווייניק האָט געבורעט און געקאָכט. ס׳איז פאַרגעקומען אַ הינטער־קוליסן־פּאָליטיק און גאַנץ אָפט זענען אויסגעבראָכן סכסוכים און מחלוקתן.

אַ פֿאַרביטערטע קאָנקורענץ איז אָנגעגאַנגען צווישןביידע ישיבות. די גאונים האָבן נישט געקאָנט אויסקומען צווישן זיך און טראָגן איין קרוין. ס׳האָבן געווירקט אונטערשיידן פּסיכאָלאָגישע, עקאָנאָמישע און פּערזענלעכע: ווען די ראשי הישיבות זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צום ריש גלותא, איז דער גאַנצער כבוד צוגעטיילט געוואָרן צום גאון פֿון סורא. ער האָט צעשניטן דאָס ברויט און געבענטשט. ביים אריינגיין אָדער ארויסגיין איז תמיד געווען דער ראש הישיבה פֿון סורא דער ערשטער. אַ חוץ דעם האָט פּומבדיתא באַקומען נאָר אַ דריטל פֿון אַלע נדרים און געזאַמלטע נדבות, הגם די צאָל פֿון אירע תלמידים איז געווען פֿיל גרעסער און אירע מאַגערע הכנסות האָבן געקלעקט קוים פֿאַר וואַסער אויף קאַשע. אויך נאָכדעם ווי זיי זיינען איינ־געגאַנגען אויף אַ פּשרה, האָט די קאָנקורענץ נישט אויפגעהערט. ס׳האָבן ארויסגעשטאַרצט אַלע מענטשלעכע קליינלעכע שוואַכקייטן: כבוד, פּוסטע גאוה און נישט־פֿאַרגינעריי. דאָס פּשוטע לעבן, מיט וועלכן ס׳האָבן זיך אויס־געצייכנט די אַמאָליקע ראשי ישיבות, איז פֿאַרגעסן געוואָרן. רב הונא, למשל, דער ראש מתיבתא אין סורא, איז געווען אַן אָרעמאַן, אין זיין שטוב האָט געפֿייפֿט דער דלות. איינמאָל איז ער געווען געצוואונגען צו פֿאַרמשכונען זיין גאַרטל, כדי צו קויפֿן וויין אויף קידוש. פּלוצלונג האָט אים דאָס מזל צוגעשפּילט, ער איז רייך געוואָרן, ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו באַ־אַרבעטן זיין שטיקל ערד, און ווען מ׳איז געקומען צו אים מיט אַ דין תורה, האָט ער פֿאַרלאַנגט מ׳זאָל אים באַצאָלן פֿאַר זיין צייט. ער האָט געזאָגט: „דינגט מיר אַ וואַסער־טרעגער, ער זאָל אָנטרינקען מיינע פֿעלדער, בעת איך גיב זיך אָפּ מיט אייער דין תורה.״ איצטער זיינען שוין די ישיבות געווען אַ וויכטיקער פּרנסה־קוואַל. ס׳האָבן נישט געפֿעלט קיין בעלנים, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער געלעגנהייט אריינצוכאַפּן דעם־אַ פּעטן ביסן. די גאונות־שטול איז אָפּטמאָל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין חפץ, וואָס מ׳קאָן זיך איינקויפֿן מיט געלט, וועקסל און . . . חניפֿה.

אויך צווישן דעם עקסילאַרך און די גאונים האָט נישט געהערשט קיין שלום בית. די גייסטיקע הנהגה פֿון גאון, זיין פּרעסטיזש און אויטאָריטעט האָבן געוואָרצלט אין דער מאַכט פֿון דער תורה. אויפֿן סמך פֿון דער סמיכה איז ער געוואָרן באַטראַכט ווי דער גייסטיקער מנהיג פֿונעם יידנטום. און ווייל די דאָזיקע מאַכט איז געווען נישט אַ פּאָליטיש־טעריטאָריאַלע, נאָר אַ גייסטיק־רעליגיעזע, זיינען דעריבער אירע השפּעה־ספֿערן געווען ברייטער. אויך די וויטע יידישע קהלות אין די מערב־לענדער האָבן אנערקענט זיין פֿירער־שאַפֿט. דאָס גופֿא האָט געקענט ארויסרופֿן אַ קאָנפֿליקט צווישן ביידע קער־

פערשאפטן. נישט זעלטן האט טאקע געטראפן, אז די באהאלטענע מחלוקת האט זיך ארויסגעריסן אין דער עפנטלעכקייט. שפורן פון די דאזיקע קריי־גערייען — צווישן דעם פאליטישן און גייסטיקן פירער — קאן מען שוין גע־פינען אין שאולס צייטן, ווען דער פאליטיש־מלוכהשער געדאנק האט זיך אנ־געהויבן אויסצוקריסטאליזירן ביי די בני ישראל, און האט זיך אנגעשטויסן אויף א קעגנערשאפט מצד שמואל הנביא, וואס האט פארטראטן די רעליגיעז־גייסטיקע אידייע.

אין די לעבנס־באדינגונגען פון דער כנסת ישראל אין גלות איז כמעט נישט געווען קיין ארט פאר דעם דאזיקן דואליזם. דער ראש הגולה האט מקנא געווען דעם גאון צוליב זיין מאראלישער השפעה אויפן פאלק, און דער ראש הישיבה האט געטראכט, אז די רעשטלעך פון דער פאליטישער הער־שאפט, וואס איז געבליבן די יידן אין גלות, דארפן זיין אונטערווארפן דער מאכט פון דער תורה. כל זמן די אראבישע קאליפן האבן געשטיצט די עקסיל־ארכן, האבן די לעצטע געהאט די אויבערהאנט, זיי האבן געקענט אויסקלייבן די ראשי הישיבות נאך זייער געשמאק, איינזען, פערזענלעכע סימפאטיעס און אינטערעסן. זיי האבן אויך אויסגענוצט דאס קנאה־געפיל, וואס האט געהערשט צווישן די תלמידי חכמים, אויפגעשטעלט איינעם אויפן צווייטן און אויפגעבלאזן דאס פייער פון קריגערייען. כלפי חוץ איז די פאזיציע פונעם ראש גלותא געווען פעסטער, ווייל ער האט פארמיטלט צווישן דער יידישער באפעלקערונג און דער מלוכה. אבער כלפי פנים זיינען דיווארצלען פון די גאונים געווען טיפער.

אין הסכם מיט דער גייסטיקער פארם, וואס די יידישע געשיכטע האט אנגענומען, האט יידישקייט נישט געקאנט באשטיין אן א גייסטיקן צענטער און אן א גייסטיקן פירער, בעת די הערשאפט פון עקסילארך איז נישט גע־ווען קיין היסטארישע נויטווענדיקייט, נאר גיכער אן אויסערלעכע דעקא־ראציע, א זכר פון אמאליקן גלאנץ. אמת, א סך מאל איז דער דאזיקער גלאנץ וואויל געפעלן דעם פאלק, אים אביסל פארשיכורט, ארויסגערופן אילוזיעס און געמאכט פארגעסן די טרויעריקעווירקלעכקייט, אבער ער האט נישט ארויס־געשפראצט פונעם יידישן לעבן. ער איז געווען בלויז א בלייכער סימבאל, וואס די אראבישע מושלים האבן סאנקציאנירט צוליב זייערע אייגענע עקא־נאמישע נוצן. דערפאר האבן די עקסילארכן ניט געקאנט אריבערשטייגן די גאונים. דער קאמף האט נישט אויפגעהערט. סכסוכים זענען אויך אנט־שטאנען צוליב דעם רעכט צו באשטימען דיינים אין די קהלות. דער ראש הגולה האט געמיינט, אז דאס איז זיין רעכט, און דער גאון האט דאס רעכט

געפאָדערט מיטן כוח פון סמיכה. נאטירלעך, האָבן דאָ געשפילט אַ ראָל מאטעריעלע מאָמענטן: די דיינים, וואָס זיינען דערוויילט געוואָרן פון עקסילאַרך, האָבן אים געשיקט די שטייערן, און די, וואָס דער גאון האָט דער־ווײלט, האָבן געוואוסט, אַז די געזאַמלטע געלטער דאַרפן אָפּגעשיקט ווערן צו דעם ישיבות־פאָנד.

די קריגערייען האָבן זיך גענומען דערפון וואָס דאָס באַשטימען דעם ראש הישיבה איז געלעגן אין די הענט פונעם עקסילאַרך. גאַנץ אָפט האָט גע־טראָפן, אַז נישט תורה, חכמה אָדער יראת שמים זיינען געווען די איינציקע מעלות, מיט וועלכע דער ריש גלותא האָט זיך גערעכנט ביים אויסקלייבן אַ ראש הישיבה. אַ „וויכטיקע מעלה" האָט געקאָנט אויך זיין גוט־ברודער־שאַפט, און דאָס זאָל גראד איבערוועגן. אַ חוץ דעם האָבן די עקסילאַרכן געלעבט אַ גוטן טאָג אין לוקסוס און הרחבה. זיי האָבן געהאָט „קרעטשמעס, גערטנער, וויינגערטנער און אַ סך נחלאות." נישט אלע זיינען געווען ראוי צו דער גדולה. ס׳זיינען צווישן זיי געווען גראָבע יונגען, עמי ארצים, וואָס האָבן נישט פיינט געהאָט דעם גראָשן און אין זינען געהאָט דעם אייגענעם וואוילטאג. צוליב זייער פּאָליטישער מאַכט האָבן זיי זיך געפירט זייער שטאָלץ און זיינען געווען צו האָפערדיק און פאַרשייט. זיי האָבן פאַרמערט די צאָל דינער און קנעכט, וואָס האָבן זיך אויפגעפירט גאָר נישט לייטיש. זיי האָבן אונטערדריקט דאָס פאָלק און אויסגעפרעסט פון אים גרויסע שטייערן. אַ צורבא דרבנן האָבן זיי געקאָנט באַזייטיקן פון זיין כסא־הרבנות און באַשטימען אַן אַנדערן, וועלכער האָט פאַרשטאָכן זייערע הענט מיט שוחד. דער ריש גלותא מיטן גאון האָבן נישט געקאָנט הויזן בשלום צווישן זיך. איינער איז פאַרפאַרן אינעם געביט פון אנדערן. דער צוזאַמענשטויס צווישן דער וועלטלעכער מאַכט און רעליגיעזער איז געווען אַ געוויינטלעכע דער־שיינונג, און קריגערייען האָבן נאָכגעיאָגט קריגערייען.

אָנהויב ניינטן יאָרהונדערט ווען דוד בן זכאי איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ ריש גלותא איז מר האי בר קיומי געווען דער ראש הישיבה אין סורא. די ישיבה איז אָבער געשטאַנען אויף אַ שפּלדיקער מדרגה. זי האָט פאַרלאָרן דעם אַמאָליקן גלאַנץ און איז געבליבן פאַריתומט און פאַרוויסט. דער עקסילאַרך האָט געוואָלט אומקערן די קרוין פון דער תורה איר פריער־דיקן אָרט און באַנייען די אַלטע גוטע צייטן פון אָט דעם גייסטיקן צענטער. ער האָט אָבער נישט געפונען אין בבל דעם פאַסיקן מאַן, וואָס זאָל באַ־זיצן די נויטיקע גייסטיקע מעלות צוריקצובויען די ישיבה. ווען מר האי בר קיומי איז נפטר געוואָרן, האָט דער ריש גלותא געשיקט אַ שליח מיוחד צו

דעם בלינדן ניסי נהוראני, אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים, און אים אָנגעבאָטן דעם אַמט, אָבער ניסי האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז נישט פֿאַר זיינע כוחות. זיין ענטפֿער איז כאַראַקטעריסטיש: „ס'פּאַסט נישט, אַז דער ראש הישיבה, וואָס דאַרף זיין דאָס ליכט פון דער וועלט, זאָל גאָר זיין די פֿינצטערניש פון דער וועלט." ס'זיינען געבליבן צוויי קאַנדידאַטן: דער באַרימטער תלמיד חכם צמח בן שחין און ר' סעדיה גאון, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געשמט ווי אַ גרויסער געלערנטער, מחבר פון ספרים און מוטי־קער קעמפער קעגן דער קאַראַימער באַוועגונג.

אמת, באַשטימען ר' סעדיהן איז נישט געווען אַזוי לייכט. מ'האָט גע־דאַרפט דורכברעכן איינגעוואָרצלטע פּאַראורטיילן: קודם כל איז דער גאון פון דילאַז געווען אַ יונגערמאַן און אָן יחוס. און פונקט ווי היינט, אַזוי האָט מען זיך אויך דעמאָלט באַצויגן מיט אַ געוויסער מאָס פון אומצוטרוי צו די „יונגע". ווי אַזוי גיט מען איבער אַזאַ וויכטיקן און אחריותדיקן פּאָסטן, ראש הישיבה אין סורא, צו אַ זעקס־און־דרייסיק־יאָריקן? נו, אַז ער איז אַ בקי און אַ חריף איז וואָס? אַלטע געוואוינהייטן שפּילן אָפּט אַ ראָל אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן. אַ חוץ דעם איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער מנהג שוין מכמה יאָרן נישט צוצולאָזן אַ „פרעמדן" צו דעם דאָזיקן אַמט: די ראשי הישיבות ביז איצט האָבן אַלע געשטאַמט פון דער באַבילאָנישער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע.

דער אַלטער ניסי נהוראני איז געווען קעגן דער קאַנדידאַטור פון ר' סעדיה, ווייל „הגם ער איז אַ גרויסער למדן, האָט ער אָבער פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא, ער באַווייזט נישט קיין פריינטלעך פנים צוליב זיין לומדות, רעד־נער־טאַלאַנט, שאַרפער צונג און יראת שמים." ניסי נהוראני האָט געוואוסט, אַז ווען דער עקסילאַרך און דער גאון וועלן זיך טרעפן אונטער איין דאַך, וועט קיין גוטס דערפון נישט אַרויסקומען, ווייל זיי ביידע זיינען פעסט אין כאַראַקטער און קיינער וועט נישט נאָכגעבן דעם צווייטן. דוד בן זכאי האָט אָבער נישט געפאָלגט דעם בלינדן געלערנטן, ער האָט ביי זיך אין האַרצן אָפּגעמאַכט, אַז דער פּאַסיקער מאַן פֿאַר דער ישיבה אין סורא איז טאַקע נישט קיין אַנדערער ווי ר' סעדיה.

פֿאַרוואָס האָט בן זכאי אויסגעקליבן גראָד ר' סעדיהן? דוד בן זכאי איז געווען אַ שוועסטערקינד פון פריערדיקן ראש הגולה עוקבא. עוקבא און כהן צדק, דער גאון פון פומבדיתא, האָבן זיך אַרומגעריסן צוליב די הכנסות יעדער איינער האָט געוואָלט אַריינקריגן די גאַנצע געזאַמלטע געלטער אין זיין רשות. כהן צדק — פֿאַר דער ישיבה, און עוקבא — פֿאַרן אויסהאַלטן זיין הויף;

יוסף און זיין אײדעם נטירא — אַ רײכע משפּחה אין בבל — האָבן בשעתו געהאַלטן מיט כהן צדק. װען עוקבא איז געשטאָרבן און ס׳האָט געזאָלט באַ־שטימט װערן דוד בן זכאי, איז דער גאון כהן צדק תּחילת אַרױסגעטראָטן קעגן אים. דוד בן זכאי האָט אים דעם „חטא״ קײנמאָל נישט געקאָנט מוחל זײן. שפּעטער, װען ער איז געװאָרן דער ריש גלותא, האָט ער געזוכט אַ געלעגנהײט װי זיך אָפּצורעכענען מיט זײן קעגנער. די געלעגנהײט האָט זיך אײנגיכן אונטערגערוקט, װען די גאונות־שטול אין סורא איז געװאָרן לײדיק. אַזאַ פּערזענלעכקײט װי ר׳ סעדיה, איז אַ גרױס געװינס. מיט זײן מוט און לומדות, האָט דוד בן זכאי געטראַכט, װעט ער געװיס פאַרטונקלען דאָס ליכט פון דער ישיבה אין פּומבדיתא און ממילא שטעלן אינעם שאָטן ר׳ כהן צדק.

אזוי איז געפאַלן דער גורל אויף ר׳ סעדיה גאון.

צווייטער טייל

ר׳ סעדיה גאון, זיין לעבן און שאַפן

קאַפּיטל דריי

זיין יוגנט

די פּראָווינץ אַלפאַיום. — סעדיהס קינדער־יאָרן. — דער יידישער ישוב אין מצרים. — דער אויפלעב אין דער אַראַביש־מוסלמענישער וועלט. — דער „ארגון.“

ר׳ סעדיה איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר 882, אין דילאַז, אַ קליין שטעטל אין דער פּראָווינץ אלפאיום, צפון מצרים. ס׳איז אַ געגנט פון נידע־ריקע בערגלעך, וואָס איבער זיי שפּרייטן זיך ליכטיק־בלויע הימלען. רעכטס שלענגלט זיך דער ניל, און לינקס רוט די אָזערע מעריס, באַזוימט מיט געלע פעלזן, זאַמד־דונעס, פּאַלמעס און ראָר־שטעקלעך. די ערד — אַ שטיק קווי־טיק לוים — לעבט, אָטעמט און דערנערט זיך, ווי אַ קינד פון דער מוטערס ברוסט, פונעם ניל. נאָכן שניט בלייבט אַ גרויער און שטויביקער גרונט פול מיט שפּאַלטן און גריבלעך. אין הארבסט צעגיסט זיך איבער זיי אַ רויט־געלבלעך זומפּיק וואַסער, אויף וועלכן ס׳וואַקסן כלערליי ווילדע געוויקסן. נאָכדעם ווי די וואַסערן פאַלן אָפּ, ווערט די ערד ליימיק־שוואַרץ. ווינטער־צייט צעבליט זיך מצרים ווי גאָטס גאָרטן.

די באַפעלקערונג באַשטייט פון פויערים, פישער, טעפּער און קוישן־פלעכטער. דאָס לעבן איז האַרט. דער אָרעמער ערד־אַרבעטער שטייט תמיד אין אַ שטילן געראַנגל מיטן וואַסער פונעם ניל. מ׳דאַרף אים ערלעך האַלטן, אָבער נישט געטרויען. בעסער צו האַלטן אויף אים אַן אויג, ווייל מ׳איז מיט אים קיינמאָל נישט זיכער. אָט ליגט ער שטיל, אויסגעצויגן ווי אין אַ געשמאַקן שלאָף, אונטער די ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון, מ׳קען אָבער נישט וויסן, וואָס ס׳בורעט אין זיינע אינגעווייד. פּלוצלונג לויפט אַדורך אַ ציטער איבער זיין רוקן און אָט יאָגט ער זיך שוין ווילד איבער פעלדער, צעשטערט הייזקעס, פאַרפלייצט שייערן, פאַרשלעפּט פלויטן און מאַכט אַן אַ שטיקל חורבן. דער פויער קען זיין ניל. ער היט אים, ער גראָבט גראָבנס, שניידט אויס קאַנאַלן, רינעס, שטעלט אויף דאַמבעס, דערפינדט די מאַשין־

ראַד אויסצושעפּן דאָס וואַסער. ביסלעכווייז, אין איביקן געראַנגל מיט די בלינדע נאַטור־כוחות, קומט דער מענטש אַרויס דער זיגער.

וועגן אלפאיום דערציילט מען אַזאַ מעשהלע:

דער שיינער יוסף, וועמען אַלאַ האָט אַרויסגעוויזן גרויס גענאַד און אויס־געשפּרייט אויף אים זיין חסד, איז אַלט געוואָרן הונדערט יאָר. פּרעה, דער קעניג פון מצרים, האָט נאָך אַלץ נישט אָפּגעטאָן זיין חסד פון דעם געבענטשטן שני למלך. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן די הויפּטלייט און כהנים פון מעמפיס, וועלכע האָבן אים מקנא געווען צוליב דער ממשלה און מאַכט, וואָס דער מאָנאַרך האָט געשענקט „דעם העברעער־יונג, דעם קנעכט פון לייבוועכטער", זיינען זיי אַוועק צו פּרעהן און אַזוי געזאָגט:

— גרויסער האַר! יוסף דיין קנעכט איז שוין אַלט. די חכמה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים, זיין שיינקייט איז פאַרוועלקט, זיין שאַרפזין — אָפּגע־טעמפּט, לאָמיר געפינען אַ צווייטן אויף זיין אָרט, וואָס זאָל פאַרוואַלטן די שפּייכלערס תבואה אינעם לאַנד.

דער קעניג האָט געלאָזן אויסגעהערט די רייד און זיך אָנגערופן מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל:

— לייגט אַרויף אויף יוספן אַן אַרבעט, לאָמיר זען, צי ער וועט זי קאָנען דורכפירן.

אין יענער צייט האָט אַלפאַיום געהייסן על הון — דער זומפּ. ס'איז געווען אַ ברייטער טיפער בעקן, וואָס האָט איינגעשלונגען אַלע וואַסערן פון אויבער־מצרים, ווען דער ניל איז אַרויס פון זיינע ברעגעס און פאַרפלייצט די אומגעגנט. אויף על הון איז געלעגן די קללה פון אַלאַ.

די שרים, וואָס האָבן זיך געהאַט באַראָטן פריער, ווי צו לייגן אַ שטרויכ־לונג פאַר יוספן, האָבן פאַרגעלייגט זייער פּלאַן:

— זאָל דער הימלישער האַר באַפעלן דעם שני למלך אָפּצוציען די ניל־וואַסערן פון על הון און אויסטריקענען די זומפּן. דער מלך וועט באַקומען אַ נייע פּראָווינץ, אַ קוואַל פון נאָך שטייערן.

די דאָזיקע עצה איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם קעניג. ער האָט גע־רופן יוספן און צו אים אַזוי געזאָגט:

— צפנת פענח! דו ווייסט ווי איך האָב ליב מיין טאָכטער. די צייט איז געקומען, אַז איך זאָל איר אַוועקשענקען אַ פּראָווינץ, זי זאָל זי פריי פאַר־וואַלטן. מ'וואָלט געדאַרפט אויסטריקענען דעם פאַרפלייצטן זומפּ על הון. ס'איז אַ לאַנד וואָס געפינט זיך היפשלעך ווייט פון מיין הויפּטשטאָט, אַרומ־

געריגגלט מיט אַ מדבר. מיין טאַכטער וועט דאָרטן זיין אומאָפּהענגיק און געשיצט.

— דיינע ווערטער זיינען אמת, גרויסער האַר, און דיין חכמה איז ווי די חכמה פון גאָטס מלאך. ווען ווילסטו, אַז די ארבעט זאָל זיין פאַרטיק? מיטן חסד פון אַלאַ וועט עס געטאָן ווערן!

— וואָס פריער אַלץ בעסער! — האָט געזאָגט דער קעניג.

מיט גרויס פלייס האָט זיך יוסף גענומען צו דער ארבעט: ער האָט גע־הייסן אָפּשניידן די טאַמאַריסקן־ביימלעך, די ראָר־שטעקלעך, די בלושטשן און די בושעס, וואָס זיינען זיך ווילד צעוואָקסן אין יענער געגנט. נאָכדעם האָט ער געלאָזט אויסגראָבן דריי טיפע קאַנאַלן: איינעם פון דרום, אַ צווייטן פון מזרח און אַ דריטן פון מערב. ווען דער נ״ל האָט זיך צעבייזערט און איז ארויס פון זיינע בעקנס, זיינען די וואַסערן אריין אין די דריי קאַנאַלן. על הון איז געוואָרן אַ פרוכטבאַר לאַנד באַוואַסערט פונעם ניל.

די אַרבעט פאַרענדיקט, האָט יוסף געלאָזט שיקן נאָכן קעניג און זיינע הויפּטלייט. זיי האָבן נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגן. די שונאים האָבן זיך פאַרשעמט און שטיל געשעפּטשעט:

— מיר ווייסן נישט וואָס צו באַוואונדערן פריער: דאָס אויסטריקענען פון דעם זומפּ, דאָס אויפרייסן די ווילדע געוויקסן, אָדער די אויסגעגראָבענע קאַנאַלן.

דער קעניג איז געשטאַנען שטיל. געריירט פון די נייע פּייזאַזשן, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן. מיטאַמאָל האָט ער ארומגענומען יוספן:

— ווי לאַנג האָט דיר געדויערט צו פאַרוואַנדלען דעם זומפּ אין אַ באַ־וואַסערט פעלד?

— זיבעציק טעג, גרויסער האַר.

— אַלף־יום! טויזנט טעג וואָלט עס אַן אַנדערן גענומען, — האָט דער קעניג אויסגעשריען מיט אַנטציקונג.

דערפאַר הייסט די פּראָווינץ: אַלף־יום, טויזנט טעג.

דאָ איז סעדיה אויפגעוואָקסן. זיין פאָטער האָט געהייסן יוסף. מ׳זאָגט, אַז ער זאָל האָבן געשטאַמט פון אַ גאָר נישט־מיוחסדיקער משפחה און אַז ער איז געווען אַ קצב. אָבער ווי ס׳טרעפט אַמאָל, גראָד קינדער פון אָרעמע עלטערן ווייזן ארויס אַ שטאַרקן חשק צו לערנען און אַ ווילן זיך צו דער־הייבן פון דעם נידריקן צושטאַנד. אזוי איז געשען מיט סעדיהן. ער דער־שיינט פאַר אונדז מיטאַמאָל, אומדערוואַרט, ווי אַ פאַס ליכט אין דער פינצטער־

ניש, צייטיק אין יאָרן און אין געדאַנק, באַהאַוונט אין אַלע צווייגן פון וויסנ־שאַפט און פילאָזאָפיע, וואָס זיינען דעמאָלט געווען באַקאַנט. ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז אין דער גאָר צאַרטער יוגנט האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין זיינע דלת אמות און איז געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה. ער האָט זיך שנעל אויסגעצייכנט פון די איבעריקע תלמידים מיט זיין שטאַרקן אויסדויער, געדולד און דאַרשט צו וויסן. אַ חוץ קנאות צו זוכן דעם אמת און אַ שאַרפן זכרון, איז ער אויך געווען אַ גרויסער מתמיד. ער האָט זיך נישט אָפּגעריסן פונעם תנ"ך. דער ספר הספרים איז געווען די גייסטיקע וועלט, וואָס האָט דערנערט זיין הונגעריקע נשמה, אנטוויקלט זיין לעבנס־פילאָזאָפיע און געפאָרעמט זיין כאַראַקטער. דער אַנגעגליטער פּאַטאָס פון די נביאים, דאָס געלייטערטע וואָרט פאַר יושר, דער אייביקער געראַנגל פאַר גערעכטיקייט — דאָס אַלץ האָט געדעגט זיין געמיט און געוועקט זיין חשק צו לערנען און פאָרשן. אָבער ער איז נישט געבליבן אָפּגעשלאָסן אין די צעלטן פון דער תורה. זיינע אויגן זיינען געווען אָפן, זיין האַרץ וואַך צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אים. ס'איז געווען אַ שטורעם־און־דראַנג־פעריאָד: דאָס אַראַביש־מוסולמענישע לעבן וואָס האָט זיך געכוואַליעט אינעם אָנהייב פון זיבעטן יאָרהונדערט, האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַרואיקט פון זיין אויפברויז. דער מזרח איז געשטאַנען פאַרגאָסן אין דעם פּורפּור פונעם אויפגייענדיקן מאָרגן.

ס'איז געווען צוויי הונדערט פופציק יאָר זינט מאַכמעד איז געוואָרן — 622 — דער נביא פון איסלאַם. דאָס אַראַבישע פאָלק, וואָס אַ טייל פון אים האָט געלעבט אין שטעטלעך, און האָט זיך מפרנס געווען פון ערד־אַרבעט, מסחר און האַנטווערק, און אַ טייל האָט געלאַגערט איןביידלעך און געוואַנדערט אין די ברייטע סטעפּעס, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין לעטאַרגישן שלאָף. דער לוסט צו דעראָבערן האָט אים אַרומגענומען. ווי אַ שטורמישער טייך איז ער איבערגעלאָפן די ברעגעס, ער האָט פאַרפלייצט סיריע, ארץ ישראל, אַרמעניע, פּערסיע, בבל, מצרים און האָט דערגרייכט די פּירעניען־בערג. די דאָזיקע דעראָבערונגען האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל אויף זיין לעבן און אויף זיין רעליגיע, וואָס האָט קולט געווען פאַרשידענע עלעמענטן פון אַלע אמונות: תוך און פסולת, יאָדער און שאָלעכץ. און בעת די אַראַבישע גבורים זיינען געשטאַנען אויף די שלאַכט־פעלדער, באַגאַרטלט מיט דער שווערד און געשולט אין מלחמה, האָבן די פּאָעטן — די אַראַבישע טרובאַדורן — נישט אויפגעהערט אויסצושפּילן אויף זייערע לירעס לויב־געזאַנגען צו די קאַליפן, און די חכמים פון קאָראַן זיינען געזעסן און האָבן זיך מפלפל געווען אין די

רייד פון אַלאַס נביא, אַנגעוואָרפן איבער זיי גאַנצע בערג פון הלכות און נייע אויסטייטשונגען לויט די באַדערפעניש פונעם לעבן.

אין דער ערשטער תקופה פונעם איסלאַם האָט דער קאָראַן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ר ע ל י ג י ע אָבער נ י ש ט ק י י ן ס י ס ט ע ם, אַ ז א מ ל ו נ ג פ ו ן ג ע ז ע צ ן אָבער נישט קיין פ י ל אָ ז אָ פ י ש ע ש י ט ה. אפילו דאָס וואָס איז געשטאַנען אין סתירה צום שכל איז אָנגענומען געוואָרן פון די ערשטע גלויביקע בלינדערהייט. זיי האָבן נישט געפרעגט קיין קשיות „ווי אַזוי" און „פאַרוואָס". דער מוסולמענישער „חובת הלבבות" האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן און איז איינגעטיילט געוואָרן אין פינף חלקים:

א. מעשים, וואָס איטלעכער איז מאַראַליש מחויב צו טאָן. פאַר מקיים זיין זיי — ווערט מען באַלוינט; פאַרן עובר זיין אויף זיי — ווערט מען באַשטראָפט.

ב. מעשים, וואָס יעדער איינער דאַרף טאָן, ווייל אַזוי איז פאַרשריבן אינעם קאָראַן. אויך אויף זיי איז חל שכר ועונש.

ג. מעשים פריוויליקע: ווילסטו — זיי זיי יאָ מקיים, אלא נישט — איז נישט.

ד. מעשים, וואָס דאָס רעליגיעזע געזעץ האָט נישט סאַנקציאָנירט, אָבער דער וואָס טוט זיי בלייבט אומבאַשטראָפט.

ה. מעשים, וואָס געזעצלעך זיינען זיי פאַרבאָטן און אונטערליגן אַ שטראָף.

אין די שפּעטערדיקע תקופות ווען די אומשטענדן פונעם לעבן האָבן זיך געביטן — האָבן זיך במילא געביטן די פירונגען פון די מענטשן, זייערע השגות און מאָראַלישע באַגריפן. צו די רעליגיעזע „מצוות עשה" און „מצוות לא תעשה" — זיינען צוגעקומען ציווילע געזעצן, וואָס זיינען געווען באַזירט אויף דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. אין די דעראָבערטע פּראָווינצן און לענדער זיינען די באַדינגונגען געווען גאַנץ אַנדערע ווי אין אַראַביע. נאָכמער: אין די צייטן פונעם פרימיטיוון איסלאַם איז נישט געווען קיין קלאָרע גרענעץ־ליניע צווישן די ציווילע געזעצן און די פאָרשריפטן פון דעם קאָראַן. ירושות און חתונות, גניבות און רציחות זיינען רעגולירט געוואָרן לויט די דינים פון אַלאַ, ווי ער האָט זיי אַנטפּלעקט צום נביא. אין די גריכישע און פערסישע דאָמיניעס איז דער אַראַבער געשטאַנען פנים אל פנים מיט מער קאָמפּליצירטע אומשטענדן. סע זיינען אַריינגעטראָטן אינעם איסלאַם נייע שטראָמונגען און ריכטונגען. אַנשטאָט די פשוטע לעבנס־פאָרמען פונעם אַראַבער, זיינען אויפגעשוואומען פרעמדע מנהגים, וואָס דער

קאראַן האָט נישט געהאַט סאַנקציאָנירט. יעדן טאָג האָבן זיך געמערט די פאַלן, וואָס זיינען נישט פאָראויסגעזאָגט געוואָרן אין די שריפטן, און וואָס איטלעכער האָט געמוזט נעמען צו זיי שטעלונג וועדליג אַ פריערדיקן מנהג אָדער וועדליג דעם אייגענעם שכל הישר.

דער גלויביקער איז כמעט תמיד געשטאַנען — נאָכן טויט פון מאַכמעד — פאַר דער פראַגע: ווי וואָלט דער נביא געהאַנדלט אין אַזאַ און אַזאַ פאַל? די ערשטע תלמידים זיינע — דערצויגן אין דער זעלביקער סביבה ווי זייער רבי — און גלויבנדיק באמונה שלימה, אַז אַזוי טאַקע וואָלט מאַכמעד זיך נוהג געווען, האָבן זיך נישט געקווענקלט און געפסקנט די שאלה. שפּעטער זיינען זייערע ווערטער אָנגענומען געוואָרן ווי די רייד פונעם נביא. אָט אַזוי איז אַנטשטאַנען די אַלעגאָרישע טראַדיציע — טיילמאָל אַ געפעלשטע — וואָס האָט מכלומרשט געפּרואווט צוצושרייבן — מיט רעכט אָדער אומרעכט — צום גרינדער פונעם איסלאַם געוויסע צוגעטראַכטע התנהגותן און רגילותן. אַחוץ דעם, האָבן קלוגע לייט אָנגעהויבן אײַנצוטייטשן און אַרייַנצולערנען אין דעם „קאָראַן" כוונות און באַגריפן לויט די השגות פון די שפּעטערדיקע צייטן. אויף אַזאַ אופן זיינען ברייטער געוואָרן די ראַמען פונעם רעליגיעזן געזעץ אינעם הסכם מיט די נייעסטע מענטשלעכע באַדערפענישן און פאָדערונגען.

די אַראַבישע שפּראַך, וואָס איז געווען פריער אָרעם, האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען און איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שלל אויסדרוקן, באַגריפן און ווערטער. אַ שאַרף אויג האָט פאַרמאָגט דער זון פון ישמעאלן. ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן באַוועג אין דער נאַטור, יעדן שאָרך און גערויש אין באַשאַף. ער האָט געפונען אַ באַזונדערע באַצייכענונג צו אַלץ וואָס ער האָט באַמערקט אויפן ים און אויף דער יבשה, אויף באַרג און טאָל. מיט דעם שלל באַגריפן האָט אויסגעדריקט דער פּאָעט די ליידנשאַפטלעכע עמאָציעס פון זיין האַרץ: ליבע און שנאה, לעבן און טויט, גאָט און מענטש. באַזונדערס האָט איסלאַם דערגרייכט אַ הויכע מדרגה אין דער תקופה פון דער אַבאַסידישער דינאַסטיע — 750־1258.

באַגדאַד, די רעזידענץ פון קאַליף, און הויפּט־שטאָט פון מעסאָפּאָטאַמיע, האָט זיך צעבליט און איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער צענטער פון מסחר. אין די גרויסע מערק פון דער שטאָט פלעגן אָנקומען פאַרצעליי, זיידנס און מוסק פון כינע; געווירץ, מינעראַלן און פאַרבן פון אינדיע; רובינען, לאַפּיס־לאַזולי־שטיינער און שקלאַפן פון טערקיי; האָניג, וואַקס, פוטער פון סקאַנדינאַוויע און רוסלאַנד; עלפּענטביין, גאָלד־שטויב און שוואַרצע שקלאַפן פון מזרח־אַפריקע; די פּראָווינצן האָבן צוגעשטעלט רייז, ליינען, בראָקאַד,

פערל, פּאַרפיום און כּלערליי פּלאַנצן. יעדן טאָג האָבן ביי די ברעגעס פון חדקל געלאַנדט צענדליקער שיפן, אָנגעלאָדן מיט כּל טוב, און געבראַכט גרוסן פון דער ווייטער, ברייטער וועלט מיט אירע לענדער, פעלקער, שפּראַכן און קולטורן.

אָבער נישט די רייכקייט און לוקסוס האָבן געמאַכט באַגדאַד אזוי באַ־רימט, נאָר דער אויפבלי פון דער אַראַבישער פילאָזאָפיע און קונסט. דער אויפבלי איז גאָר אַ סך באַוווּרקט געוואָרן פון דרויסן. אָנגעהויבן מיט אַביסל ליטעראַטור און מיט דעם קאָראַן, האָט דער אַראַבער — מיט זיין אינטעלעק־טועלן נייגער — איינגעזאַפּט אין זיך, ווי אַ טרוקענער באָדן דעם רעגן, פאַר־שידענע קולטורן, זיי שפּעטער איבערגעקאָכט נאָך זיין נאַציאָנאַלן מהות.

אַ קורצע צייט נאָך דער גרינדונג פון באַגדאַד האָט די אַראַבישע וועלט שוין געהאַט אין איבערזעצונג די בעסטע פילאָזאָפישע ווערק פון אריסטאָטעל און פון אַ ריי פערסישע דיכטער און דענקער. אין 773 האָט אַ הינדו געבראַכט, צום ערשטן מאָל, אין מעסאָפּאָטאמיע אַן אסטראָנאָמישן לוח, וועלכער איז אינעם ריינטן יאָרהונדערט אויסגעבעסערט און פאַרפיינערט געוואָרן דורך אַל קוואַריזמי. די גריכישע השפעה האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אונ־טער דעם קאַליף אַל מאַמון, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ראַציאָ־נאַליסטישן צוגאַנג צו אַלע דערשיינונגען אינעם לעבן. מען דערציילט, אַז צווישן די באַזוכער פון זיין הויף איז איינמאָל געקומען אַ שליח פון פּערסיע און האָט מיטגעבראַכט אַ בוך „דער אייביקער פאַרשטאַנד”. דאָס איז געווען אַ פּרוּאוו פונעם שרייבער צו באַזירן דעם גלויבן אויף דעם שכל הישר און געוויסן, „וואָס זיינען אייביג און גלייך ביי אַלע מענטשן וויל קיין רעליגיע קאָן נישט פּרעטענדירן אויף אוניווערסאַליטעט.” אויפן קאַליף האָט דאָס בוך גע־מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אַנט־וויקלען „די רעליגיע פון שכל”. ער האָט איינגעאָרדנט פרייע וויכוחים צווישן געלערנטע. אַ כראָניקער פון יענער צייט באַשרייבט אַזאַ מין וויכוח:

„אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג זיינען געווען נישט נאָר מוסול־מענער פון יעדן סעקטע, נאָר אויך אומגלויביקע, אַטעאיסטן, יידן און קריסטן. יעדע סעקטע האָט געהאַט איר פאַרשטייער, וואָס האָט געדאַרפט זי פאַרטיידיקן. ווען איינער פון די פאַרשטייער איז אריינגעקומען אין זאַל, זיינען אַלע אנוועזנדיקע אויפגעשטאַנען ווי אַ צייכן פון רעספּעקט, און קיינער האָט זיך נישט אַנידערגעזעצט ביז דער אריינגעקומענער האָט נישט פאַרנומען זיין פּלאַץ. ווען דער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט,

האָט איינער פון די אומגלויביקע געזאָגט: „איר מוסולמענער טאָרט נישט ברויכן קיין ראיות פון אייער קאָראַן, אָדער באַזירן זיך אויף דער אויטאָריטעט פונעם נביא, ווייל מיר גלויבן נישט סיי אין דעם סיי אין יענעם. יעדער איינער זאָל אַרגומענטירן מיט זיין אייגענעם שכל הישר, וואָס איז ביי אַלעמען גלייך."

דער קאַליף אל מאמון האָט געהאַלטן, אַז די רעליגיעזע טעקסטן פון קאָראַן דאַרפן נישט זיין אין סתירה צום מענטשלעכן פאַרשטאַנד. אינעם יאָר 830 האָט ער געגרינדעט אין באַגדאַד דאָס באַרימטע „הויז פאַר וויסנשאַפט", וואָס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון אַ ביבליאָטעק, אַקאַדעמיע און אַ שול פאַר איבערזעצונגען. די תקופה פון איבערגיסן די קולטורעלע ווערטן פון איין שפּראַך אין דער צווייטער האָט זיך אָנגעהויבן.

דער גרעסטער אַראַבישער איבערזעצער איז געווען דער מעדיקער הונאים אבן אישאג, 873-809, אַ קריסט, וואָס איז געווען דער לייבדאָקטאָר פון קאַליף אַל-מוטאוואקיל. איינמאָל האָט דער הערשער פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל צוגרייטן סם פאַר איינעם פון זיינע, דעם קאַליפס, שונאים. הונאים האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן:

— מיט מיין וויסן וויל איך ברענגען נוצן און נישט קיין שאָדן.

ווען דער קאַליף האָט אים געדראָט מיטן טויט, האָט ער געענטפערט:

— מיין רעליגיע באַפעלט מיר צו זיין גוט צו מיינע פיינט, מיין פּראָפעסיע דאַרף דינען פאַר דער מענטשהייטס טובה וועגן, איר צו ברענגען הילף און היילונג.

די דאָזיקע תקופה פון איבערזעצונגען האָט פאַרוואַנדלט אַראַביש, וועלכע איז פריער געווען אַ שפּראַך פון פּאָעזיע און רעליגיע, אין אַ לשון וואָס איז רייך געווען צו באַנוצן פאַר מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, פילאָזאָפיע און היסטאָריע. אָנשטאָט דעם פריערדיקן צעשוואומענעם זאַץ, האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דער פּאָלירטער און עלעגאַנטער סטיל מיט דער גאַנצער אָריענטאַלישער אָרנאַמענטיק.

דער שנעלער אויפלעב איז נישט געבליבן באַשרענקט בלויז אין די גרענעצן פון דער אייגענער אַראַבישער מדינה. דורך פאַרשידענע קאַנאַלן האָט ער משפּיע געווען אויף די שכנותדיקע לענדער. באַזונדערס האָט די דאָזיקע השפעה אויפגערודערט מצרים און אויך דעם דאָרטיקן אייגנאַרטיקן יידישן ישוב, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער פּאָליטישער הערשאַפט פון די אַראַביש-איסלאַמישע קאַליפן.

דער יידישער ישוב אין מצרים — דאָס וויגעלע פון משה רבנו — איז אין פאַרגלייך מיט בבל געווען אָפּגעשטאַנען. ס'איז דאָ נישט געווען קיין נעץ פון ישיבות, תלמודי־תורה און געלערנטע. אין משך פון די צוויי טויזנט צוויי הונדערט יאָר — זינט יציאַת מצרים ביז די לעצטע גאונים פון בבל — האָט דאָרטן נישט אויפגעשיינט קיין איין גייסטיקער שטערן, וואָס זאָל באַלייכטן די יידישע וועלט.

יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין מצרים נאָך אַ לענגערער צייט פאַר גלות בבל, און נאָכן חורבן בית ראשון האָט זיך דער נביא געווענדט „צו די אַלע יידן, וואָס זיינען געזעסן אינעם לאַנד מצרים."[8] אינעם לעצטן יאָרהונדערט פון פאַרן חורבן בית שני האָט די יידישע באַפעלקערונג אין אַלעקסאַנדריע דערגרייכט קרוב צו אַ מיליאָן נפשות, אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם געפינען מיר צווישן די חכמי המשנה איןביידע תלמודים ווי אויך אין די מדרש־ספרים נאָר אַ פּאָר געלערנטע וואָס שטאַמען פון מצרים, ווי חנמאל המצרי, חנן המצרי; פאַראַן אויך אַ מיינונג אַז יוחנן הסנדלר איז פאַרקירצט אין פאַרגרייזט פון האלכסנדרוני. הגם ארץ ישראל איז נענטער צו מצרים ווי צו בבל, דאָך איז די השפּעה פון די חכמי ארץ ישראל אויף מצרים נישט געווען ניכר.

די דאָזיקע „אָפּגעפרעמדקייט" דערקלערט זיך דערמיט וואָס די יידן פון מצרים האָבן געפרואווט איבעררייסן דעם בונד מיט זייער היסטאָרישן לאַנד. שוין אין די ערשטע יאָרן פון גלות בבל האָבן זיי אויפגעשטעלט אין דער שטאָט יב אַ מין „בית המקדש", וואָס האָט עקזיסטירט אַ הונדערט פופציק יאָר און האָט געזאָלט דינען ווי אַ גייסטיקער צענטער פאַרן גלות־מצרים. דער שריט האָט פאַרטונקלט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביים פאָלק. אויך אפילו נאָכדעם ווי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָבן די יידן — אין די צייטן פון די חשמונאים — אויפגעבויט אין העליאָפּאָליס דעם מקדש חוניו. מעגלעך, אַז דאָס איבערזעצן דעם תנ"ך אויף גריכיש האָט אויך ביי־געטראָגן צו דער „אָפּפרעמדונג". דאָס דערווייטערן זיך פון דער העברעאישער שפּראַך האָט אויך דערווייטערט פונעם היימלאַנד.

די לאַגע האָט זיך געביטן ווען די קריגערישע אַראַבער האָבן אויסגעשפּרייט זייער ממשלה אויף צפון־אפריקע. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענגערע און נענטערע באַקאַנטשאַפט צווישן דעם לאַנד פון ניל און דעם לאַנד פון פרת און חדקל. יידן פון מצרים זיינען געקומען קיין בבל. זיי האָבן עס געבראַכט דעם תלמוד בבלי צו די ברעגעס פונעם ניל. דער אַראַבישער געאָגראַף קאָרדאַדבעי — 848 — שילדערט אַזוי יענע עפּאָכע:

„יידישע סוחרים, וואָס רעדן אַראַביש, פּערסיש און גריכיש, פראַנ־קיש, שפּאַניש און סלאַוויש, פאָרן פונעם מערב צום מזרח און פונעם מזרח צום מערב. אַמאָל מיט דער יבשה און אַמאָל מיטן ים. פונעם מערב ברענגען זיי סריסים, פּרויען, יונגען, בראָקאַט, קאַסטאָר־פעל, מאַרדער, פליוש און שווערדן. זיי זעגלען קיין פראַנקרייך אויפן מערב ים און לאָזן זיך קיין פאַראַמאַ. דאָרטן לאָדן זיי אָן די סחורות אויף די רוקנס פון קעמלען און פאַרנעמען זיך מיט דער יבשה קיין קאַלזום און מעקאַ. זיי שפּאַרן אָן קיין אינדיע און כינע. פון כינע ברענגען זיי מוסק, אַלאָען־האָלץ, קאַמפער און אַנדערע שטאָפן פון די אָריענטאַלישע לענ־דער. ס׳זיינען דאָ אויך אַזוינע, וואָס דערגרייכן ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי צו האַנדלען מיט די גריכן. גאָר אַנדערע פאַרבלאָנדזשען אין די קעניגלעכע הויפן פון די פראַנקן און פאַרקויפן זייערע סחורות.״

נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן דעראָבערט מצרים, האָבן די עגיפּטער פאַר־לוירן זייער רעליגיע, קולטור און אפילו די שפּראַך. די רעגירונג אינעם לאַנד איז געוואָרן מוסולמעניש. אַדמיניסטראַטיווע דעקרעטן, באַפעלן און ספרים זיינען געווען אין דער שפּראַך פון קאָראַן. דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע לשון איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן. נאָר די קריסטלעכע קאָפּטער האָבן אַ לענגערע צייט זיך געקלאַמערט צו עגיפּטיש, אָבער אינעם צענטן יאָרהונדערט האָבן זיי אויך געמוזט אָננעמען דאָס אַראַבישע לשון, כדי מ׳זאָל זיי פאַרשטיין. אפילו די קאָפּטישע גייסטלעכע זיינען, בלית ברירה, איינגעגאַנגען אויף דער דאָזיקער פּשרה, ווייל אַ נישט וואָלטן זייערע צאָן קדשים נישט פאַרשטאַנען די עוואַנגעליע. צוליב דעם ברייט־פאַרצווייגטן האַנדל, האָט דער פּויער, סוחר און בעל מלאכה געמוזט זיך אויסלערנען די שפּראַך פון די נייע הערשער. דאָס לשון פון קאָראַן איז איצט געוואָרן דער וואָרט־אוצר נישט נאָר פאַר רעליגיעזע און לעבנס־הצטרכותן פונעם פּשוטן פאָלק, נאָר אויך פונעם גע־לערנטן און דענקער.

יידן האָבן פון תמיד אָן באַטראַכט אַראַביש פאַר אַ נאָענטן קרוב אין דער משפּחה, אַ גרינער צווייג אויף דעם סעמיטישן פול־באַבלעטערטן און שטאַרק־פאַרוואָרצלטן בוים. דער „פאַרגרייזטער העברעאיש״ האָבן זיי עס גערופן. דער איבערגאַנג צום דאָזיקן לשון איז פאָרגעקומען לייכט, אָן אַ גייסטיקן געראַנגל. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז די שפּראַך פון ישמעאל גע־וואָרן דער אינטימער אויסדרוק פון ישראלס גייסטיקן און פאָלקס־לעבן.

ר׳ סעדיה איז געווען באַקאַנט מיט די אַלע גייסטיקע שטרעמונגען אין

דער אראביש־מוסולמענישער וועלט. ער האָט שטודירט גריכישע פילאָזאָפיע, דעם קאָראַן און מסתמא אויך קריסטלעכע ביכער. ער האָט מיט התמדה געלערנט אַראַביש, וואָס איז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון זיין אינטעלעקטועלן לעבן, — אָבער גלייכצייטיק איז ער געשוואומען אין דעם טיפן און ברייטן ים־התלמוד און האָט געקאָנט אויף אויסווייניק די פיוטים פון די דעמאָלטיקע פּאָפּולערע פּיטנים: יוסי בן יוסי, אליעזר קאליר, יהושע און פנחס. מיט צער האָט ער צוגעזען ווי העברעאיש ווערט ארויסגעשטויסן פונעם יידישן לעבן. אויך די קליינע צאָל פאנאטיקער איז נישט גענוג אָפּגעהיט און קולטווירט נישט דאָס העברעאישע וואָרט. אַ פלאַם־פייערדיקע קנאות האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין האַרץ. ער האָט געזען אין דער שפּראַך אַן עיקרדיקן נאַציאָנאַלן יש, וואָס דינט ווי אַ שוצפּאַנצער אַקעגן שמד. זיין קנאות צו העברעאיש האָט אים דערמוטיקט צו פאַרפאַסן — אינעם יאָר 903 — דעם „אגרון" — אַ העברעאיש ווערטער־בוך אין צוויי חלקים. דער ערשטער טייל אנטהאַלט אַלע ווערבן, און דער צווייטער טייל איז אין גראַמען. דאָס האָט לייכטער געמאַכט די פּאָעטן צו געפינען פאַר יעדן וואָרט אַ פּאַסיקן גראַם. סעדיה איז דעמאָלט אַלט געווען איין און צוואַנציק יאָר.

אין דאָזיקן ספר האָט ער סיסטעמאַטיזירט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איז ביז אים באַקאַנט געווען אויפן געביט פון העברעאישער גראַמאַטיק, און רעזומירט זיינע אייגענע פאָרשונגען. ס'איז געווען — אין יענע באַדינגונגען — אַ געוואַגטער פּרואוו פון אַ יונגן פאָרשער, נאָך אײדער ס'איז רייף געוואָרן זיין שעפערישער כוח. נאָכדעם האָט ער פאַרטיפט זיינע ידיעות אין לינגוויסטיק און מחבר געווען די ספרים: „שער הנקוד", „חכמת לשון", „לשון עבר" און „שער הקריאה". די־אַ חבורים זיינען פאַרלוירן געגאַנגען. ס'זיינען געבליבן שורות און אָפּגעריסענע זאַצן, אויף וועלכע אנדערע מדקדקים — ווי דונאש בן לברט, מנחם בן סרוק און יונה אבן גנח — פאַררופן זיך. קיין בעסערע מערכה האָט נישט געהאַט דער „אגרון". ער איז אויך נישט דערגאַנגען צו אונדז בשלמות, נאָר פראַגמענטן, שטיקלעך און ברעקלעך, פון וועלכע מיר דערוויסן זיך, אַז ר' סעדיה איז אויסן געווען צו באַקענען יידישע קינדער מיט לשון קודש, די שפּראַך, „וואָס גאָט האָט געטאָן אויסוויילן פון גאָר די אַלטע צייטן אָן און מיט וועלכער די מלאכים טוען צו אים זינגען און אכפּערן אים אין די אייבערשטע וועלטן."

צום „אגרון" איז צוגעגעבן אַ העברעאישער און אַן אַראַבישער אריינפיר. אין דעם ערשטן שילדערט דער גאון די ליבשאַפט פונעם יידישן פאָלק צו זיין שפּראַך. ער האָט זי געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג,

און זי האָט אים באַגלייט, ווי אַ געטרייע מאַמע, אויף אַלע זיינע וואַנדער־וועגן. זי איז געוואָרן „דאָס געזאַנג פון אונדזערע לוויים, דאָס ליד פון אונדזע־רע כהנים, דער אויסדרוק פון וויזיע ביי די נביאים און דער געדאַנקען־לבוש אין דעם מויל פון אונדזערע פאָעטן ביז חורבן ירושלים.״ מיטן חורבן האָט זיך געענדערט די לאַגע. דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן נישט נאָר זיין טעריטאָריעלן צענטער, נאָר אויך זיין קולטורעלן איינהייטלעכן פּרצוף. ס׳איז אויפגעקומען אַ בלבול הלשונות. באַקלאָגט זיך טאַקע ר׳ סעדיה: „נישטאָ קיין פאָלק צווישן וועלכן אונדזערע וואָגלערס זיינען נישט געקומען. אומעטום האָבן מיר געוואַנדערט, דערצויגן אונדזערע קינדער אין דעם לשון פון די אומות העולם, וואָס האָבן פאַרטונקלט מיט זייער קרומן און שטאַמל־דיקן לשון דעם ריטם פון אונדזער וואָרט, אָבער ס׳איז נישט רעכט אַזוי.״ אין גלות האָבן מיר זיך באַטייליקט אין דעם גייסטיקן לעבן, דער יונגער דור איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף פרעמדע קולטורן. דער שפּראַכלע־כער שמד האָט גובר געווען. ס׳איז אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצה צווישן ייד און גוי. די גולים רעדן גריכיש, פּערסיש, מצריש. דעריבער אַזויפיל אויפריכטיקער צער און פאַרביטערונג טליעט אינעם אויסדרוק: „און ס׳איז נישט רעכט אַזוי. דאָס האַרץ טוט ווי צוליב דעם וואָס ס׳איז פאַרשניטן געוואָרן פון אונדזער מויל דאָס הייליקע וואָרט, דער פעלז און פאַנצער אונדזערער.״

ס׳איז פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך ר׳ סעדיהס באַמערקונג אין דער הקדמה, אַז דעם „אגרון״ האָט ער פאַרפאַסט ווען ער האָט געזען ווי די אַראַבישע פּאָעטן און געלערנטע גיבן זיך אָפּ מיט דער אַנטוויקלונג פון זייער שפּראַך. ר׳ סעדיה איז געוואַקסן מיט דעם וואוקס פון אַראַביש. ווי אַ קינסטלער האָט ער דערפילט מיט וויטיק, אַז זיינע ווערק וועט ער מוזן שאַפן אין דעם אַראַבישן לשון. הגם העברעאיש איז שוין ווייט אַוועק פון דעם פּאָעטיש־מליצהדיקן תנ״ך־סטיל און האָט געפינקלט מיט דעם גע־שליפענעם צוזאַמענגעפרעסטן משנה־זאַץ, איז זי פאַרט געבליבן שטיק אין די לעצטע פיר הונדערט יאָר אויף איין אָרט. איר טערמינאָלאָגיע איז אויפן גע־ביט פון אַבסטראַקטן פילאָזאָפישן דענקען איז געווען אָרעם. זי האָט זיך איינגעשרומפּן. קיין שום גייסט האָט זיך נישט באַוויזן — נאָך דעם אָפּ־שלוס פון תלמוד — אויף די האָריזאָנטן פון דער נאַציאָנאַלער שאַפונג. פון קנאה האָט דער גאון זיך גענומען צו אַנטוויקלען העברעאיש, אויסברייטערן אירע ראַמען, באַלעבן אַלע אירע פאַרבאָרגענע אינסטרומענטן, כדי יידן און נישט יידן זאָלן זען, אַז מיר שטייען נישט אָפּ פון דער וועלט, און אַז אויך אונדזער גאָרטן בליט . . .

אַ חוץ דעם „אגרון" האָט סעדיה פֿאַרפֿאַסט אַ פּירוש אויף ניינציק אומבאַקאַנטע ווערטער וואָס זיינען צעשפּרייט — ווי רויע גישט געשליפֿענע דימענטן — אין תנ"ך. ער דערקלערט זיי ווי־סנשאַפֿטלעך־אַנאַליטיש, באַזירנדיק זיין אויסטייטש אויף ענלעכע אויסדרוקן פֿון דער משנה, תלמוד בבלי, ירושלמי, תרגום און מדרש. אויך אין די דאָזיקע חבורים — הגם אַנדערע האָבן שוין געהאַט באַאַרבעט דעם מאַטעריאַל — האָט ר׳ סעדיה אויסגעטראָטן אַ וועג. ער האָט אָנגעוויזן דעם וואָרצל פֿון יעדן ווערב, אָפּטיילנדיק דעם סופֿיקס פֿון פּרעפֿיקס, ער האָט אויפֿגעלעבט פֿאַרגעסענע טערמינען, העברעאיזירט אַ סך אַראַמעאישע אויסדרוקן, געשאַפֿן נייע ווערבן און סובסטאַנטיוון, געמאַכט פֿאַרשידענע שפּראַכלעכע קאָמבינאַציעס, אויסגעברייטערט די ראָם פֿונעם וואָרט אוצר, צוגעגעבן נייע באַצייכנונגען, און געמאַכט די שפּראַך מער בייגעוודיק, עלאַסטישער, און זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ מער פּשוטן אינסטרומענט, וואָס מ׳קאָן באַנוצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

דאָס זיינען געווען ר׳ סעדיהס ערשטע טריט אויפֿן פֿעלד פֿון דער העברעאישער וויסנשאַפֿט. די טריט זיינען געווען געוואַגטע, פֿעסטע. זיי האָבן אַרויסגערופֿן דעם געהעריקן אָפּהילך און אָנגעזאָגט דעם פֿלי פֿון אַ יונגן אָדלער, איידער ס׳האָבן זיך נאָך פֿאַנאַנדערגעוויקלט זיינע פֿליגל. דער נאָמען פֿונעם יונגן מחבר איז גלייך באַקאַנט געוואָרן. ער האָט געשמט אין די אַרומיקע לענדער.

קאַפּיטל פיר

מיטן וואַנדערשטאַק אין דער האַנט...

די בענקשאַפט צו ווייטע האָריזאָנטן. — די קראים און זייער רעוואָלט. — דער הינטערגרונט פון דער באַוועגונג. — די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון קאַראימטום. — דער מעטאָד פון פּאָלעמיק. — אינעם קאַמף פאַרן תלמוד. — „תפלת הדרך". — אינעם וואָגל.

סעדיה איז שוין אַ בחור, רייף, ערנסט און אומרואיק. אַ מאָדנע שטילע נאָגעניש האָט אים געטריבן צו זען ארץ ישראל און דעם צענטער פון די ישיבות — בבל. באַזוכן די קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, זיך צוקוקן צו זייער לעבן, פריידן און לייד. „און דו זאָלסט אויסוואַנדערן אין אַן אָרט וואו ס'איז פאַראַן תורה." ענג איז אים געוואָרן אין דילאַז. ס'האָט אים אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג „זיך צו שטויבן אין דעם שטויב פון תלמידי חכמים". אָבער ס'איז נישט אַזוי לייכט צו פאַרלאָזן די היים. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פּסיכישע שוועריקייטן, ווייל אינצווישן האָט ער גענומען אַ פרוי און ס'זיינען אים געבוירן געוואָרן קינדער. די באַהאַלטענע פעדעם, וואָס האָבן אים פאַרקניפּט מיט זיין היימלאַנד, פריינט, תלמידים און משפחה, זיינען געוואָרן פעסטער. שווער איז געווען צו נעמען דעם וואַנדער־שטאַק און זיך לאָזן אין די מרחקים. און הגם ר' סעדיה איז געווען אַ מאַן אַ פּראַק־טישער, האָט דאָס הארץ אים אַלעמאָל אַ טיאַכקע געטאָן ביי דעם געדאַנק, אַז ער וועט אויסוואַנדערן. נאָר אָט איז געשען אַ געשעעניש, וואָס האָט פאַרשנעלערט זיין באַשלוס צו אנטלויפן פון אלפאיום. אין יענער צייט האָבן די קראים אין מצרים אויפגעהויבן זייער קאָפּ, און אָנגעהויבן מיט גרויס קנאות צו פאַרשפּרייטן זייער תורה.

די סעקטע קראים האָט געגרינדעט אין דער צווייטער העלפט פונעם אַכטן יאָרהונדערט ענן בן דויד. ער איז אַרויסגעטראָטן אין אַן עפנטלעכן קאַמף קעגן תלמוד, וועלכער איז געוואָרן דאָס געזעץ־בוך פונעם פאָלק און וואָס אויף זיינע יסודות האָט זיך באַזירט זיין רעליגיעז־געזעלשאַפטלעך לעבן אין אַלע זיינע וואַנדערטער.

דער הינטערגרונט פון דער קאַראַאימישער באַוועגונג — הגם ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּערזענלעכע מאָמענטן — איז געווען דער רעוואָלט, די אומצופרידנקייט מיט דער העגעמאָניע פונעם תלמוד איבערן יידישן לעבן. די תקופה פון די עקסילאַרכן און די גאונים צייכנט זיך אויס מיט רעליגיעזער קנאות, וואָס האָט אויסגעשפּרייט איר ממשלה אויפן פאָלק, אַרומגעצאַמט זיין וועלט מיט „היתרים" און „איסורים". יעדער דור האָט געלעבט מיט דער גייסטיקער ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע פאָרגייערס. מ׳האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם שכל פון די תלמודיסטן, און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו שטיצן זיך אויף זיין אייגענעם פאַרשטאַנד. פון די עלטערן האָט מען געירשנט דעם גלות־יאָך, דאַרף מען אים טראָגן געדולדיק און וואַרטן אויפן קץ־הפלאות. מ׳האָט שלום געמאַכט מיט די באַדינגונגען, מיט די הערשנדיקע אויסערלעכע און אינערלעכע כוחות. די אַפּטע אַרומרייסערייען צווישן די עקסילאַרכן און די גאונים, די קנאה־שנאה און קידער־ווידער צווישן די ביידע תורה־צענטערן אין סורא און פומבדיתא האָבן אַריינגעבראַכט צעריסנקייט און מחלוקת אין דעם יידישן צבור.

ביי אַזוינע באַדינגונגען האָט געמוזט קומען דער איבערבראָך. ס׳זיינען אויפגעשטאַנען זעלבסשטענדיקע דענקער, וואָס האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן בלינדערהייט דער אויטאָריטעט פונעם געזעץ. דער מענטשלעכער געדאַנק האָט זיך אַדורכגעריסן דורך אַלע שפּאַרונעס. אַרום די אור־שפּרינגלעכע דינים און משפּטים פון תנ״ך האָבן זיך אָנגעהויפּנט גאַנצע הויפנס פון נייע הלכות, אָפּטמאָל סכאָלאַסטישע אויסטייטשונגען, וואָס האָבן אויסגעקוקט פאַרן מענטשן מיט אַ פרייערן געדאַנק האַר־שפּאַלטעריש און האַרב. צוריק צום תנ״ך — איז געווען די לאָזונג פון דער יונגער באַוועגונג. אַלע אַנדערע שפּעטערדיקע געזעצן און פאַרשריפטן אין דער משנה און גמרא זיינען נישט קיין חוב. די טרעגער פון דער באַוועגונג האָבן אָנערקענט נאָר דעם מקרא — דעם תנ״ך — דערפון נעמט זיך טאַקע דאָס וואָרט „קראים".

די תורה האָבן זיי אויסגעטייטשט בוכשטעבלעך, נישט אַריינדרינגנדיק אין דער כוונה, אין דעם געדאַנק. זיי האָבן איינגעפירט ווילדע מנהגים: זיי פלעגן זיצן אין דער פינצטערניש פון פרייטיק צונאַכטס ביז מוצאי שבת, ווייל אַזוי האָבן זיי פאַרשטאַנען דעם זאַץ אין חומש: „און איר זאָלט נישט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין טאָג פון שבת." די קראים האָבן נישט באַוויזן צוצופּאַסן די אוראַלטע געזעצן פון דער תורה סיי צו די לעבנס־באַדאַרפן פונעם יחיד און סיי צו די טאָג־טעגלעכע באַדאַרפן פונעם פאָלק. זיי האָבן זיך געהאַלטן שטרענג ביים פּסוק, אפילו ווען ס׳האָט

זיך געהאַנדלט צו ראַטעווען אַ נפש. זיי האָבן נישט מחלל שבת געווען צוליב אַ חולה, נישט געקוקט וואָס די חז״ל האָבן מתקן געווען „אַז ראַטעווען אַ מענטש איז בילכער ווי אָפּצוהיטן דעם שבת״. זיי האָבן איינגעטייטשט „עין תחת עין״ אין בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט, הגם דער תלמוד האַלט, אַז די תורה — אינעם איינקלאַנג מיט דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעך־מאָראַלישן געפיל — האָט דערמיט אַנדערש נישט געמיינט ווי אַ מאַטעריעלע פאַרגיטיקונג.

ענן האָט תחילה געדעכנט, אַז מ׳קאָן זיך באַגיין אָן טראַדיציע. צווישן עולם איז אַרומגעגאַנגען זיינס אַ באַליבט ווערטל: „זוכט גוט אין דער תורה און פאַרלאָזט זיך נישט אויף מיין מיינונג״. דער פועל יוצא איז געווען אַ גייסטיקע אַנאַרכיע. די תורה איז געוואָרן אַ רשות הרבים: יעדער איינער האָט ביים זוכן עפּעס אַנדערש געפונען און געמאַכט זיינע אייגענע פּירושים. די פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן זיך שנעל אַרומגעזען, אַז כדי נאָכצוקומען די באַדערפענישן פונעם לעבן — און דער תנ״ך האָט דאָך נישט געקאָנט אַרומנעמען אַלע פאַזן פונעם מענטשלעכן זיין און באַפרידיקן אַלע זיינע הצטרכותן — מוז מען דאָך אָנקומען צו דער זעלביקער פּראָצעדור פון אויסטייטשונגען ווי דער תלמוד. מען איז אַזוי אַרום געווען געצוואונגען מחבר צו זיין דעם „ספר המצוות״, אַ מין אייגענער תלמוד, וואָס איז פול מיט חומרות. אויב דאָס אָפּהיטן שבת, לויט די רבנים, איז געווען געניטג שטרענג, איז ער ווערליק די קראים געוואָרן פיל שטרענגער. אפילו דאָס חתונה האָבן — אין ליכט פון זייערע דינים — איז געוואָרן שווערער און קאָמפּליצירטער.

דער פאַטאַלער טעות פון ענן און זיינע נאָכפאָלגער איז געווען וואָס זיי האָבן געוואָלט פאַרגרינגערן דאָס לעבן און זיי האָבן עס געמאַכט נאָך שווערער. אַנשטאָט אָפּצוואַרפן די אומוויכטיקע פרטי פרטים, וואָס וואַקסן אָן ווי אַ ווילדער נאָכוואוקס אויף אַלע תורות און אידייען, האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן אָפּצושאַפן סאַנקציאָנירטע ריטואַלן און מנהגים, וואָס זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל אינעם גייסטיקן און נשמה־לעבן פונעם פאָלק. אַנשטאַט אַרויסצורייסן אַ פּאָר ציגל האָט מען זיך פאַרמאָסטן אומצוואַרפן ווענט אינעם גרויסן בנין. ענן האָט געוואָלט אויפבויען אַ ניי לעבן און — ס׳איז אים נישט געלונגען. נישט קיין פּראָגרעסיווע ווענדונג האָט דאָס קאַראימטום אָנגענומען. אָבער געזונטע קערנער האָט דאָך פאַרמאָגט דער דאָזיקער רעוואָלט. ער האָט געגעבן אַ שטויס פאָרויס צו פאָרשן דעם טעקסט פון דער תורה, צו אַ גרונטיקער פאָרשונג אין דער העברעאישער גראַמאַטיק.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ מין „קנאת סופרים תרבה חכמה", אַ קעגנזייטיקע קאָנקורענץ. פון אינעווייניק — די קראים, און פון אויסעווייניק — דער וואוקס פון דער אראבישער השכלה, האָבן געבראַכט נוצן „דעם ליבלעכן ווייננאָרטן פונעם פאָלק ישראל."

ר' סעדיה האָט באַמערקט, אַז די שעדלעכע תורה פון די קראים גייט מיט ראשיקע טריט און שאַפט זיך אָנהענגער. ער האָט פאָרויסגעזען די סכנה פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פונעם פאָלק, וואָס דער דאָזיקער רעליגיעזער פירוד איז עלול צו ברענגען, און ער האָט זיך אריינגעוואָרפן מיט התלהבות אינעם קאַמף. די תורה שבכתב האָט ער באַטראַכט נישט ווי אַ פאַרשטיינערטע דאָגמאַטיק, נאָר ווי אַ לעבעדיקע שאַפונג, וואָס פאַסט זיך צו צו די לעבנס־באַדינגונגען. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזען דעם תלמוד ווי אַ גייסטיקן אוצר, וואָס האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען צוזאַמען מיט דעם רייף ווערן פונעם מאָראַלישן מענטשלעכן געפיל. די דינים, געבאָטן און פירושים האָבן געדינט ווי אַ צאַם נישט נאָר אָפּצוהיטן און אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע איינהייט פונעם פאָלק, נאָר זיי זיינען אויך געווען דער פועל יוצא פונעם מאָראַלישן געפיל, וואָס האָט רעוואָלטירט כלפי יעדן שטרענגן נישט הומאַניטאַרן פאַרשטיין דעם טעקסט פון דער תורה. אַזאַ מין פאַרשטיין — ווי די קראים האָבן אויסגעטייטשט דעם „עין תחת עין" — האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פון אַ קולטור־פאָלק, און איז נישט געווען אין הסכם מיט דער שפּעטערדיקער געשטאַלטונג פון זיין עטישן און סאָציאַלן לעבן.

די קראים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ טיפער שפּראַך־קענטעניש, האָבן גוט געקענט דעם נוסח פון „קרי" און „כתיב". אין זייערע ספרים האָבן זיי זיך מכלומרשט געשטיצט אויף דעם תנ"ך און אויף דער יידישער רעליגיע. די חכמי התלמוד האָבן זיך תחילת צו זיי באַצויגן מיט אַ שטאָלצן בטול, באַנוצנדיק דעם העברעאישן ווערטער־שפּיל „כלה ענן וילך", האָבן זיי געמיינט, אַז דערמיט זיינען זיי יוצא, און אַז די סעקטע וועט זיך באַלד צעפאַלן. אָבער די לאַגע איז געוואָרן ערנסט. ענן און זיינע תלמידים האָבן פאַרמאָגט די קאַמפּלוסטיקייט און דעם מוט, מיט וועלכע יעדע יונגע באַוועגונג צייכנט זיך אויס. זייער צאָל איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. זיי זיינען אויך נישט געווען איבערקלייבעריש און פאַרזיכטיק אין די מיטלען און מעטאָדן. אין די וויכוחים האָבן זיי באַנוצט אַ היבש ביסל דעמאַגאָגיע. נאָר קעגן די שעדלעכע רבנישע פּרושים אויף דער תורה קריגן זיי — האָבן זיי געזאָגט — אָבער נישט קעגן תלמוד בכלל.

מ׳קאָן זיך לייכט משער זיין, אַז אַזוינע קאַמפּסמעטאָדן זיינען געווען בכוח אריינצוברענגען דעם עולם אין אַ טעות. סוף כל סוף האָבן די חכמי התלמוד זיך אַרומגעזען אַז מ׳טאָר זיך נישט האַלטן לויטן כלל פון „שב ואל תעשה״, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעאַגירן מיטן חרם, אָבער זייער אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן. אויך מיט דעם דאָזיקן געווער איז געווען אומ־מעגלעך צו באַרואיקן די געמיטער און אריינברענגען אָרדענונג אינם כאַאָטישן צושטאַנד פונעם געזעלשאַפטלעך־רעליגיעזן לעבן. דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר איז נישט געווען פעאיק זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין אַלע הויכע און האַרבע פּראָבלעמען פון הלכות און פרושים. ער איז נישט געווען מסוגל אונטערצושיידן צווישן קודש און חול, זיך אָריענטירן אין די פונדאַמענטאַלע חלוקי־דעות און פאַרשידענע קוצו של יוד־אויסטייטשונגען פון די קעגנפּדיקע צדדים. אין קעגנטייל: עולם האָט באַטראַכט די קראים ווי באַוואוּסטע און גע־רודפטע, מאַרטירער פאַר דער יידישער אמונה, און דאָס האָט זיי אָנגעטאָן אַ קרוין פון קדושה.

ר׳ סעדיה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגענומען אַ נייעם מע־טאָד צו באַקעמפן זיינע אידייאישע קעגנער. ער איז קודם כל געווען גוט באַקאַנט מיטן טעקסט פון דער תורה לויט אַלע זיינע נוסחאות, ווי אויך מיט די פילאָזאָפישע שטראָמונגען פון יענער צייט. זיינע גרונטיקע ידיעות אין דער העברעאישער און אראבישער פילאָלאָגיע האָבן אים אַ סך געהאָלפן אינעם דאָזיקן געוואָגטן און מוטיקן אַרויסטריט. אין יאָר 915 דערשיינט אין אראביש זיינס אַ ספר קעגן די קראים, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן איבערזעצט אין העברעאיש. אין דעם חבור וואַרפט ר׳ סעדיה אָפּ אַלע טענות פון די קראים. ער באַווייזט מיט לאָגישע ארגומענטן, אַז תורת משה קאָן נישט עקזיסטירן אָן טראַדיציע און אָן באַשטימטע קאָמענטאַרן, ווייל געוויסע דינים אין דער תורה זיינען גענוי פאָרמולירט געוואָרן אין זיי נויטיקן זיך אין אַ מער קלאָרער דערקלערונג און אויספאַרשונג.

דער דאָזיקער פּאָלעמישער ספר איז אין משך פון דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען. ס׳זיינען פון אים געבליבן אויסצוגן, וועלכע די קראים ברענגען. פון זיי קאָן מען אַרויסדרינגען דעם תמצית פון ר׳ סעדיהס פּאָלעמיק. ר׳ סעדיה האָט קודם כל צעקלאַפּט דעם „וויסנשאַפטלעכן״ בנין, וואָס די קראים האָבן באַוויזן אַזוי קונציק אויפצושטעלן. עננס אָנהענגער האָבן זיך תמיד באַרימט, אַז נאָר זיי אַליין האָבן דעם געהיימען שליסל צו דעם היכל־התורה. האָט ר׳ סעדיה באַוויזן, אַז גראַד די באַרימער טאַפּן אין דער פינצטער, פאַר־שטייען נישט ווי געהעריק אַ פסוק, און זייערע פרושים זיינען באַזירט אויף

אַן עם אַרצישן און אויבערפלעכלעכן פאַרשטיין דעם תנ״ך, די עטימאָלאָגיע פון דער שפּראַך און איר גראַמאַטיק. די דאָזיקע ווערטער, וואָס זיינען באַ־גלייט געוואָרן מיט אַ טיפן אַנאַליז אין דעם געבוי און סינטאַקס פון לשון קודש, האָבן אויפגעבראַכט די קראים. דאָס געוועך איז זיי אַרויסגעפאַלן פון די הענט, ווייל זייער הויפּט־אַרגומענט איז דאָך געווען, אַז די רבנים זיינען גרויסע עמי ארצים אין גראַמאַטיק און דעריבער פאַרשטייען זיי שלעכט תורת משה און אירע כוונות.

נאַטירלעך, האָט ר׳ סעדיהס חבור דערלאַנגט אַן ערנסטן קלאַפּ דער קאַראַימער באַוועגונג, ער איז אָבער נישט געווען בכוח זי אָפּצושטעלן. די פּאָלעמיק האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט. די מחלוקת, וואָס האָט געזאָלט זיין לשם שמים, האָט אָנגענומען אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. איינער האָט באַוואָרפן דעם צווייטן מיט זלזולים און רכילות. מ׳האָט אפילו אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז ר׳ סעדיה שטאַמט גאָר נישט פון יידן. מיטן דאָזיקן קלאַנג זיינען די קעגנער אויסן געווען צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פונעם גאון, פאַר־מינערן זיין חשיבות און אויטאָריטעט. אָבער די אַלע מיטלען האָבן געהאַט אַ הפוכדיקע ווירקונג. די וואָס האָבן געמיינט, אַז ר׳ סעדיה וועט זיך צוריק־ציען אַ באַליידיקטער, געקרעַנקטער און באַזיגטער, האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. די זלזולים האָבן געשטאַרקט זיין קעמפערישע נאַטור, געשמידט זיין ווילן און אַרויסגערופן אַלע זיינע פאַרבאָרגענע כחות. ער האָט נישט אויפגעגע־בן דעם קאַמף ביז וואַנען ער איז אַרויס אַ זיגער. די קראים זיינען שפּעטער געבליבן אַן אָפּגעריסענער אבר, אַ פאַרטריקנטער צווייג. ווי אַ פּאָלעמיקער, האָט זיך ר׳ סעדיה אויסגעצייכנט מיט זיין שאַרפן וואָרט און בייסיקן גע־שליפענעם סטיל. ער האָט אָפּגערירט מיט לאָגישע אַרגומענטן, וואָס פלעגן אויפרייצן זיינע קעגנער. די קנאות איז אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן, אַז ס׳האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען גרייט, אין זייער בלינדן פאַ־נאַטיזם, צו טאָן רשעות דעם גאון.

אין יענער צייט זיינען אויך אויסגעבראָכן פּאָליטישע אומרוען אינעם לאַנד. די פאַטימידן־דינאַסטיע האָט אָנגעהויבן אירע דעראָבערונגען אין צפון־אַפריקע. מיט אַ בליציקן שטורעם און יונגן טעמפּעראַמענט האָבן זיי דורכגעבראָכן די גרענעצן און דערגרייכט ביז אלפאיום. פון 909 ביז 914 האָבן זיך געצויגן בלוטיקע מלחמות. צום סוף זיינען זיי געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. אָבער אין 919 מאַכן זיי דעם לעצטן פּרואוו צו פאַרכאַפּן די מאַכט. אלפאיום איז דעמאָלט כמעט חרוב געוואָרן, די פעלדער — פאַר־

וויסט, די באַפעלקערונג — אַ טייל אויסגעראָטן מיט דער שווערד, אַ טייל דורך הונגער. ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז די פּאַטימידן — די עקסטרעמע טרעגער פון דער אַראַבישער שיע־באַוועגונג, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן די „סונאַאיטן״ — די אָנהענגער פון דער מוסולמענישער תורה שבעל פה — האָבן געמוזט באַטראַכטן די קראים פאַר זייערע פּאָליטישע פאַרבינדעטע און גייסטיק־נאָענטע. וויל זיי, די קראים, האָבן דאָך אויך געוואָלט דורכפירן ענ־לעכע רעפאָרמען אינעם יידישן רעליגיעזן לעבן. אין ר׳ סעדיה, וועלכער האָט דעמאָלט געשמט מיט זיין אַנטי־קאַראימישן קאַמף, האָבן די נייע אַראַבישע דעראָבערער געזען אַ געפערלעכן פּאָליטישן און רעליגיעזן קעגנער, ווען ס׳איז נייטיק צו באַזייטיקן. ס׳איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז איניקע קראים וואָלטן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ מסירהלע אויפן גאון. ביי אַזאַ מצב וואָלט געווען אומפאַרזיכטיק צו בלייבן אין מצרים. דעריבער טאַקע איז ר׳ סעדיה אַנטלאָפן אין 920. אמת, אינעם זעלביקן יאָר זיינען די פאַטימידן צוריקגעשטויסן געוואָרן. אַ היפּש ביסל צייט נאָכדעם האָט אָבער געהערשט אין לאַנד אַ צושטאַנד פון פּאָליטישער אַנאַרכיע. מוניס איז גע־וואָרן דיקטאַטאָר און ער איז נישט געווען בכוח צו ברענגען אָרדענונג. סאָל־דאַטן און סתם־רויבער האָבן גערויבט און געפּלינדערט די שטעט.

וואוהין איז ר׳ סעדיה געלאָפן? ער האָט געוואַנדערט אין ארץ ישראל, דורכגעשפּאַנט סיריע, זיך אויפגעהאַלטן אין פּערסיע, אָבער זיין בענקשאַפט צו זיין געבוירנלאַנד איז געוואַקסן. אין הער פרעמד זיינען אים נאָך ליבער געוואָרן די היימישע מקומות. די וואַנדערונגען האָבן שאַרפער גע־מאַכט זיינע געפילן און ארויסגערופן בילדער און געשטאַלטן. אַז ער פאַר־מאַכט די אויגן זעט ער זיינע פּריינט, ביי די האַריזאַנטן היבן זיך ארויס־שיילן די פּיראַמידן פון פּתום און רעמסס. די אַ קאַנטורן זיינען אים נאָענט, זיי מאַכן לעבעדיק גאַנצע קאַפּיטלעך פונעם חומש. אָט זעט ער באר יוסף — יוספס גראָבן. יעדער שטיין, יעדער פעלז האָט באַהאַלטן אין זיינע קנייטשן שפּורן פון אַ פולסירנדיק יידיש לעבן אין די אַלטע צייטן. דער שוויס, דאָס בלוט און די טרערן פון זיינע ברידער — די קנעכט ביי פרעה. אין די פאַר פראַגמענטן פון זיין „תפילת הדרך״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן בעת ער האָט פאַרלאָזן זיין היים, פאַרנעמען מיר די שטימונג פון זיין גייסטיקער צערודערונג. ס׳האָט זיך אין אים אויפגע־וועקט דער רעליגיעזער פּאָעט. ציטערן די שורות מיט אַזאַ ווייכער מעלאַנ־כאָליע צום טאָטן אינעם הימל:

„דו, וואָס האָסט אויסגעפּרואווט מיין האַרץ, קענסטו דאָך מיך. דו האָסט מיך אויסגעפּאָרשט און געפונען, אַז מיין לעבנס־וועג איז נישט געווען פאַלש. דו, גאָט, דו האָסט מיך ארויסגענומען פון מיין שטאָט, ברענג מיך צו מיין באַשטימונג־אָרט און קער מיך אום בשלום צו מיין פאָטערס הויז. לאָז מיך נישט שטיין פאַרשעמט און נידערגעשלאָגן, ווייל אין שאָטן פון דיין באַרעמהאַרציקייט טו איך מיך שיצן. זיי מצליח מיין וועג, אויף וועלכן איך גיי, און ראַטעווע מיך פון יעדן פיינט און לויערער. זאָלן בלייבן פאַרשעמט, צו שאַנד און צו שפּאָט מיינע שונאים.

„הער אויס, גאָט, די רייד פון דיין קנעכט און נויג צו דיין אויער צו זיין געבעט.“ [9]

זיין האַרץ איז פול מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט צו זיין משפּחה: פרוי, קינדער און תלמידים. אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיי לייענען מיר אַזעלכע שורות:

„און ס'איז נישט פאַרהוילן פון מיינע אויגן אייער ליבשאַפט און געטריישאַפט צו מיר. און אַזוי ווי איך בין נידערגעשלאָגן געוואָרן, בעת איך האָב זיך אָפּגעשיידט פון מיין פרוי און פון מיינע קינדער, אַזוי האָב איך געהאַט אַ סך צער ווען איך האָב זיך דער־ווייטערט פון אייך. זאָל זיין דער ווילן פון גאָט ברוך הוא איך זאָל זוכה זיין צו זען אייער פּנים אין שלום און פרייד. שוין זעקס און האַלב יאָר ווי איך האָב נישט באַקומען פון אייך קיין צושריפט, אָדער בריוו.“ [10]

בענקשאַפט וועקט זכרונות. אַ בריוו, אַ גרוס, אַ באַקאַנט פּנים, אַ חבר, אַ תלמיד — וואָלטן געקאָנט פאַרקלענערן די מרחקים, שטילן און באַרויקן דעם אומרו פונעם וואַנדערער. די דאָזיקע „תפילת הדרך“ — געשריבן אין דעם ליריש־סענטימענטאַלן תהלים־סטיל — עפענען פאַר אונדז אַ טירל אריינצוקוקן אין דער נשמה פון ר' סעדיה — דעם לערער, פאָטער, מאַן און מענטש.

ק אַ פּ י ט ל   פ י נ ף

דער קאַמף אַרום דעם לוח

די ראָל פונעם לוח. — ווי יידן האָבן באַשטימט זייערע ימים טובים אין דער תנ״ך־תקופה. — דאָס „עיבור״־יאָר. — דער קאַמף צווישן ארץ ישראל און בבל. — די אַנטשטייאונג פונעם לוח. — ר׳ סעדיה ווערט ראש הישיבה אין סורא.

ס׳האָט זיך נאָך נישט געהאַט איינגעשטילט דער קאַמף, וואָס ר׳ סעדיה האָט געפירט קעגן דער סעקטע קראים און די אַנדערע כופרים. די וואונדן זיינען נאָך נישט געווען פאַרהיילט, די געמיטער צעקאָכט — ווי ס׳איז אויסגעבראָכן אַ נייע מחלוקת, וואָס האָט אויפגערודערט די רעליגיעזע יידישע וועלט, צעטומלט די מוחות און איז געווען עלול צו ברענגען אַ פרישע שפּאַלטונג אינעם יידנטום. אין פלוג האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען אמפּערט זיך נאָר וועגן דעם יידישן לוח, אָבער אין דער קריגערייַ האָט געשטעקט אַ טיפערע סיבה: ווער זאָל האָבן די גייסטיקע העגעמאָניע איבער דעם גאַנצן גלות — ארץ ישראל אָדער בבל?

היינט ווייס יעדער פּראָסטער ייד — מעג ער זיין פאַרוואָגלט אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל ווייט פון אַ יידישן ישוב — ווען ס׳פאַלט אויס ראש חודש, פּסח, שבועות, יום כפור אָדער אַן אַנדער יידישער יום־טוב. אויב נאָר ביי אים אין הויז איז פאַראַן אַ לוחל — דאַרף ער צו קיינעם נישט אָנקומען. ער קוקט אַריין אין די שוואַרצע פינטעלעך און קאָן אליין פעסט־שטעלן ווען מ׳זאָגט „תחנון״, מ׳פאַסט אַ תענית, מ׳פּראַוועט אַ סעודה און מ׳פייערט אַ בר מצווה.

אַז אַ ייד — אין די גאָר נאָענטע פאַרגאַנגענע צייטן — איז פאַר־וואָגלט געוואָרן אין אַ דאָרף, צווישן די פאַרגרעבטע גויִשע פּויערים, צי ער האָט געפּאַכטן אַ מיל, צי ער האָט געדונגען אַ וויעטראַק אָדער געקויפט אַ שטיקל כאַלופּע — איז זיין ערשטע דאגה געווען זיך צו באַ־זאָרגן מיט אַ חומשל, אַ מזוזה, טלית און תפילין, ציצית און אַ לוחל. דער לוח האָט אָפּגעהיט, אַז דער דאָרפס מענטש זאָל נישט חס ושלום מחלל שבת זיין, ער זאָל אָפּהיטן יום־טוב, אַ יאָרצייט, אַ „קדיש״, ער זאָל זיך

פון דער ווייטנס מצרף זיין מיטן ציבור און נישט אָפּגעשניטן ווערן פונעם כלל ישראל.

איז אַמאָל, מעשה שטן, דער לוח פאַרפאַלן געוואָרן, איז דער ישובניק געוועזן אויס מענטש. די באַלעבאָסטע האָט דעמאָלט ארויפגעלייגט אויפן פּיעקעליק זיבן שטיקלעך האָלץ, און אַלע אינדערפרי אַראָפּגענומען איין שטיקל, כדי אזוי ארום נישט „פאַרלירן די טעג".

ווינטער צייט אַז דער פראָסט האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט און דורך די אייז באַבלימלטע פענצטער האָט אָנגעהויבן אַריינצושיינען אַ קאַלטע פאַר־ברוגזדיקע זון, האָט זיך אויף די פאַרשנייטע וועגן באַוויזן אַ ייד, אַ גייער, אַ מוכר ספרים — דער ישובניק איז דעמאָלט געוועזן אויפן זיבעטן הימל. דאָס ערשטע צו וואָס ער האָט זיך געכאַפּט, איז געוועזן דאָס לוחל. מיט אַ ברייטער האַנט האָט ער באַצאָלט פאַרן דאָזיקן טייערן אוצר.

אָט דער לוח, וואָס געפינט זיך היינט אין יעדן יידישן הויז, איז נישט אַזאַ פּשוטער ענין ווי מ'שטעלט זיך פאָר. ווי אזוי איז ער אַנטשטאַנען? ווער האָט אים געמאַכט? ווי אזוי האָט מען טאַקע אויסגערעכנט, אַז דער ליבער פּסח זאָל אויסקומען אין חודש ניסן און נישט אריינפאַלן ווי אַ יון אין דער סוכה? אַז דער פריילעכער יום טוב שבועות פון בלינצעס, מילכיקס, זון און גרינס זאָל גאָר נישט פאַרפאַרן אין חודש אלול, ווען ס'ווערט אַזוי קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, די האַריזאָנטן ווערן נידעריקער, די ביימער באַצערט, די פעלדער נאַקעט און אַ צעשראָקענער עולם קלייבט זיך צו סליחות, שופר און ימים נוראים?

אין דער תנ"ך־תקופה האָבן יידן נאָך קיין לוח נישט געהאַט. אָבער אַ ייד גיט זיך פאַרט אַן עצה. דער יום־טוב ביי אַנדערע פעלקער און אויך ביי יידן האָט אין די אור־צייטן געטראָגן דעם שטעמפּל פון בוים, וואַלד און פעלד. פונקט ווי היינט קאָן יעדער פויער אין דאָרף פאָרויס־זאָגן, נאָך דער זון־אונטערגאַנג אָדער נאָכן אויפפיר פון די בהמות אין שטאַל, אַז מאָרגן וועט זיין אַ לויטערער טאָג אָדער ס'וועט רעגענען, פונקט אַזוי האָט מען אויך דעמאָלט פעסטגעשטעלט די „גוטע טעג" לויט די דער־שיינונגען אין דער נאַטור. די יידן זיינען געווען אַ פויערים־פאָלק, צוגע־בונדן צו זייער לאַנד, אַקער און בייט. דער יידישער ערד־אַרבעטער האָט באַמערקט יעדן רויש פון ווינט, דעם קלענצטן בייג פון די שטערן אין הימל. אינעם מעקען פון דער קו האָט ער אויפגעכאַפּט די ענדערונג אין דער צייט. ער האָט אָבסערווירט, אַז אין באַשטימטע צייטן פאַלן רעגנס, כאַפּט אַ פרעסטל, שפּראָצן ארויס די זאַנגען, ווערט צייטיק די תבואה און ער

האָט עס אַריינגענומען אינזיינען און געמאַכט סימנים. אַזוי, למשל, געפינען מיר אין חומש: „דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו אָפּהיטן צו דער באַשטימטער צייט פון פרילינג־חודש״, שבועות — „זאָלסטו ציילן זיבן וואָכן פון ווען מען לאָזט אַראָפּ דעם סערפּ אויף דער תבואה״, און סוכות — „זאָלסטו דיר מאַכן זיבן טעג, ווען דו זאַמלסט איין פון דיין שייער און פון דיין קעלטער.״

אָבער דאָס זיינען געווען באַוועגלעכע צייכנס, ווייל הגם די נאַטור האָט אַ רוטין און געזעצמעסיקייט — דאָך איז זי אויך נישט זעלטן קאַפּריזנע, האָט אירע „שטימונגען״, האָט ליב צו מאַכן אַ שפּאַס, אַפּטאָן אַ שפּיצל, אַ שטיף טאָן. גאַנץ אָפט קומט דער רעגן מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. אָדער גאָר אין אַ פרימאָרגן פון די ערשטע אָסיען־טעג באַוויזט זיך אומגעריכט אַ פרעסטל אויף די פעלדער. טרעפט אַמאָל אַז דער פרילינג פאַרזוימט זיך צו קומען. ביי אַזאַ „פּינקטלעכקייט״ איז שווער צו באַשטימען פסח — אין „פרילינג צייט״, שבועות — „ווען דער סערפּ פאַלט אויף דער תבואה״, און סוכות — „ווען דו זאַמלסט איין פון דיין שייער און פון דיין קעלטער״...

אויך דער „עיבור״ איז נישט געווען אַזוי פשוט. דער דרייצנטער חודש איז געמאַכט געוואָרן מיט געוויסע כוונות. שטעלט זיך פּאָר: אָט איז שוין באַלד סוף חודש אדר. ניסן שטייט שוין ערגעץ מיט האַק און פּאַק גרייט אין וועג, אונדז מזכה צו זיין מיט אַ וויזיט, און מיר דאַרפן אים מקבל פנים זיין מיט כיבוד. מע קוקט זיך אַרום: די תבואה איז נאָך נישט צייטיק, די גערשטן־פעלדער שטייען גרין ווי גראָז, און ווען פסח וועט קומען, וועט מען נישט קאָנען ברענגען דעם עומר. אָדער מ׳זעט באַשיינפּערלעך, אַז ווען דער ליבער שבועות וועט אָנקלאַפּן אין אונדזער טיר, וועלן נאָך די אויבסן שטיין אויף די ביימער האַלב צייטיק, וואָס־זשע וועט זיין מיט בכורים? מיט וואָס וועט מען קומען אין בית המקדש? מיט ליידיקע הענט און אויסגעליידיקטע קערב?

אין אָט די אַלע פאַלן האָט מען געגעבן אַ „געלעגנהייט״ דער נאַטור. ווי איינער זאָגט: פאַרשפּעטיקן איז אַ גאַנץ מענטשלעכע און נאַטירלעכע זאַך. די פלינקסטע באַלעבאָסטע, אַן אשת חיל, קאָן אויך אַמאָל נישט זיין פּונקט צו דער מינוט. טאָ זיי אַזוי גוט, נאַטור־לעבן, שעם זיך נישט, הלואי זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳טרעפט, אָט גיבן מיר דיר

נאָך אַ חודש — אדר ב׳ — און פאַרענדיק דיין אַרבייט בשלימות. ניש־קשה, מיר וועלן דיר מוחל זיין.

דריי לענדער פלעגן קומען אין באַטראַכט צו באַשטימען דאָס אָנקומען פון פרילינג: יהודה, עבר הירדן און דער גליל. אויב פרילינג האָט זיך באַוויזן אין נאָר צוויי און נישט אין דריטן, איז געווען גענוג אַז מע זאָל נישט באַשטימען קיין עיבור.

און איצט גיט אַ טראַכט וועגן אַזאַ פּאַסירונג: דער הימל האָט זיך מיטאַמאָל צעבייזערט, פאַרוואָלקנט און גיסט צעבערוויז בייטאָג און ביי־נאַכט. די וועגן — פאַרגאָסן, די בריקן — צעבראָכן, די באַקאַוויונס — צעשטערט. מ׳קאָן נישט עולה רגל זיין קיין ירושלים און מ׳קאָן נישט באַקן מצות — דעמאָלט פלעגט מען אָנקומען צום „עיבור״.

דאָס מחדש זיין די לבנה אָדער באַשטימען דעם חודש איז אויך נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ גאַנצע פּראָצעדור פון בית דין, עדות און פייער. דעם 28טן טאָג פון יעדן חודש פלעגט אַ קאָמיסיע ביים העכסטן טריבונאל אין ירושלים ארויסשיקן אָרנטלעכע און קלוגע שליחים אין מזרח, מערב, צפון און דרום, כדי צו באַטראַכטן דעם האָריזאָנט און פעסטשטעלן די ריכטונג פון דער לבנה. אויף צומאָרגנס פלעגן די שליחים קומען מיט זייער באַריכט. נאָך הער גבית עדות פלעגט דער ראש פון דער קאָמיסיע דערקלערן, אַז דער חודש איז געהייליקט. כדי מודיע צו זיין דעם עולם אין ווייטע ישובים, האָט מען איינגעפירט אַ מנהג אָנצוצינדן אין דער נאַכט פון 29טן אָדער 30טן גרויסע שייטערן אויף די בערג אַרום ירושלים. דאָס זיינען געווען סיגנאַלן אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ נייער חודש. באַלד האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די כותים — געצנדינער וואָס דער קעניג פון אשור האָט באַזעצט אין שומרון אויף די ערטער פון די פאַרטריבענע יידן — פלעגן גאַנץ אָפט מאַכן אַזוינע פייערן, כדי אָפּ־צונאַרן די יידן. דאַמאָלט האָט מען באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט שליחים צו ברענגען די בשורה וועגן דעם נייעם חודש.

זעקס מאָל אַ יאָר פלעגט בית דין אַרויסשיקן אַזעלכע אָנזאָגערס:

ניסן — צוליב פסח.

אב — צוליב דעם תענית תשעה באב.

אלול — ראש השנה.

תשרי — ימים טובים.

כסלו — חנוכה.

אדר — פורים.

ארום דעם „עיבור" האָט זיך צווישן ארץ ישראל און בבל צעפלאַקערט אַ ביטערער קאַמף. אין דעם קאַמף זיינען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדן געווען גינסטיק פאַר בבל, ווייל דער ריש גלותא איז געווען אנערקענט פון דער רעגירונג. ער האָט געהאַט די מאַכט איבערן גאַנצן יידישן פאָלק צו שאַלטן און וואַלטן ווי אַן אמתער קעניג. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפטן יידן לויטן יידישן דין, צו באַשטימען דיינים, איינ־מאָנען שטייערן פאַר דער מלוכה און פאַר זיך. זיינע באַאַמטע און אויפ־זעער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַשטראָפן אפילו מיט טויט־שטראָף די אַלע וואָס האָבן עובר געווען אויף די געבאָטן פונעם עקסילאַרך; אויך אין די לענדער, וואָס זיינען נישט געווען אונטער דער הערשאַפט פון בבל, איז דער ריש גלותא געווען פון אַלע יידן פרייוויליק באַטראַכט ווי דער יידישער הערשער. ער איז געווען פאַר זיי אַ טרייסט און אַ האָפנונג, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין און אַז עס וועט ווידער אויפגעריכט ווערן אין זיין אַלטער היים. אפילו די חכמים האָבן געזען אין דעם אַמט אַ המשך פון מלכות בית דוד און זיי האָבן געדרשנט דעם פסוק „לא יסור שבט מיהודה" — אלו ראשי גלויות שבבבל.

דעם פרעסטיזש און כח פון ריש גלותא האָט נישט פאַרמאָגט דער נשיא אין ארץ ישראל. און וואָס מער דער עקסילאַרך איז עולה לגדולה געווען — אַלץ מער איז אויך געשטיגן די אויטאָריטעט פון די חכמי בבל. מיט דער צייט האָבן זיי אפילו אָנגעהייבן צו משפטן דיני ממונות, אַ רעכט וואָס איז ביז איצט געלעגן אין די הענט פון די ארץ ישראלדיקע חכמים. אויך אויפן געביט פון סמיכה — די קאָמפּעטענץ פונעם נשיא צו באַשטימען רבנים און דיינים — זיינען פאָרגעקומען שינויים: די חכמי בבל האָבן אָנגעהייבן צו „נעמען דערלויבעניש" נישט פונעם נשיא, נאָר פונעם ריש גלותא. זיי זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן געזאָגט, אַז די סמיכה פונעם נשיא איז גילטיק בלויז אין ארץ ישראל, אָבער די וואָס האָבן באַקומען סמיכה אויף רבנות פונעם ריש גלותא — זיינען אויטאָריזירט צו פסקנען אומעטום און אין ארץ ישראל אויך.

די געלערנטע פון בבל זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיק אין אַ סך סאָציאַל־קולטורעלע ענינים. נאָר אינעם פּרט פונעם „עיבור" — מיט וועלכן ס׳איז פאַרבונדן וויכטיקע דינים אין דער תורה — זיינען זיי נאָך געווען אונטער־וואָרפן דעם נשיא און דעם בית דין. אויף דעם רעכט האָבן די חכמים פון ארץ ישראל בשום אופן נישט געוואָלט מוותר זיין, און זיי האָבן געזאָגט: „אפילו צדיקים און חכמים אין חוץ לארץ און פאַסטוכער אין ארץ ישראל —

ווערט דאָס עיבור־יאָר פעסטגעשטעלט דורך די פּאַסטעכער", „אפילו נביאים אין חוץ לארץ און פּראָסטע לייט אין ארץ ישראל — באַשטימט מען דאָס יאָר דורך די פּראָסטע לייט".[11] זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס נומעריש איז זייער ישוב געווען קלענער לגבי דעם פון בבל, און זיי האָבן צוגעשריבן צו גאָט אַ מימרא אַזאַ: „מיר איז ליבער אַ קליינע עדה אין ארץ ישראל איידער אַ גרויסער סנהדרין אין חוץ לארץ". מיט אַזוינע ווערטלעך פון איבערגעטריבענער נאַציאָנאַלער גאווה האָבן די חכמים געוואָלט אויפהאַלטן די העגעמאָניע פון ארץ ישראל איבער די גלות־לענדער.

די געלערנטע פון בבל האָבן — אויס רעספּעקט פאַר ארץ ישראל — תמיד זיך אונטערגעוואָרפן. אמת, גאַנץ אָפט איז אָנגעגאַנגען אַ שטיקל „ויתרוצצו". בבל האָט געפּרואווט צונעמען די דאָזיקע בכורה, אָבער אָן דער־פאָלג. אַזאַ פאַל האָט געטראָפן אין די צייטן פון ר׳ יהודה הנשיא, סוף צווייטן יאָרהונדערט. דער ראש הגולה אין בבל איז דעמאָלט געווען יחוניה און זיין עצה־געבער איז געווען חנניה. זיי ביידע האָבן נישט געוואָלט זיך אונטער־וואַרפן דער גייסטיקער אויטאָריטעט פון נשיא אין ארץ ישראל און האָבן באַשלאָסן אליין צו באַשטימען די עיבור־יאָרן און חדשים.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג אין ארץ ישראל. פון ירושלים האָט מען אַרויסגעשיקט קיין בבל צוויי שליחים — ר׳ יצחק און ר׳ נתן — צו ווירקן אויף יחוניה און חנניה, אַז זיי זאָלן נישט מורד זיין אין ארץ ישראל. זיי זיינען געקומען אין חנניהס הויז ביים טייך פקוד און האָבן געבראַכט אַ בריוו פון ר׳ יהודה הנשיא, וואו ס׳האָט זיך געזאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרברעכן וואָס איר האָט פאַרבראַכן קעגן נשיא און די חכמים פון ארץ ישראל? אויב איר פאָלגט איז גוט, טאָמער נישט — טאָ שיידט זיך אָפּ פון כלל ישראל."

און ר׳ יצחק האָט גערעדט צום עולם:

— „צי דען שטייט געשריבן אין דער תורה „און דאָס זיינען די פייער־טעג פון חנניה?" און דער עולם האָט געענטפערט:

— „דאָס זיינען די פייערטעג פון גאָט." און ר׳ נתן האָט צוגעגעבן:

— „צי דען שטייט אין תנ"ך, אַז פון בבל וועט אַרויסגיין די תורה?" און דער עולם האָט געענטפערט: „פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה." די שליחים האָבן ווייטער איינגעטענהט:

— „אויב איר ווילט נישט איין תורה — טאָ שטייגט אַרויף אויפן באַרג. יחוניה זאָל אויפריכטן אַ מזבח, חנניה זאָל שפּילן אויף דעם האַרף, און איר אַלע זאָגט: מיר האָבן נישט קיין חלק אין גאָט פון ישראל".

„דאָס פאָלק האָט דאָס דערהערט און זייער האַרץ איז צוגאַנגען פון חרטה, זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול און געוויינט.״
דער ריס איז אויסגעמיטן געוואָרן.

אינעם פירטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהייבן די גרויסע ירידה פונעם ארץ ישראלדיקן יידנטום. די רומיש־ביזאנטישע רעגירונג — וואָס האָט פון תמיד אָן געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף דעם רעכט פון נשיא צו באַשטימען דאָס עיבור־יאָר פאַר אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט — האָט עס לחלוטין בטל געמאַכט. די שליחים פון בית דין, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען מודיע זיין דעם עולם וועגן די יום־טובים, פלעגן אַמאָל נישט אָנקומען צו דער צייט און אַמאָל זיינען זיי געפאַנגען געוואָרן פון דער רומישער מאַכט. צוליב דעם האָט הלל הנשיא דער צווייטער (330־365) אויפגעגעבן די פּראַצעדור פון באַשטימען די צייטן לויטן „זען״, און ער האָט איינגעפירט אַ מער פּינקטלעכן מאַטעמאַטישן חשבון. דעם חשבון האָט ער אָפּגעשיקט קיין חוץ לארץ.

איצטער איז בבל געוואָרן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון ארץ ישראל. צווישן ביידע צענטערס האָט זיך איינגעשטעלט אַ גלייכגעוויכט, וואָס האָט געדויערט ביז דער תקופה פון די סבוראים. דער גלייכגעוויכט איז געווען מער אָן אויסערלעכער איידער אָן אינערלעכער. ס׳איז געווען אַ מאָמענט ווען גלות מיט ארץ ישראל האָבן זיך באַגעגנט אויף דעם שיידוועג פון דער יידישער געשיכטע: דער ערשטער אין זיין עליה, דאָס צווייטע — אין זיין ירידה.

אין פינפטן יאָרהונדערט האָט רוים צוגענומען דאָס לעצטע ביסל אויטאָנאָמיעביים ארץ ישראלדיקן ישוב. „די יידן לעבן אין דער רוימי־שער אימפעריע נאָך רוימישע געזעצן, דערפאַר דאַרפן זיי ווערן געמשפּט לויט דעם רוימישן דין.״ אזוי האָט באַפוילן טעאָדאָסיוס דער צווייטער (408־450). ביז איצט איז געווען אַ מנהג, אַז דער נשיא פון ארץ ישראל האָט אַרויסגעשיקט שליחים אין אַלע קהילות צו זאַמלען גאָלד און זילבער. ארץ ישראל איז געווען פאַר יידן נישט נאָר אַ הייליק לאַנד, נאָר זייער הײם, דאָס ביסל אייגנס, וואָס איז געבליבן פון די אַמאָליקע טעג. האָבן זיי געציטערט איבער יעדן שטיקל ערד, געזאָרגט פאַר יעדער שטאָט און דאָרף, האָבן זיך געקלאַמערט אָן דעם און געוואָלט עס איינהאַלטן מיט די לעצטע כוחות. איצט איז אָט דער מנהג, אַז דער גלות זאָל שטיצן דאָס לאַנד — אָפּגעשאַפט געוואָרן. ס׳איז אַרויס אַ גזירה, אַז די ביז איצט געזאַמלטע נדבות זאָלן אַריינגעטראָגן ווערן אינעם מלוכה־אוצר און אויף ווייטער איז

שטרענג פֿאַרבאָטן געוואָרן צו קלייבן נדבות פֿאַר ארץ ישראל. די ישיבות אין טבריה זיינען געוואָרן פּוסט, דער גייסטיקער צענטער יבנה, וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט — אויסגעליידיקט און פֿאַריתומט. ס׳האָבן זיך אָנגערוקט שווערע צייטן פֿאַר דער שארית הפליטה פֿון ישראל, וואָס איז אין משך פֿון פֿינף הונדערט יאָר געשטאַנען אין אַ שטאָלצן און ווירדיקן געראַנגל פֿאַר איר קיום, און האָט אריינגעשריבן אזוינע רומפֿולע בלעטער אין דער קולטור־געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

אָן אַן אייגענעם בית דין, אָן הכנסות, איז די נשיאות געבליבן אַ פּוסטער טיטל, אַ פֿאַלשער גלאַנץ, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן מיטן טויט פֿון לעצטן נשיא, ר׳ גמליאל.[12]

מיטן אונטערגאַנג פֿון דער נשיאות, האָט ארץ ישראל פֿאַרלוירן דעם אויבנאָן צווישן דעם דיאַספּאָרא־ייִדנטום. די צאָל ייִדן אינעם לאַנד איז געוואָרן וואָס אַ יאָר ווייניקער. שווער איז געווען דער יאָך פֿון די שטייערן, מיד איז דאָס פֿאָלק געוואָרן פֿון די שטענדיקע רדיפֿות און באַליידיקונגען. ייִדן פֿון אַלע שיכטן, תלמידי חכמים און פּראָסטע לייט, בעלי מלאכות און ערד־אַרבעטער, האָבן זיך געלאָזט זוכן אַ רואיקע היים. אפֿילו די, וואָס האָבן זיך לענגער געהאַלטן און נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס הייליקע לאַנד, האָבן נישט געקאָנט מער איבערטראָגן. מ׳האָט זיך געלאָזט קיין בבל.

בבל איז איצט געוואָרן אַ קאָמפּאַקטער צענטער מיט אַ פֿולסירנדיק ייִדיש לעבן, וואָס האָט סיי אין איכות סיי אין כמות מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ ניי ארץ ישראל. די ייִדישע מאַסן האָבן נישט געקאָנט — אין זייער רעליגיעז־סאָציאַלן לעבן — בלייבן מער אָפּהענגיק פֿון דעם קליינינקן ישוב ביי די ברעגן פֿון ירדן. דאָס ייִדנטום אין חוץ לארץ האָט מיטאַמאָל דערשפּירט זיין גייסטיקן כוח, מאָראַלישע אויטאָריטעט און האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פֿיס. אינצווישן האָבן די חכמי בבל אויסגעפֿונען גענויע וויסנ־שאַפֿטלעכע און אסטראָנאָמישע ידיעות איבער דעם ציקל פֿון דער זון און דער לבנה, דעם גאַנג פֿון די מזלות און האָבן פֿאַרפֿיינערט דעם לוח. איצט האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ רעוואָלט, אָדער אַ בייזוויליקער פֿאַר־לאַנג זיך אָפּצורייסן פֿון ארץ ישראל. דאָ איז גיכער געווען אַ פּראַקטישע נויטווענדיקייט, וואָס דאָס לעבן גופֿא האָט ארויסגערוקט. צוליב די אומ־גינסטיקע געאָגראַפֿישע פֿאַרבינדונגען צווישן די ביידע לענדער, איז גע־וואָרן שווער און אָפּטמאָל אוממעגלעך צו וואַרטן אויף די אָנקומענדיקע באַשלוסן פֿונעם ארץ ישראלדיקן ייִדנטום. די חכמים ביי די טייכן פּרת און חדקל האָבן זיך גענומען דאָס רעכט צו באַשטימען אַליין די יום־טובים.

דער גורל פון ארץ ישראל איז שוין געווען געחתמעט. ס׳איז געקומען די צייט, אַז דאָס יידנטום פון בבל זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער אַלע לענדער, און ארץ ישראל בתוכם.

אָנהייב זיבעטן יאָרהונדערט זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן נאָכמער פאַרשטאַרקט די איבערהאַנט פון בבל: דאָס דעראָבערן פון ארץ ישראל דורך די פּערסיער [13] און די אײַנוואַזיע פון בבל, סיריע, ארץ ישראל דורך די אראבער. [14] די ראשי הגולה זיינען אָנערקענט געוואָרן ווי די געזעצלעכע פירשטן פון די יידן אין אַלע אַראַבישע לענדער. מיט דער פאַרשטאַרקונג פונעם יידנטום אין בבל האָט זיך אויך דער תלמוד בבלי מער פאַרשפּרייט, אפילו אין ארץ ישראל האָט מען ביסלעכווייז אָנגעהייבן צו פּסקענען און זיך פירן לויט זיינע פאַרשריפטן.

איינע פון די מעלות מיט וועלכע דער תלמוד בבלי צייכנט זיך אויס איז דער ברייטער שוואונג און אלזייטיקער פאַרנעם. דער ירושלמי איז זיך מצמצם בלויז מיטן פירוש אויף דער משנה און גיט זיך וויניק אָפּ מיט טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. ער האָט בכן נישט געקאָנט באַפרידיקן די באַדערפעניש אין אַ ספר, וואָס זאָל פאַרענטפערן אַלע פראַגעס אינעם רעליגיעזן און סאָציאַלן לעבן פונעם יחיד און פונעם כלל. די דאָזיקע באַדערפעניש האָט פולשטענדיק באַפרידיקט דער תלמוד בבלי.

אינעם יאָר 920 האָט דער גאון ר׳ אהרן בן מאיר, דער ראש הישיבה פון טבריה, רעוואָלטירט. ער האָט געוואָלט אומקערן צו ארץ ישראל די אַמאָליקע בכורה. ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן וואָס די גייסטיקע העגעמאָניע פון בבל האָט זיך פאַרשטאַרקט ביי אַלע יידן אין די גלות־לענדער, און דער תלמוד בבלי איז געוואָרן דער רעגולירנדיקער כוח אינעם יידישן סאָציאַל־רעליגיעזן לעבן. ווען ער איז געווען אין בבל, האָט ער געזען, אַז דיביידע ישיבות אין סורא און פומבדיתא געפינען זיך אין אַ שפּלדיקן צושטאַנד. דער פּרעסטיזש זייערער איז געפאַלן. דער פּרוד הלבבות צווישן עקסילאַרך און גאון איז געוואַקסן. איצט — האָט ער געטראַכט — איז אַ שעת הכושר צו דערהייבן ארץ ישראל צו דעם אַמאָליקן גלאַנץ און אויטאָריטעט.

וואָס־זשע טוט מען? אָנהויבן גלאַט אַ קאַמף אָן אַ וויכטיקער סיבה, וואָלט געמיינט אַ זיכערער דורכפאַל. מ׳האָט געדאַרפט דעם שטרייט פאַרוואַנדלען אין אַ מלחמת מצוה, מיט אַ נאַציאָנאַלן אונטערשלאַק. בן מאיר האָט ארויסגעשיקט צו ר׳ מבשר, דעם קעגנער פון דוד בן זכאי און כהן צדק, אַזאַ בריוו:

„צו די קהלות פון אונדזערע ברידער, די בני ישראל, וואָס וואוינען אין לאַנד בבל, די רבנים און זקנים, די גבאים פון די בתי כנסיות און פּרנסים, גזברים, פּקידים פון די ישיבות, מלמדים, חזנים און די איבעריקע אחינו בני ישראל, וואָס אַלעמען פּאַראייניקט גאָטספּאַרכטי־קייט; איר אַלע קדושים און טהורים, וואָס האָבן ליב די תורה און פאַרשן דאָס געזעץ, עדה פון חסידים און תמימים.

„און אין די דאָזיקע טעג זיינען צו אונדז אָנגעקומען אַלע בריוו, וואָס עס האָט געשריבן דער האַר דוד בן זכאי, וועלכער איז אייך גוט באַקענט מיט זיינע מעשים טובים און פרומע דרכים, ער און זיינע זין, כהן צדק און זייערע אָנהענגער, וואָס איינער איז נישט בעסער פון אַנדערן. אָט די אַלע לאָזן זיך אריין אין אַזעלכע ענינים, וואָס זיי האָבן נישט פון זיי די מינדסטע השגה.

„אַן עדה יידן פון ארץ ישראל האָט די אויבערהאַנט איבער די חכמים פון בבל און די איינוואוינער פון גלות האָבן נישט קיין שום זכות אויף די איינוואוינער פון ארץ ישראל, און וואו איז דאָס געזעץ געוואָרן און וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז די גלות־יידן זאָלן גאָר אַרויספּצווינגען זייער פּסק־דין אויף די ארץ ישראל יידן? נאָכמער, אפילו דער תלמוד בבלי גיט נאָך — אין אַ סך דינים און עיבורים — ר׳ גמליאלן, און ס׳איז נישטאָ אין ארץ ישראל קיינער, וואָס זאָל זיך דערוועגן צו ענדערן די רייד פון די חכמים און אַ פּשיטא אין חוץ לארץ.

„דאָס רעכט צו באַשטימען דאָס עיבור ־ יאָר האָבן מיר. אַזוי האָבן מיר געלערנט בפירוש און באַקומען בקבלה פון אונדזערע עלטערן, ר׳ גמליאל און ר׳ יהודה, די נשיאים.

„און איר, אונדזערע ברידער, נייגט אייער אויער און פאָלגט. זייט נישט שוואַך אין רצון. האָט רחמנות אויף אייך און אויף ישראל, וואָס זיינען צעשפּרייט צווישן די אומות און שטייען אויף דער שאַרף פון אַ שווערד. און אויב זיי האָבן מורא פאַרן פיינט, זאָלן זיי מתפלל זיין צום אייבערשטן און ער וועט זיי מציל זיין פון די פיינדקער״.

„און דער רבונו של עולם זאָל מיט זיין חסד אומקערן דאָס האַרץ פון זיין פאָלק ישראל צו אים און ער זאָל צעברעכן דעם אייזערנעם יאָך אויף זיי און מיר אַלע זאָלן זוכה זיין צו באַגעגענען משיחן במהרה בימינו, אמן.״

צום סוף האָט בן מאיר דערקלערט, אַז נאָך זיינע חשבונות זיינען די חדשים מרחשון־כסלו אין 921 ניינאונצוואַנציק־טאָגיקע. פסח פון יענעם יאָר האָט געזאָלט אויספאַלן זונטיק, ווען לויט די אויסרעכענונג פון די חכמי בבל זיינען די דערמאָנטע חדשים — דרייסיק־טאָגיקע, און דער יום־טוב פון באַפרייאונג האָט געזאָלט אויספאַלן דינסטיק.

אָבער דער ראש הישיבה פון טבריה האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די בריוו אליין, נאָר ער האָט געשיקט זיין זון קיין ירושלים, וועלכער האָט עפנטלעך באַשטימט דאָס עיבור־יאָר נאָכן חשבון פון זיין פאָטער.

אָט די באַשטימונג האָט ארויסגערופן אַ שטאַרקן פלאַנטער אין ארץ־ישראל, בבל און אין די שכנותדיקע לענדער. יידן האָבן זיך צעטיילט אין צוויי קריגערישע צדדים. ווען ס׳איז געקומען פסח 921, האָבן אים אַ טייל געפייערט זונטיק, און אַ טייל — דינסטיק. די מחמירים האָבן גע־פסחטביידע טעג.

„און ס׳איז געווען, אַז דער ריש גלותא, די ראשי ישיבות און די עלטסטע פון די משפחות און די תלמידי חכמים אין בבל האָבן דערהערט דאָס שלעכטס, וואָס איז באַגאַנגען, האָבן זיי געציטערט אַ גרויס ציטערניש, און ס׳האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן. וואָרן אַזאַ זאַך האָט נאָך נישט געטראָפן זינט יידן זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים ביז זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דער הייליקער ערד. און נאָכדעם ווי זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן, האָבן זיי נישט געענדערט זייערע צייטן. די חכמים האָבן זיך באַראָטן צו שרייבן בריוו און מ׳האָט צוגעשיקט צושריפטן, כדי אים באַווייזן דעם ריכטיקן וועג פון געזעץ, ווייל זיי האָבן געטראַכט אפשר איז עס אַ טעות. אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן און געענטפערט מיט עזותדיקע ווערטער.״

ר׳ סעדיה איז גראָד דעמאָלט געווען אין סיריע. ווען צו אים זיינען דערגאַנגען די פרטים פון דער מחלוקת, איז ער געוואָרן אַן אויפגעציטערטער. ער האָט פאַראויסגעזען וואָס פאַר אַן אומגליק אָט דער נייער רעליגיעזער פירוד איז עלול צו ברענגען אויפן צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן פאָלק. ווען אַ נאַציאָנאַלער קיבוץ פייערט דעם זעלביקן יום־טוב אין צוויי פאַר־שידענע טעג, איז עס דער ערשטער סימן פון אַ געפערלעכער קרענק, וואָס קאָן פאַרצערן דעם גאַנצן גוף. ר׳ סעדיה גופא איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער און אסטראָנאָם. דער חשבון פון די חכמי בבל האָט געשטימט מיט זיינע

אייגענע אויסרעכענונגען. ער האָט זיך שנעל אַריינגעוואָרפן אין קאַמף, כדי אויסצולעשן דאָס פייער אײדער סע צעפלאַקערט זיך. תחילת האָט ער זיך געווענדט מיט אַ העפלעכן בריוו צו בן מאירן און אים באַוויזן, אַז די חדשים מרחשון־כסלו זיינען פולע, און אים געבעטן אַז ער זאָל אויפהערן די מחלוקת:

„מיר האָבן נישט געגלייבט וואָס אונדז האָט געטראָפן, אַז דיין זון האָט באַשטימט אַ יום־טוב נישט ווי דער דין. מיר זיינען זיכער, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן בשוגג, זאָל דיר נישט פעלן קיין מוט צו זאָגן: כ׳האָב מיך טועה געווען.״

בן מאיר האָט זיך נישט דערשראָקן און געענטפערט:

„דער אמת איז מיט מיר און איך האָב נאָכגעפאָלגט דעם דין, נישט איך דאַרפט ווידערשפעניקן מיין מויל און אָפקערן פון מיינע רייד רעכטס אָדער לינקס.״

אַ לענגערע צייט איז אָנגעגאַנגען דער וויכוח צווישן די חכמים פון בבל מיט ר׳ סעדיה פון איין זייט און בן מאיר — פון דער אַנדערער זייט. דער לעצטער האָט אָבער קיין חרטה נישט געהאַט און האָט ווייטער פאַר־שפרייט זיינע ספרים און צושריפטן איבער אַלע יידישע קהילות.

„און ווען ס׳האָבן געלייענט די חכמים זיינע צושריפטן, האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער און האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין, צוליב די אָרעמע שעפעלעך וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין אַן אומדערבאַ־רעמדיקער האַנט און טרערן זיינען גערונען פון זייערע אויגן אויף דעם חלול הקודש. זיי האָבן אויפגעהערט אים צו ענטפערן, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט בייז און שווינדל זיינען פול זיינע האַנ־לונגען און האָבן דערוואַרט דעם טאָג פון שטראָף און נקמה, וואָס איז צוגעגרייט פאַר יעדן אַפטריניקן.״

ר׳ סעדיה האָט נישט נאָכגעגעבן. אויף די ספרים, וואָס בן מאיר האָט פונאַנדערגעשיקט צווישן די קהלות, האָט ער געענטפערט. מיט לאָגישע ראיות האָט ער צעקלאַפּט די טענות פון זיין קעגנער און ס׳איז אים געלונגען

צו באַווייזן, אַז נאָר די צייטרעכענונג פון די חכמי בבל איז די טראַדיציאָנעל־ריכטיקע.

ר׳ סעדיהס פּאָפּולאַריטעט, זיין אויפריכטיקייט, דער קאַמף זיינער מיט די קראים, האָבן סוף־כל־סוף איבערגעוואויגן די וואָגשאָל לטובת די חכמי בבל, אַז זיי זאָלן האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען דאָס עיבור־יאָר און טאַקע לויט זייער חשבון. אָט דער חשבון — אונדזער לוח — איז איינגעפירט ביז היינט צו טאָג.

ר׳ סעדיה איז וויטער ארויס דער זיגער.

נאָכן דאָזיקן זיג האָט דער גאון געהאַט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין מצרים. די אומרועַן אין זיין געבוירנלאַנד האָבן זיך איינגעשטילט. די היציקע קאראאימער האָבן זיך באַרואיקט. דאָס וואַנדערן האָט געשטאַרקט ביי אים די בענקשאַפט צו זיין משפחה, היים און דעם קרייז תלמידים. אָבער אין לעבן פון יעדן איינעם טרעפן גאַנץ אָפט אומדערוואַרטע פּאַסירונגען. אזוי איז געשען אַמאָל מיט שאולן, ווען ער האָט זיך געלאָזט זוכן די אייזלינען און דער גורל האָט צוגעטראָגן אים די קרוין. ר׳ סעדיה האָט זיך געגרייט אין וועג קיין דילאַז און אומגעריכט איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז דער עקסילאַרך דוד בן זכאי האָט אים באַשטימט פאַרן ראש הישיבה אין סורא, בבל.

קאַפּיטל זעקס

די מחלוקת איז אויסגעבראָכן

פּאַרוואָס איז דער שלום־בית צעשטערט געוואָרן. — דער משפּט. — דער מוטיקער אַרויסטריט פונעם גאון. — די צוויי שטרייטנדיקע צדדים. — ר׳ סעדיה אַנטלויפט קיין באַגדאַד.

ר׳ סעדיה האָט אײַנגעוויליקט זיך צו באַזעצן אין בבל. זײַן אַמאָליקער חלום איז מקוים געוואָרן. האָט אים דאָך תמיד געצויגן צום דאָזיקן באַרימטן תורה־צענטער. איצטער קומט ער דאָרטן ניט ווי אַן אָרעמער ישיבה־בחור, נאָר ווי דער אָנערקענטער גאון פון סורא. דאָס גליק האָט צו אים אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ געבוירענער אין מצרים, אָן יחוס, אָן זכות אבות — האָט מען צוליב אים געבראָכן דעם מנהג צו באַשטימען די ראשי הישיבות נאָר פון דער באַבילאָנישער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע. מיט אייגענע כוחות האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן העכסטן שטאַפּל פונעם יידישן קולטור־לעבן, און דערגרייכט האָט ער עס נאָר צוליב זײַן התמדה, טאַלאַנט, נעכט אָן שלאָף און טיפער רעליגיעז־עטישער אָרנטלעכקייט. פאַר אים זײַנען אויפגעריסן געוואָרן די פאַרריגלטע טויערן. גערעכט זײַנען געווען די חכמים „ברויט מיט זאַלץ זאָלטס עסן, וואַסער מיט מאָס זאָלסטו טרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן, וועט דיר וואויל זײַן אויף דער וועלט און גוט זײַן אויף יענער וועלט.“ גרויס איז דער כבוד און נאָך גרעסער די אחריות. געהערט האָט ער, אַז די ישיבה אין סורא פוסטעוועט, איז אָפּגעלאָזן. די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן. צווישן איר און פּומבדיתא גייט אָן אַ מיאוסע קאָנקורענץ. מען דערגייט זיך איינער דעם אַנדערן די יאָרן. אַ חוץ דעם מורמלט מען וועגן דעם לוקסוס־לעבן אין די טומלדיקע הויפן און רוישיקע פּאַלאַצן פונעם עקסילאַרך. ס׳איז אויסערלעכער גלאַנץ אָן אַן אינערלעכן תוכן. אַ געשענקטע קאַלטע גלאָריע צום וואסאל, וואָס פינקלט מיטן שײַן פונעם סעניאָר — דעם קאַליף — אָבער מאַכט

נישט רייכער דאָס יידישע לעבן, פאַרטיפט נישט זיינע ווערטן. ס׳איז אַ חלום אָן וויזיע. נישט אזוי האָט זיך געדאַרפט פירן דער נאָכפאָלגער פון ישיש דינאסטיע. אַ שרעק נעמט אַרום דעם גאון: ווער זיין ראוי פאַרן דאָזיקן הויכן אַמט? וועט ער קאָנען דורכפירן די געהעריקע רע־פאָרמען? אַריינבלאָזן אַ נייעם תוך אין דער אַמאָל גרויסער ישיבה, באַוויירקן דעם עקסילארך, אַז ער זאָל זיך אָנהייבן אַנדערש צו פירן, צו דערהייבן דעם אייביקן כתר התורה אויפן צייטווייליקן כתר הגלות? וועט ער זיין בכוח צו שטילן די קנאה־שנאה צווישן סוראַ און פומבדיתא?

מיט אַזוינע מחשבות איז אָנגעקומען ר׳ סעדיה אין בבל. ער איז אויפ־גענומען געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד. אָנהענגער און קעגנער האָבן געזען אין אים די שטאַרקע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אליין געפורעמט. מ׳האָט געהאָפט אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן. און אזוי איז טאַקע געשען: מיט זיין אָנקום האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. מיט אַ ליידנ־שאַפטלעכער אמביציע אויסצוגעמען ביי קהל און געווינען זיין צוטרוי, וואַרפט זיך אריין דער גאון אינעם איבערבוי פון דער ישיבה. זיין נאָמען, פעסטער כאַראַקטער, זיין קאַמף מיט די קראים, האָבן געטאָן זייערס. תלמידים אין די הונדערטער האָבן געשטראָמט קיין סוראַ. מ׳איז געווען נייגיריק צו זען דעם מאַן פון מצרים, וואָס האָט זיך שוין געהאַט קונה שם געווען. פון אַלע ווינקלען זיינען צו אים דערגאַנגען שאלות וועגן אמונה, מנהגים און יידישן קיום אין גלות. ער האָט געענטפערט על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

די ישיבה האָט געבליט. אינצווישן האָט זיך ר׳ סעדיה באַקאַנט מיטן אינערלעכן יידישן לעבן. ער האָט זיך צוגעקוקט פון דער נאָענט צום אַמט פון ריש גלותא, און וואָס ער האָט געזען, האָט אים נישט געקאָנט באַגייסטערן, באַרואיקן. די קלאַנגען, וואָס זיינען צו אים דערגאַנגען וועגן פאַרשווענדערישן לעבן, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר ריכטיק: גע־פּלאַסטערטע פּאַלאַצן, דינער און באַדינטע, מאָלצייטן מיט געזאַנג, וויין און טענץ. אַ יאָגעניש נאָך רייכקייט און הרחבה. אַ שאָטן פון אַ מכלומרשט אויטאָנאָם־לעבן אָנגעפילט מיט חניפה, שוחד און מתנות צו די קאַליפן און זייערע יוצרי משרתים.

יאָ, דער זון פון ישמעאל איז געווען כיטרע: צו וואָס זיך אָפּגעבן מיטן איינמאָנען די שטייערן און צינזן ביי ישראל? אויפהאַלטן אַ שטאָב באַאַמטע און זיך מישן אין זיין אינערלעכן לעבן? מ׳קאָן מאַכן, אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס שעפּסל גאַנץ. מ׳האָט אים צוגעוואָרפן אַ

מאָגערביינדל פון מכלומרשטער זעלבסטשטענדיקייט, כדי ער זאָל מיינען אַז ער איז דער באַלעבאָס אויף זיין אייגענעם לעבן. דערפאַר לאָזט זיך דאָס שעפּסל שערן די וואָל מיט דאַנקבאַרקייט. בפרט ווען די „שערער" זיינען דאָך אייגענע מענטשן, פלייש פון זיין פלייש און בלוט פון זיין בלוט. און די דינער פונעם עקסילאַרך ווייסן ווי צו שינדן די הויט פונעם פאָלק. די הכנסות פונעם קאַליף וואַקסן. ער איז צופרידן מיט די יידישע „פּרינצן", וואָס קאָנען אַזוי אויסגעצייכנט די מלאכה, און די וועלכע זיצן ביי דער שיסל דערלייגן אויך נישט צום געשעפט.

די ווירקלעכקייט — טראַכט דער גאון — איז תמיד שענער פון דער וויטנס ווי פון דער נאָענט. דערווייל קאָן ער נאָך גאָרנישט טאָן. ער איז נאָך פרעמד. ער מוז זיך פריער גוט באַקענען מיט דער סביבה, געווינען מער פריינט, באַקאַנטע. און דעמאָלט וועט ער אפשר קאָנען אַ ביסל ענדערן דעם צושטאַנד. אַזוי זיינען געגאַנגען טעג, וואָכן און חדשים. דער גאון האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אריינצופּאַסן אין זיין נייעם אַמט ווי, מעשה־שטן, עס איז געקומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס צווישן אים און דעם ריש גלותא נאָך פריער ווי ער האָט געוואָלט. דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין בבל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? ס'זיינען פאַראַן זעקס מקורות, וואָס גיבן איבער אומקלאָר אַ פּאָר פרטים: א) נתן הבבלי; ב) ר' שרירא גאון; ג) אַנוואונקען אין דער הקדמה פון ר' סעדיה אין זיין „ספר הגלוי"; ד) ר' אברהם בן דוד, וואָס האָט געלעבט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער; ה) אַן אַראַבישער און ו) אַ קאַראַימישער שריפט. יעדער מקור גיט אַן אַנדער נוסח. ס'איז נישט לייכט אויפצופלאָנטערן דעם דאָזיקן קנויל פון געשעענישן, אַרויסקריגן דעם תמצית. מ'קאָן זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז דער קאָנפליקט איז אויסגעבראָכן ביי די פאָלגנדיקע אומשטענדן:

צוויי מענטשן זיינען געקומען פאַרן עקסילאַרך, ער זאָל אויסגלייכן צווישן זיי אַ ירושה־סכסוך. ווי אַ באַלוינונג פאַר זיין טרחה, האָבן זיי אים צוגעזאָגט אַ צענטל פונעם סכום, וואָס האָט באַטראָפן 700 גאָלדשטיק. דוד בן זכאי האָט אויסגעהערטביידע צדדים, און נאָך אַ שקלא וטריא, האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין פּסק, וועלכער האָט געדאַרפט לעגאַליזירט ווערן פון ביידע ראשי הישיבות. די דאָקומענטן זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר ר' סעדיה. ער האָט זיי גוט דורכגעשטודירט און געפונען דאָ און דאָרטן אומפּינקטלעכקייטן, וואָס זיינען אים נישט געפעלן געוואָרן. דאָך האָט ער זיך אָפּגערופן צו די פאַראינטערעסירטע אין אַ העפלעכן טאָן:

— זייט אַזוי גוט און גייט אַוועק צום גאון פון פומבדיתא, זאָל ער זיי פריער באַשטעטיקן.

ר׳ סעדיה האָט מסתמא געוואָלט דעם קאָנפליקט איצט אויסמיידן. ער איז נאָך נישט לאַנג אינעם לאַנד. ער האָט נאָך נישט די פולע השפעה. זיינע קעגנער, נישט פאַרגינער, זיינען אים מקנא צוליב זיין גדולה. די אַנגעזעענע משפחה שארגאדו איז אים אַ דם־שונא. איינער פון דער משפחה, כליף, אַ פּסעוודאָ־געלערנטער, האָט געחלומט צו ווערן דער ראש הישיבה. פאַר אַ טייל יידן איז ר׳ סעדיה געווען אַן אפּקורוס. „די עמי ארצים, די פיינט פון וויסן באַקעמפן אים, ווייל זיי ווינטשן אַז צווישן אונדזער פאָלק זאָל נישט זיין קיין וויסן און קיין גערעכטער משפּט״. סע זענען פאַראַן אויך טעלער־לעקער און קאָכלעפל, וואָס ווידמענען און פּרוכפּערן זיך אין מוטנע וואַסער, זיי זיינען „נייטראַל״, קוקן צווישן די פינגער, וואַרטן וואָסער צד ס׳וועט זיך ארויפכאַפּן אויפן זאַטל, כדי ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט אונטערצושטעלן אַ פיסל דעם צד כנגד. אמת, ער האָט אויך אַ סך פריינט און פאַרערער. די איינפלוסרייכע קינדער פון נטירא שטייען פאַר אים שטאָל און אייזן. אָבער ס׳איז פּאַרט איצט געזינטער אויסצומיידן אַ מחלוקת.

אַז ער האָט אָפּגעשיקט די דאָקומענטן צו כהן צדק, האָט ר׳ סעדיה געמיינט, אַז יענער וועט זיך באַדענקען און וועט נישט געבן זיין אונטער־שריפט. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז דער ראש הישיבה פון פומבדיתא האָט יאָ געגעבן זיין הסכמה. ווען די בעלי דין זיינען געקומען צוריק, איז ר׳ סעדיה געווען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. ער האָט אָבער געפּרואווט זייער געשיקט זיך ארויסדרייען פונעם קלעם מיטן אויסרייד, אַז איצט איז זיין חתימה נישט נייטיק. די פאַראינטערעסירטע צדדים האָבן באַמערקט, אַז דער גאון פון סורא האָט עפּעס אַ גרונט נישט אונטערצושרייבן. זיי זיינען צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זיי דערקלערן דעם מאָטיוו. דעמאָלט האָט זיי ר׳ סעדיה אָפנהאַרציק אויסגעזאָגט, אַז דער פּסק פון דוד בן זכאי איז נישט יושרדיק.

ווען דער ריש גלותא האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט דאָס אים גאָר נישט געשמעקט. ער האָט געזען אין ר׳ סעדיהס אָפּזאָג די ערשטע סימנים פון פּראָטעסט, אומצופרידנקייט און רעוואָלט, אַ פּרואוו מצד דעם גאון צו ווערן זעלבסטשטענדיק. אנשטאָט צו פאָלגן דוד בן זכאי, וועיזט גאָר אַרויס דער זון פון יוסף אַן אייגענעם רצון. אנשטאָט דאנקבארקייט פאַר דעם חסד, וואָס ער איז דערהויבן געוואָרן צו אַ הויכער מדרגה, איז ער גאָר

אומצופרידן. לאָ די וואָס ער איז נישט מכּיר טובה, דערוועגט ער זיך צו זאָגן אים דעות און צווייפלען אין זיין משפּט.

דער ריש גלותא האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט געשיקט זיין זון יהודה מיט אַ באַפעל:

— גיי און פאָדער אויף אין מיין נאָמען אַז ער זאָל געבן זיין אונטער־שריפט.

ר׳ סעדיה האָט רואיק געענטפערט:

— קער זיך אום צו דיין פאָטער און זאָג אים, אַז אין דער תורה שטייט „זאָלסט נישט האָבן קיין איינזעעניש אין אַ דין״.

דוד בן זכאי האָט אָן אויפגערעגטער נאָכאַמאָל געשיקט זיין זון:

— כ׳וואָרן אים אַז ער זאָל אונטערשרייבן.

יהודה איז געקומען. ער האָט איבערגעגעבן זייער העפלעך דעם באַפעל פון זיין טאַטן. אין אַ צירלעך־מאַנירלעכן טאָן האָט ער געפּרואווט צו ווירקן אויפן גאון. ס׳לוינט זיך נישט, אַז ס׳זאָל קומען צו אַ ריס צווישן זיי. צו וואָס דאָס עקשנות? צו וואָס זיך איינרייסן מיטן ריש גלותא, וועלכער האָט אים, ר׳ סעדיהן, אוועקגעזעצט אויף אַזאַ בכבודיקן פּאָסטן? אָבער די אַלע טענות זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן. נאָך עטלעכע מאָל גיין אַהין און צוריק, איז דער יונג אַרויס פון די כלים און האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויפן גאון. די תלמידים און פריינט פונעם גרויסן געלערנטן האָבן אַזאַ באַליידיקונג נישט געקאָנט פאַרשווייגן. זיי האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן זון פון עקסילאַרך, האָבן אים מקיים פּסק געווען אויפן אָרט, אים אַרויסגע־וואָרפן און פאַרהאַקט די טיר.

איצט איז דער שטרייט אויסגעבראָכן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. דער עולם האָט זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות: די בן זכאיסטן און ר׳ סעדיהאיסטן. ביידע צדדים האָבן זיך געפילט באַליידיקט און איטלעכער האָט געהאַלטן, אַז נאָר ער אַליין איז גערעכט. אַ גרויסער טייל פון די פּני העיר, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען די משפּחה בטירא, האָט געהאַלטן מיטן גאון: ער איז דאָך קודם כל דער רעליגיעזער פאַרשטייער, דער גייסטיקער פירער. קיינער טאָר אים נישט צווינגען צו טאָן אַ זאַך קעגן זיין געוויסן און איבערצייגונג. אפילו דער ריש גלותא האָט נישט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרגוואַלטיקן דעם פרייען ווילן פון זיינע אונטער־טאַנער. סטראַשען מיט עקאָנאָמישע שטראָפן, איז אַ באַליידיקונג נישט נאָר פאַרן גאון אַליין, נאָר פאַר דער תורה. די אָנגעזעענע משפּחה שרגאדו איז געווען אויפן צד פון עקסילאַרך.

די מחלוקת איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז ר׳ סעדיה האָט אַריינגעלייגט אין חרם דוד בן זכאי, און באשטימט זיינס — בן זכאיס — א ברודער יהושע חסן פאר דעם ריש גלותא. דער עקסילאַרך האָט געצאָלט מיט דער זעלביקער מטבע: ער האָט באַשטימט יוסף בן יעקב, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט פארגלייכן מיט ר׳ סעדיהן אין לומדות און תורה, פאַרן ראש הישיבה אין סורא. ביידע צדדים האָבן זיך משתדל געווען ביי מלכות. מ׳האָט געהאלטן אין איין לויפן צום קאליף. מ׳האָט פאַרטאַכלעוועט געלט צו ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין משפט. דער שטרייט איז אַרויס פון די יידישע גרעניצן. ס׳האָט געדראָט, אז דער דריטער צד זאָל זיך אַריינ־מישן און בטל מאכן דאָס ביסל קולטורעלע אויטאָנאָמיע פון יידן אין בבל. דער פּראָצעס איז צום סוף געקומען פאַרן יונגן און אומדערפאַרענעם קאליף אל־מוקטאדיר, א מענטש מיט א שוואַכן כאַראַקטער, וועלכער איז געווען בלויז א ווערקצייג אין די הענט פון זיינע ווזירן, שרים און עצה־געבערס. ער האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין אייגענע פעסטע מיינונג אין די מלוכה־ענינים. אחוץ דעם איז זיין מאַכט געשטאַנען אויף משקולת, דעריבער האָט ער נישט געקאָנט באַשליסן צו וועלכן צד ס׳לוינט אים נוטה זיין, און ער האָט זיך נישט געאיילט אַרויסצוגעבן זיין משפט. דריי יאָר האָט זיך געצויגן די מחלוקת. אינעם יידישן לעבן האָבן געהערשט צוויי עקסילאַרכן און צווי גאונים. אל־מוקטאדיר איז דערמאָרדעט געוואָרן אינם יאָר 932. זיין נאָכפאָלגער אלקאהיר איז געווען געלטגייציק. ער האָט יומם ולילה געהו־ליעט און געפירט אן אויסגעלאַסן פאַרשווענדעריש לעבן. לפנים וועגן האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל צו זיין גוט און פרום. ער האָט אָנגענומען שטרענגע מאָסמיטלען קעגן אלע „וויינטרינקער, זינגער און זינגערינס, אָבער אים גופא פלעגט מען זייער זעלטן טרעפן אין א ניכטערן צושטאַנד״. ר׳ סעדיה גאון — מיט זיין עפנטלעכן אַרויסטריט און שאַרפער קריטיק לגבי דעם עקסילאַרך, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער פערזענלעכער שוץ פונעם קאַליף — האָט ניט געקאָנט נושא חן זיין אין די אויגן פון דעמדאָזיקן דעס־פּאָטישן און קאָרופּטירטן הערשער. די אָנהענגער פון דויד בן זכאי האָבן, ווייזט אויס, מיט א שיינער מתנת יד אים סוף כל סוף „איבערצייגט״, און דער פסק איז אַרויס לטובת דעם עקסילאַרך. ר׳ סעדיה איז געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן. דאָס איז געשען אינעם יאָר 933.

קאפיטל זיבן

די לערע פון ר׳ סעדיה

באַגדאַד — די שטאָט פון „טויזנט און איין נאַכט.“ — דאָס גייסטיקע און קולטור־לעבן. — די ראַציאָנאַליסטן און סקעפּטיקער. — רעליגיעזע שטרעמונגען אין איסלאַם. — ר׳ סעדיהס ערשטע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. — „ספר האמונות והדעות“. — דעם צדיק גייט שלעכט און דעם רשע — באַגליקט. — שכר און עונש. — די וועגן פון תשובה. — די הייליקייט פונעם לעבן. — דער מענטש אינעם צענטער פון באַשאַף. — וואָס איז גליק? — די מאַטעריאַליסטישע און אידעאַליסטישע שיטה. — גאולה מיט א תנאי אָדער ווי א היסטאָרישער פּראָצעס? — דער וועג פון דערלייזונג.

פון סורא איז ר׳ סעדיה אנטלאָפן קיין באַגדאַד.

באַגדאַד — דער „לוסטגאָרטן“. די שטאָט פון „טויזנט און איין נאַכט“. אַ געמיש פון שרייענדיקן לוקסוס און שרייענדיקער אָרעמקייט. פון איין זייט: זון און פּאַלמעס, מאָשייען און אַלאַבאַסטער־פּאַלאַצן מיט גאָלד־ און זייד געשטיקטע דיוואַנעס. פון דער אַנדערער זייט: אָרעמע בעלי־מלאכות, וועבערס, שוסטערס, שניידערס, פישערס און קליינהענדלער, וואָס לעבן אין דחקות אין ליימענע טונקעלע כאַלופּקעס אין ענגע, שמוציקע געסלעך.

דער „לוסטגאָרטן“ האָט זיין אָנהייב אין אַכטן יאָרהונדערט. א לעגענדע דערציילט: ביי די ברעגן פון חידקל האָט געלעבט א נזיר. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַרטאָן אין תפילה, זיך געטובלט אין די קלאָרע וואַסערן פונעם טייך און קולטיווירט בלומען, גרינס און פּאַלמעס.

איינמאָל איז פאַרבייגעגאַנגען די געגנט אַל־מאַנסור, דער צווייטער קאַליף פון דער אַבאַס־דינאַסטיע. ער איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט: אַ כישוף פון אַ צעבליטן פרילינג איז געווען אויסגעגאָסן אויף צווייג, בוים און פלאַנץ. עס האָט געאָטעמט מיט פייכטקייט פון פרישע וואַסערן. דאָ איז אַלץ שטיל געווען. די זון האָט שטיל געשיינט. צעדערן און ציפּרעסן זיינען געשטאַנען שטיל פאַרחלומט, און האָבן פאַרשפּרייט אַ קילן שאָטן אַרום. בערג — קלענערע און גרעסערע — האָבן זיך געפלאָכטן ביי די נידעריקע ראַנדן פון דעם בלויען הימל־געוועב. שטיל האָבן געמורמלט די

צווילינג־טייכן פרת און חדקל. ס'האָט זיך פון זיי געטראָגן שאַרפע ריחות פון בלושטשן און ראַר־שטעקעלעך. אַ צווישטש פון אַ ווילד־פויגל איז געפאַלן, האָט אָפּגעהילכט אין חלל און איז ציטעריק פאַרשוואונדן. פון ערגעץ־וואו האָט זיך צעשטיפט אַ ווינטל, אַ קוש געטאָן אַ לאָטאָס־בלימל, באַרירט אַ פּאַלמע־בלאַט און באַלד אויסגעהויכט זיין קורצן וואַרעמען אָטעם, און — שאַ. שטיל. שטילער. מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן צו דעמערן. פייער־פּאַסמעס האָבן איינגעקנייטשט דעם מערב. דער אָוונט־רויט האָט זיך אַדורכגעזיפּט דורך די נעפּלען פון די לאָנקעס, און באַפאַרבט מיט אַ טונקל־רויטן קאָליר די שטאַמען פון דעם מירטן־ און אַקאַציע־וועלדל. ס'איז געווען די גרויסע רו, נאָך וועלכער סע בענקען שטילע נשמות.

אַ לענגערע צייט האָט קאַליף אַל־מאַנסור נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון דעם דאָזיקן „ווינקל פון גאָט". דער אָוונט איז צוגעפאַלן ווי אַ זיידענער וואָאַל און איינגעוויקלט דעם שטאָלצן הערשער אין אַ מעלאַנכאָלישער רו־איקייט. ס'איז געווען אַ שטימונגפולער בין השמשות, וואָס מאַכט אויפּציטערן אין האַרץ צאַרטע בענקשאַפטן און פאַרנעפּלטע פאַרלאַנגען.

— דאָ וועל איך וואוינען! — האָבן געשעפּטשעט זיינע ליפּן. אין עטלעכע יאָר שפּעטער איז טאַקע אויף דעם אָרט געגרינדעט געוואָרן באַגדאַד.

נישט לאַנג האָט געדויערט ביז די שטאָט איז זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט און איז געוואָרן דער וואונדער פון דער וועלט. באַזונדערס האָט געשמט דעם קאַליפס פּאַלאַץ. דער אויפנאַם־צימער איז געווען באַדעקט מיט די שענסטע אויסגעוועבטע טאַפּעטן און דיוואַנען. ביי גרויסע פייערלעכקייטן — ווי חתונות און נאַציאָנאַלע ימים טובים — האָט דער צויבער פונעם פּאַלאַץ געפינקלט, ווי א רעגנבויגן מיט זיינע רייכע פאַרבן. די חתונה פון אל מאמון, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן אין יאָר 825, איז פאַרשריבן אין דער אַראַבישער ליטעראַטור ווי אַ פאַנטאַסטישע צערעמאָניע: חתן־כלה זיינען געשטאַנען אונטער א באַלדאַכין, איינגעפּאַסט מיט פּערלמוטער און סאַפירן. פון א גאָלדענעם טאַץ האָט מען אויף דעם פּאָרל געשאָטן מיט טויזנטער דימענטן און איידלשטיינער. צוויי הונדערט בורשטינענע קאַנדעלאַבערס האָבן פאַרוואַנדלט די נאַכט אין טאָג.

אין יאָר 917, ווען דער הערשער אל מוקטאדיר האָט אויפגענומען אַן אויסלענדישע דעלעגאַציע, איז דעם קאַליפס סוויטע באַשטאַנען פון הונדערט זעכציק טויזנט רייטערס און פוסגייערס, זיבן טויזנט שוואַרצע און ווייסע סריסים, זיבן הונדערט דינער. אין פּאַראַד האָבן זיך באַטייליקט הונדערט

לייבן. דער פּאַלאַץ איז געווען באַדעקט מיט אכט און דרייסיק טויזנט גאַרדינען, צוויי און צוואַנציק טויזנט טעפּיכער. ביים ארייננאנג האָט זיך אויפגעהויבן א קינסטלעכער גילדענער בוים וואָס צווישן זיינע צווייגן האָבן זינגפייגל געטרילערט.

פּאַראַלעל צום דאָזיקן אויסערלעכן גלאַנץ איז אָנגעגאַנגען אין דער טיף און אינטענסיוו גייסטיק לעבן. באַגדאַד איז געווען דער פּרשת דרכים פון אַלע פעלקער, ראַסן און גלויבנס. רעליגיעזער פאַנאַטיזם איז געמילדערט געוואָרן דורך א גרויסער מאָס טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש פאַר אנדערע אמונות. מ׳האָט זיך אידייאיש באַקעמפט, אָבער מיט דרך ארץ פאַרן אנדערנס מיינונג. אין וויכוחים האָט מען געוואָלט נישט נאָר איבערשאַרפן דעם אַנדערן, נאָר אויך לערנען ביים קעגנער. אין דעם „הויז פאַר וויסנשאַפט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אינעם יאָר 830, האָבן זיך צונויפגעטראָפן געלערנטע פון אלע פעלקער און דיסקוטירט פילאָזאָפיש-טעאָלאָגישע פראַגעס: וואָס איז דער צוועק פון באַשאַף? ווי אזוי איז די וועלט אַנטשטאַנען? האָט דער מענטש א פרייען ווילן? דאָס לוקסוס-לעבן, דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער שטאָט האָבן געמאכט דעם איינוואוינער פון באַגדאַד ליבעראַלער. די עולם-הזהדיקייט האָט געלאָקט און געהייצט, די כפירה האָט געבליט, דער גלויבן, אז דער מענטש איז פריי אין זיין עטישן ווילן, איז שוואַכער געוואָרן. ס׳האָבן זיך געמערט אלערליי סעקטעס און פילאָזאָפישע שיטות. א וויכטיקע ראָל האָבן געשפּילט די ראַציאָנאַליסטן אָדער מאָטאזיליטן, וועלכע האָבן מיט זייער רעליגיעזער שיטה פאַרגעשטעלט א פּראָטעסט פונעם מענטשלעכן שכל קעגן דער שטרענגער אָרטאָדאָקסישער דאָגמאַטיק. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן די אידייע פון פאַטאַליזם און פאַרבאַשטימונג. די ערשטע — ווייל זי פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין אַן אָביעקט; די צווייטע — ווייל זי מאַכט די געטלעכקייט דירעקט מיטבאטייליקט אין בייז. די גרונט-פּרינציפּן פון זייער לערע זיינען:

א. אחדות הבורא און פאַרלייקענונג פון יעדן מין ענלעכקייט צווישן אים און זיינע ברואים (דאָס דערמאָנט אונדז אָן „אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל").

ב. אלע גשמיותדיקע אויסדרוקן אין קאָראַן דאַרפן אויסגעטייטשט ווערן אלעגאָריש, בדרך משל. („לשבר את האוזן").

ג. גאָט איז אומעטום („כבודו מלא עולם").

ד. מ׳קאָן אים נישט תופס זיין מיט אונדזערע חושים, נאָר מיטן הארץ („רחמנא לבא בעי״). ערשט אויף יענער וועלט וועט מען אים קאָנען משיג זיין מיט דער הילף פון א זעקסטן חוש, וואָס גאָט וועט אין אונדז באַשאַפן.

ה. גאָט איז אַ גערעכט און שלימותדיק וועזן. רשעות און נישט־שלימות קאָנען נישט עמאַנירן פון אים. ס׳איז אוממעגלעך דעריבער, אַז ער זאָל צווינגען דעם מענטשן צו באַגיין זינד און שפּעטער אים באַשטראָפן. דאָס וואָלט געווען אומזין און נישט יושרדיק. די מעשים פון מענטשן — שלעכטע ווי גוטע — זיינען א פּועל יוצא פון א פרייען ווילן.

ו. ס׳איז פאַראַן שכר ועונש.

ז. קאָן גאָט אויסבאַהיטן פון אומרעכט? יש אומרים יאָ, און יש אומרים: ניין!

ח. עבירות ווערן איינגעטיילט אין האַרבע און לייכטע. דער גלויביקער אין אַלאָ איז אָפּגעהיט פון האַרבע עבירות.

צווישן די יאָרן 819־952 איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטיקער און אינ־טענסיווער וויכוח ארום קאָראַן. דער קאַליף אל מאמון [15] איז געווען אַ פריידענקער. ער האָט זיך פאַרמאָסטן אונטערצוגראָבן די געטלעכע אויטאָ־ריטעט פונעם איסלאַם. היות אָבער ווי דער מאַכמעדאַנישער גלויבן איז געווען נישט נאָר א רעליגיע, נאָר אויך אַ פּאָליטישער סיסטעם — איז יעדע איבערקערעניש געווען עלול אויפצוטרייסלען דעם גאַנצן סאָציאַלן מוסול־מענישן בנין. דעם מוסולמענער האָט מען געקאָנט אָפּגעוואוינען פון געוויסע דאָגמעס בהדרגהווייז, דורך אַן אומבאַמערקבאַרער ענדערונג. מ׳האָט גע־דאַרפט וואָרפן אינעם הארץ פונעם גלויביקן קערנער פון אויפקלער, כדי אָפּצושוואַכן די טראַדיציאָנעלע לערע, אַז דער קאָראַן איז די ריינע געטלעכע חכמה, אַן וועלכער ס׳פעלט דעם מענטש די גייסטיקע פעאיקייט צו דערגיין דעם אמת.

אין דערדאָזיקער לערע איז באַשטאַנען די שוואַכקייט און שטאַרקייט פונעם איסלאַם. פון איין זייט האָט זי פאַרשפּאַרט דעם וועג צו זוכן און פאָרשן מה למעלה ומה למטה; און פון דער אנדערער זייט האָט זי אָפּגע־שטעלט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן געדאַנק און גע־מאַכט די גלויביקע בלינדע פאַנאַטיקער.

די גלויביקע האָבן געהאַלטן, אַז דער קאָראַן איז דאָס הייליקע וואָרט, מיט וועלכן גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין די ששת ימי בראשית, און

איז נתגלה געוואָרן צום מענטש כדי אים צו לערנען דעם אורח החיים. דער קאַליף מיט זיינע אָנהענגער האָבן באַקעמפט די מיינונג. זיי האָבן דערקלערט, אַז די מוסולמענישע שריפט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון מאַכמעד. מיט דער באַהויפּטונג האָבן זיי נישט פאַרלייקנט די חשיבות פונעם קאָראַן. זיי האָבן דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז די התגלות צום נביא איז געקומען אין דער פאָרם פון אָפּגעריסענע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך ביסלעכוויז אויסגעקריסטאַליזירט און באַקומען שפּעטער דורך אים — אָדער דורך זיינע תלמידים — דעם שפּראַכלעכן לבוש. דער געוואָגטער געדאַנק האָט אַראָפּגע־ריסן פונעם קאָראַן זיין מיסטיש־הייליקן שלייער און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקט, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אויף דער מענטשלעכער אַנאַליטישער קריטיק.

אונטער דער ממשלה פון קאַליף אַל מאַמון איז באַגדאַד געוואָרן די לוסטיקע זינדיקע שטאָט. פריידענקער און סקעפּטיקער האָבן געלייקנט אין דער עקזיסטענץ פון גאָט און אין דער שליחות פון מאַכמעד. זיי האָבן אָפּגעפרעגט דעם גלויבן אין השארת הנפש, חוזק געמאַכט פון רעליגיע און טראַדיציע, עטיק און מאָראַל. לויט זייער שיטה איז דאָס לעבן געגליכן „צו גראָז אינעם פעלד, וואָס אונטער דער היץ פון דער זון ווערט עס פאַר־דאַרט און פאַרוועלקט.״ אַבו־נואוואַס, דער הויף־פּאָעט, איז געווען אַ וויסטער ציניקער און פאַרדאָרבן. אין איינער פון זיינע פּאָעמעס זאָגט ער: „פאַרטאָפּל דיינע עבירות, ווייל נאָך דיין טויט וועט דיך באַגעגענען אַ באַרמהאַרציקער גאָט... דו וועסט בייסן דיינע פינגער אויס חרטה פאַר די תענוגים, וואָס דו האָסט נישט גענאָסן מחמת מורא פאַרן גיהינום.״

אזעלכע פּסוקים האָט מען ציטירט אויף די גאַסן פון באַגדאַד. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ לוסטיק זאָרגלאָז לעבן. די גלויביקע האָבן זיך צוגעקוקט מיט צער און ווייטיק צו דער שעדלעכער באַוועגונג פון די פריידענקער, וואָס פירט אַראָפּ דעם פרומען פונעם דרך הישר, און זיי האָבן געפּרואווט אַרויסצושטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער דער מושל האָט זיי גרויזאַם פאַרפאָלגט: מ׳פלעגט זיי שמידן אין קייטן, פאַרשפּאַרן אין גע־פענקעניש, שמייסן און שלאָגן. די פאַרפאָלגונגען האָבן אויפגעהערט אין די צייטן פונעם קאַליף אַל־וואַטיק.[16] אַן אַלטער מאַן האָט דעם הערשער איבערצייגט, אַז ער איז נישט באַרעכטיקט אַרויפצוווינגען זיין מיינונג אויף די גלויביקע.

דער דאָזיקער אַלטיטשקער איז געווען אַ טיפער דענקער און רעליגיעז־פרומער מאַן. מ׳האָט אים באַשולדיקט, אַז ער גלויבט אין דער געטלעכקייט

פונעם קאָראַן. דער באַשולדיקטער האָט געבעטן מ׳זאָל אים דערלויבן צו פרעגן דעם הויפּט קאַדי אבי דואד אַ פּאָר פראַגעס. באַקומענדיק די דער־לויבעניש, איז צווישן זיי בײדע פאָרגעקומען דער פאָלגנדיקער שמועס:

— וואָסערע דאָגמע וואָלסטו געוואָלט, אַז מיר, גלויביקע, זאָלן אָנ־נעמען? — האָט געפרעגט דער אַלטער.

— אַז דער קאָראַן איז פאַרפאַסט געוואָרן פון מענטשן! — האָט גע־ענטפערט דער קאַדי.

— די דאָגמע איז, משמעות, אַ וויכטיקער טייל פון דער רעליגיע, וואָס אָן אים קאָן זי, די רעליגיע, נישט זיין שלימותדיק?

— אַוודאי!

— האָט דער שליח פון גאָט געלערנט די דאָגמע די מענטשן, אָדער ער האָט זיי געלאָזט פריי דענקען ווי זיי ווילן?

— פריי!

— איז דער שליח פון גאָט געווען באַקאַנט מיט דער דאָזיקער דאָגמע?

— יאָ!

— ווילט איר, הייסט עס, ארויפצווינגען אַ דאָגמע, פון וועלכער דער נביא האָט געלאָזט דעם מענטש פריי?

דער קאַדי איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

דער אַלטער האָט ווייטער גערעדט:

— אין דער פינפטער פרשה פון דער פינפטער סוראטא [17] איז גע־שריבן: „דעם טאָג האָב איך אייך געגעבן אַ שלמותדיקע רעליגיע״, אָבער לויט אייער מיינונג קומט אויס, אַז איסלאַם איז נישט שלמותדיק כל־זמן מיר נעמען נישט אָן, אַז דער קאָראַן איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון מענטשן. טו וועמען זאָל מען גיכער גלויבן, גאָט וואָס זאָגט, אַז זיין תורה איז שלמותדיק, אָדער אייך, וואָס איר זאָגט דעם היפּוך? און נאָך, אין קאָראַן לייענען מיר: „דו שליח, לערן זיי אַלץ וואָס איז צו דיר געגעבן געוואָרן פון דיין האַר, גאָט!״ — אַצינד שטעלט זיך די פראַגע: האָט דער נביא געלערנט די מענטשן די־אַ דאָקטרין, וואָס איר ווילט פאַרשפּרייטן צווישן די גלויביקע, אָדער נישט?

אבי דואד האָט נישט געענטפערט.

— אויב — האָט דער גלויביקער ווייטער גערעדט — דער נביא האָט געוואוסט וועגן דער דאָזיקער דאָקטרין, צי האָט ער געהאַט דאָס רעכט זיך מאַכן נישט וויסנדיק?

— יאָ!

— אויב אזוי וואָלט גאָט געוועז שטרענג צו אונדז ווען ער וואָלט פון אונדז צוגענומען די פרייהייט מיט וועלכער ער האָט מזכה געווען זיין נביא!

דער וויכוח האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויפן קאַליף. מ׳האָט דעם געפאַנגענעם באַלד באַפרייט און די פאַרפאָלגונגען אויף די גלויביקע האָבן אויפגעהערט.

דער קאַליף אַל־מוטאַוואַקיל[19] איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער איז געוואָרן אַ חוזר בתשובה און ער האָט אויסגעראָטן די כפירה און די כופרים. באַזונדערס האָט ער זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי און שנאה צו פרעמדע און אַנדערש־גלויביקע. ער האָט אָפּגעשאַפט דאָס בירגערלעכע רעכט און רעליגיעזע טאָלעראַנץ, וואָס סיי יידן סיי קריסטן האָבן גענאָסן אין די פריערדיקע צייטן. לויט אַ נייער גזרה זיינען יידן אָפּגעזאָגט געוואָרן פון אַלע מלוכה־אַמטן און געווען געצוואונגען צו טראָגן די געלע לאַטע. יידישע קינדער האָט מען אויסגעשלאָסן פון מוסולמענישע שולן. דאָס רוב פון פאָלק, וואָס איז געווען אָרטאָדאָקסיש־פרום, האָט געקאָנט אומגעשטערט זיך אויסלעבן איצט לויט זיין טראַדיציע.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער פאַרזוך צו פאַרוואַנדלען איסלאָם אין אַן אמונה באַזירט אויפן פרייען שכל. ס׳האָט זיך די פריידענקער בישט איינגעגעבן די געפּלאַנטע איבערקערעניש, ווייל זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אַדורכצופירן די דאָזיקע איבערקערעניש אין דער מחשבה און נישט אין מעשים. ס׳איז געווען צופיל הלכה און ווייניק מצוות מעשיות. זיי האָבן געוואָלט סעקולאַריזירן דעם קאָראַן און דערביי זיך נישט אָפּגעשאָקלט פון אַזעלכע דערשיינונגען, ווי: דעספּאָטיזם, פּאָליגאַמיע, זנות און שקלאַפעריי. אָבער נישט געקוקט אויפן דורכפאַל, איז די דאָזיקע באַוועגונג פאַרבונדן מיט דער קורצער גלאָריע פון באַגדאַד. קונסט און ליטעראַטור האָבן געבליט. ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסער מאָס פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ. יידן, קריסטן און פּערסיער האָבן געלעבט זייט ביי זייט, געלערנט איינער פון צווייטן און גענאָסן בשפע פון אַלע פאָרטיילן און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וועגן אַראַבישן געלערנטן אל אשארי,[20] וועלכער איז געווען פערציק יאָר אַ מאָטאַזיליט, ווערט דערציילט: איינמאָל ווען דער רבי האָט דערקלערט, אַז ס׳איז דאָ אַ געטלעכע השגחה, איז דער תלמיד אויפגעשטאַנען און אָנגעהייבן צו פרעגן קשיות אין דער פאָרם פון אַ מעשהלע:

— אין אַ שטאָט האָבן געלעבט דריי ברידער. איינער — אַ פרומער, אַ גלייביקער; דער צווייטער — אַ רשע, אַ זינדיקער; דער דריטער —

אַ קינד נאָך. אַלע דריי זיינען געשטאָרבן. וואָס איז געשען מיט זיי נאָכן טויט?

— דער פרומער איז אריין אין גן עדן; דער זינדיקער — אין די טיפעניש פון גיהנם; און דאָס קינד איז געבליבן מיט זיין ריינער נשמה, — האָט געענטפערט דזשובאַי.

— רבי, שטעל זיך פאָר, אַז דאָס קינד וויל אריין אין גן עדן, וועט מען אים אריינלאָזן?

— ניין, ווייל גאָט וועט צו אים זאָגן: דיין ברודער, דער צדיק, זיצט אין גן עדן אין זכות פון זיינע מעשים טובים. אָבער דו — דו האָסט זיך נאָך נישט איינגעקויפט קיין גן־עדן.

— רבי, ווי איז דער דין, אַז דאָס קינד טענהט: רבונו של עולם, ס׳איז דאָך נישט מיין שולד, דו האָסט דאָך פאַרשניטן מיינע יונגע יאָרן און מיר נישט געגעבן די געלעגנהייט אָפּצוהיטן דיינע געבאָטן און גייען אין דיינע פרומע דרכים!

— גאָט וועט ענטפערן: ווען איך וואָלט דיך געלאָזט לענגער לעבן, וואָלסטו געזינדיקט און דיר וואָלט געקומען גיהנם. דער טויט איז געווען פאַר דיין טובה וועגן.

— רבי, שטעל זיך פאָר, אַז דער ברודער, דער רשע, איז אויפגעשטאַנען פון קבר און האָט ביטער געלאָכט: אויב דו, רבונו של עולם, האָסט געוואוסט וואָס ס׳דערוואַרט מיין ייִנגערן ברודער, האָסטו דאָך געדאַרפט וויסן די ריכטונג, וואָס מיין לעבן וועט אָננעמען. פאַרוואָס־זשע האָסטו מיך געלאָזט לאַנג לעבן?

דזשובאַי׳ס פּנים איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. ער האָט אַראָפּגעלאָזט טיף זיין קאָפּ, שטיל אָפּגעזיפצט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

פון יענעם טאָג אָן האָט אַל אַשאַרי זיך אַנטוישט אין רבינס תורה. ניין, ער איז נישט געוואָרן קיין אַפּיקורוס. ער האָט עפנטלעך נישט דערקלערט, אַז די וועלט פירט זיך אָן גערעכטיקייט, און לית דין ולית דיין. אַשאַרי איז געווען אַ גלויביקער. ער האָט אָבער אַנטוויקלט אַן אַנדער שיטה. לויט אים קומט אויס, אַז גאָט איז צו איינע באַרמהאַרציק, און צו אַנדערע — שטרענג, מ׳קאָן זיינע דרכים נישט פאַרשטיין. אויב — האָט ער געלערנט — מיר אָבסערווירן די ברואים, אַנהייבנדיק פון נידעריקע לעבנס־פאָרמען צו העכערע — באַמערקן מיר, אַז קיין באַשעפעניש טראָגט ניט אין זיך די קראַפט, וואָס האָט ארויסגערופן איר עקזיסטענץ. דער מענטש איז באַ־

שאַנקען, פונעם געבוירן אַן, מיט געוויסע פעאיקייטן, וואָס ער קאָן אויסנוצן און אַנטוויקלען; אָבער ער קאָן נישט באַשאַפן אַ יש מאין. דעריבער דאַרפן מיר זוכן דעם דאָזיקן שעפערישן כח מחוץ פונעם באַשאַף. דער־אָ כח מוז זיין אַלמעכטיק, אינטעלעקטועל און פול מיט ווילן, ווייל אין דעם געבוי פון דער וועלט זעען מיר די ווירקונג פון די אַלע אטריבוטן. דאָס פירט אונדז צום גלויבן אין אַ באַשאַפער, וואָס אַלץ שטאַמט פון זיין רצון, שלעכטע מעשים ווי גוטע, נוצלעכע און שעדלעכע. זיין געדאַנק און ציל קאָנען זיך נישט ענדערן. ער פאַרשרייבט אויפן אייביקן לוח דעם גורל פונעם מענטשן. דער מענטש אליין איז נישט פריי. ער קאָן נישט פאַר־וואַנדלען זיין רצון אין מעשים. די האַנדלונג זיינע איז אַ פועל יוצא פון אַ באַזונדערן געטלעכן שעפערישן אַקט. דער חשק צו טאָן שלעכטס אָדער גוטס — ווערט אויסגעפירט פון רבונו של עולם. היות ווי די האַנדלונג איז דעמאָלט אין איינקלאַנג מיט רצון — דוכט זיך, אַז זי וואַקסט ארויס פון אים.

ווערט דער רשע באַשטראָפט אויף יענער וועלט? דאָס איז גיכער אַ גאָטס זאַך. ער קאָן רחמנות האָבן און אים פאַרגעבן, אָדער דער נביא קאָן זיך משתדל זיין פאַר אים. ס׳קאָן גרייכלעך געמאָלט זיין, אַז פאַר אַ געוויסער צייט זאָל ער אָפּקומען זיין שטראָף און שפעטער אריין אין גן־עדן. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז ער זאָל פאַרמשפט ווערן צום גיהנם. קיינער ווייס עס נישט.

אַל אַשאַרי וואַרפט אויך אָפּ די מיינונג, אַז גאָט איז מחויב מוחל צו זיין דעם בעל תשובה אָדער באַהאַנדלען דעם מענטש מיט יושר. רעכט און אומרעכט, גלייכהייט און אומגלייכהייט זיינען טערמינען צוגעפּאַסט צו די באַשעפענישן, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן געוויסע געזעצן; גאָט אָבער איז מחוץ יעדן געזעץ. אמת דער קאָראַן לערנט, אַז דער בורא פאַרגיט די זינד פונעם חוזר בתשובה, אָבער מ׳טאָר נישט פאַרגעסן, אַז גאָט — לויט זיין מהות — קאָן נישט זיין אומגערעכט. ווייל אומרעכט מיינט: האַנדלען מיט אַ פרייען ווילן אין אַ באַשטימטער ספערע, וואו מ׳האָט נישט די לעגיטימע אויטאָריטעט. לגבי דעם שעפער קאָן מען עס נישט אָנווענדן, ווייל ער איז דאָך דער אוניווערסאַלער הערשער — דער רבונו של עולם.

עולם הבא איז נישטאָ. דער מענטשלעכער שכל — אָן התגלות — איז נישט מסוגל צו דערגיין דעם אמת. שכר ועונש איז מער נישט ווי אַ קינדערשע פאַנטאַזיע, וואָס אונטערוואַרפט גאָט אונטער די מאָראַלישע געזעצן פון די מענטשן. קיין זאַך אין דער וועלט קאָן נישט פאָדערן פון אים

אַ דין וחשבון פאַר זיינע מעשים, אָבער מיר אַלע זיינען מחויב יאָ אָפּצו־ געבן אַ רעכענונג פאַר אַלץ וואָס מיר טוען. מיר מוזן מקבל באהבה זיין זיין ווילן און הכנעהדיק שלום מאַכן מיט זיין משפט.

די אַלע דיסקוסיעס און פראַגעס פון יענער תקופה וואַרפן אַ שיין אויף די רעליגיעזע שטימונגען און גייסטיקן געראַנגל, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מעסאָפּאָטאַמיע בכלל און אין דער מעטראָפּאָליע בפרט.

אין דעם דאָזיקן קעסל פון גייסטיקער יוירונג איז ר׳ סעדיה אריינגע־ שליידערט געוואָרן. דאָ האָט ער פאַרבראַכט פיר יאָר. דאָס איז געווען די פרוכטבאַרסטע צייט אין זיין לעבן. אַ שטילקייט און רואיקייט איז אים באַפאַלן. זיין געוויסן איז ריין: דעם ריש גלותא איז נישט געלונגען אַרויפצוצווינגען אויף אים זיין ווילן. אמת, דאָס נע ונד זיין, מחלוקת און שנאת־חנם האָבן איבערגעלאָזט טיפע וואונדן אין זיין נשמה, דערשיטערט זיין געמיט. זיי האָבן אָבער אַרויסגערופן אַלע זיינע אנדרימלטע גייסטיקע כחות. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז די צייט איז קורץ און די אַרבעט — לאַנג. ער האָט אָנגעהייבן צו ציטערן איבער יעדער רגע, זי זאָל נישט גיין לאבוד אָן שאַפונג, אָן דער אויסלאָדונג פון יענער אינטעלעקטועלער ענערגיע, וואָס ברענט אין זיין מוח. וועד האָט עס געזאָגט, אַז דער טאָג איז נאָך גרויס? ס׳איז נאָך בין־השמשות. די זון פאַרגייט, די קאָנטורן פון דעם ווייט־ווייסן שליאַך, וועלכער פירט אין די אייביקייטן, שיילן זיך שוין אַרויס. וועט ער באַוויזן דורכצופירן זיינע פּלענער? די דאָזיקע שפּירעוודיקייט פון צייט פאָדערט אַ תקון פון יעדער שעה. ווי אַ קוואַל האָט אַ שלאַג־ געטאָן זיין יוגנט־פרישקייט. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיינע ד׳ אמות, זיך צוריקגעצויגן אין זיין יחידישער וועלט. דורך אָט דער וועלט האָבן זיך געשלענגלט וועגן און סטעזשקעס, וועלכע האָבן געפירט צו די אָן־ סופן, פאַרבונדן ווייטע דורות מיט דער קעגנוואַרט און געוואָרפן אַ בריק צו דעם עתיד. אין דרויסן האָבן געדרוישט די גאַסן מיט זייער אָריענטאַליש־ עקזאָטישער פאַרביקייט, ס׳האָט געפּרילינגט, געזומערט, געהערבסט. די פּאַלמען האָבן געבליט, אָונטן זיינען צוגעפאַלן. די זון האָט זיך געזעצט און אויפ־ געשיינט. ר׳ סעדיה האָט געלעבט מיט זיך און אין זיך און געשריבן זיינע ספרים. ניין, ער איז נישט געווען איינזאַם. אַמאָל פלעגט אַ פּאַס ליכט פאַרבלאָנדזשען אין זיין אומעטיקן צימער, באַגילדן דעם טיש, זיך צע־ שמייכלען אויף די ווענט, אויף דעם ליימענעם אויל־לאָמפּ, אָפּמאָלן פיגורן אויפן אָרעמען ריטלעך־טעפּיך און אויף דער ראַגאָזשע ביי דער טיר. דער שטראַל ברענגט אַ גרוס פון אַ ווייטער וועלט, וואָס ליגט ערגעץ און באָדט

זיך אין סנאָפּעס ליכט. אַמאָל צושטיפּט זיך דער ווינט און וואַרפט אַריין אַ געטומל פון קינדער, וואָס שפּילן זיך אויפן הויף, אַ געקלימפּער פון ערדענע כלים, דאָס מאָלן פון די מילשטיינער, בונטע קולות פון מאַרק, שאַרפע ריחות פון געווייקטן פלאַקס, געפלאָכטענע קוישן, פייגן, טייטלען און כלערליי געווירצן. אויף אַ ווייל גיט דער גאון אַ ציטער. דער פאָדעם פון געדאַנק ווערט איבערגעריסן. אַ שמייכל צעשפּילט זיך אויף זיין שטרענגן און צאַרטן פּנים. ער פאַלט אריין אין אַ פלאָנטער פון זכרונות: זיסע קינדער־יאָרן, אלפאיום, משפחה־לעבן, פריינט, וואַנדערונגען און קאַמף. סע דוכט זיך אים, אַז דער שטורעם, וואָס איז דורכגעלאָפן איבער זיין לעבנס־גאַנג איז איינגעשטילט און אזוי באַנג ווערט אין האַרץ. סע בענקט זיך נאָך עפּעס וואָס איז קיינמאָל נישט געווען און וואָס ס׳וועט אפשר קיינמאָל נישט זיין. שווער פאַלט זיין ווייסער קאָפּ אויף זיין ברוסט. אויף אַ ווייל דוכט זיך אים, אַז די אַלע זאַכן זיינען אַזוי נאָענט, מיט דער האַנט צו דערגרייכן. נאָר פלוצלונג דערמאָנט זיך דער גאון; בטול תורה! און מיט אַ טאָפּעלן מוט און מער כח נעמט ער זיך צו דער הייליקער אַרבעט. צו זיינע אויערן דערגרייכט דאָס קול פון קומענדיקע דורות, וואָס וועלן טרינקען מיט דאָרשט זיינע ווערטער, און געפילן פון פרייד פילן אָן זייך נשמה.

דאָ, צווישן די פיר ווענט, האָט דער גאון אָנגעהויבן צו זאַמלען זיינע איינדרוקן און באַאָבאַכטונגען. אין זיין יוגנט איז אים אויסגעקומען אַ סך צו וואַנדערן. ער האָט זיך צוגעקוקט מיט אַן אָפן אויג און זיך צוגעהערט מיט אַן אָפענעם אויער צו מענטשן, צו לעבנס, טרויער און פרייד, קלוגע רייד און נאַרישקייטן, מחלוקתן און שלום.

אָפטמאָל האָט ער ליב געהאַט צו בלאָנדזשען אין די געסלעך פון באַגדאַד, באַזונדערס אין די ערב שבתים. ס׳איז פרי. די לופט איז קיל. אייזעלעך און קעמלען, אָנגעלאָדן מיט פרישע גרינס, זעקלעך ווייץ און קאָרן, שלעפּן זיך פויל, שלעפּערדיק פון די גרומיקע דערפער. דער הימל איז נאָך איינגעוויקלט אין אַ לייכטן דרימל און איבער אים ציען זיך העל־דורכזיכטיקע געקאַרבטע וואָלקנס. דער אָריענט כאַפּט זיך אויף פון שלאָף מיט זיין גאַנצער בונטיקייט און עקזאָטיק. אַראַבער, יידן, קריסטן, פּערסיער, טערקן. אַ מישמאַש פון לשונות און אמונות. טורבאַנען, פעסקעס, טליתים, ציצית און יאַמולקעס מישן זיך צונויף אין אַ בינטל ראשיק־רייכע קאָלירן. אָט איז די גאַס פון די שוסטער, די גאַס פון די טעפּערס, פון די וועבערס, קצבים, פישערס און אַנדערע בעל־מלאכות. אומעטום זיינען דאָ יידן, וואָס האָרעווען מיט מאַטערניש אויפן שטיקל ברויט. פלאַפּלען כלערליי לשונות

און ווערן אריינגעצויגן אין אַרומיקן שטראָם. אַט איז „קאנטארא אל יאהוד״ — די יידישע בריק, און אַט איז דער „דאר אל יאהוד״ — דער יידישער פערטל. ס׳לויפן פאַרביי פאַר זיינע אויגן הייזער פון ליים און ציגל, ארומ־געריגלט מיט הויפן. דאָ שטייט דער ציסטערן, דער מילשטיין, דער ער־דישער אויוון. די צייט פון ליכט־בענטשן דערנענטערט זיך. יידן גרייטן זיך מקבל שבת זיין. מ׳איז פאַרשמאַיעט. אָבער אין דעם געאייל און וואָכע־דיקן האַנדל־וואַנדל שפירט זיך שוין דער שבת קודש, דער חן פון רוחניות. טייל איילן זיך צו טבילה אין די וואַסערן פון חדקל, וואָס ציט זיך ווי אַ טונקעלע פאַסמע אויף גרינעם פלוש.

ר׳ סעדיה זעט אין די אָפּגעריסענע שטיקער לעבן אַ וועלט אַ גאַנצע. אָבער די דאָזיקע וועלט איז געקומען צו אים נישט קיין אָפענע, נאָר אַן איינגעוויקלטע אין אַ מין סודותדיקייט, אין אַ פלאַנטער פון שאָטנס און ליכט. נישט נאָר אין זיין פּערזענלעכן לעבן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אומרעכט, נאָר ער האָט געזען עוולות אומעטום: אַט איז אַ צדיק, פרום און גאָטספאָרכטיק, גייט שטיל זיין וועג, טוט קיינעם נישט קיין שלעכטס, נאָר אויף אים האָט געלויערט דאָס אומגליק און איז אים באַ־פאַלן. און אָט איז אַ רשע, אַ מענטש אַ פאַרדאָרבענער, און אַלץ וואָס ער זאָל נישט טאָן, איז צום גוטן, גילט אים. רבונו של עולם! וואָס קומט דאָ פאָר? איז דאָ געזעצמעסיקייט אין דער וועלט? אזעלכע מחשבות האָבן באַאומרואיקט זיין האַרץ און אויפגערודערט זיין מוח. ער נישטערט און גריבלט אין תנ״ך, ער זוכט אַן ענטפער אויף דעם „פאַרוואָס״. ער לייענט:

דער רשע —

„זיין מויל איז פון מיט פלוך, פאַלשקייט, באַטרוג,
אונטער זיין צונג — פאַרדאַרבונג און אומרעכט.
. . . שפירט נאָך מיט די אויגן דעם וואַנדערער,
ער לויערט אין געהיים, ווי אַ לייב אין נאָרע.
ער לוגערט ווי צו כאַפּן דעם אָרעמאַן,
און כאַפּט אים מיט אַ שלעפּ פון זיין נעץ.
. . . און ס׳פאַלן אריין אין זיין מאַכט די הילפלאָזע.״

— תהלים י׳, ז׳־י״א

און ווייטער:

„פאַרוואָס זאָל דער רשע באַליידיקן גאָט,
באַשטימען אין זיין האַרץ: אַז דו מאָנסט נישט אויף?

די פעסימיסטישע שטימונג פונעם בעל־התהלים שטעקט אָן דעם גאון, אַ צווייפל אין דער גערעכטער הנהגה פון דער וועלט עגבערט זיין מוח:

„נשמה מיין, פלי אַוועק צום באַרג ווי אַ פויגל!
ווייל זע ווי רשעים טרעטן אָן זייער בויגן,
שטעלן אָן זייער פייל אויפן שנור,
צעשיסן אין דער פינצטער די ריינהאַרציקע.
ווען ס׳ווערן די גרונטן צעטרייסלט —
וואָס קאָן אויפטאָן דער גערעכטער מאַן? . . .

אַ ביטערע גרימאַסע באַווייזט זיך אויפן גאונס פנים:

„ער וועט באַגעגענען די רשעים מיט פייער־קוילן,
פלאַם און שוועבל, ווי אַ ברענענדיקער ווינט,
וועט זיין די גאָב פון זייער בעכער,
ווייל גאָט איז גערעכט, גערעכטיקייט ליבט ער,
זיין פנים איז געווענדט צום ערלעכן.״

— תהלים, י״א

ר׳ סעדיה פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען:
איינע פון גאָטס אַטריבוטן איז גערעכטיקייט. דאָס מיינט: די וועלט ווערט געפירט מיט מדת הדין און אַלע ברואים ווערן באַהאַנדלט מיט יושר. דער צדיק באַקומט זיין שכר פאַר זיין פרומקייט און דער רשע — די פאַרדינטע שטראָף פאַר זיין רשעות. אָבער די פאַקטן פון לעבן זייענען סותר די דאָזיקע הנחה. ווי אַזוי־זשע קאָן מען פון איין זייט „אויסגלייכן״ די סתירות און פון דער אַנדערער זייט „באַווייזן״ די זיכערקייט, אַז גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט?

דער ווינט אין דרויסן שטיפט און מישט די בלעטער פון תנ״ך. ר׳ סעדיה׳ס קוק פאַלט אויף אַ בלאַט:

„גערעכט וועסטו בלייבן, גאָט,
ווען איך זאָל זיך קריגן מיט דיר;
אָבער גערעכטיקייט וועל איך רעדן צו דיר;
— פאַרוואָס איז דער וועג פון רשעים מצליח?
— פאַרוואָס לעבן רואיק אַלע פאַלשע און פאַררעטער?

ר׳ סעדיה גאון

פלאַנצסט זיי און זיי שלאָגן וואָרצלען,
זיי גייען אויף און טראָגן פרוכט.״

— ירמיהו י״ב, א־ב.

מיט אַמאָל טויכט אויף פאַר זיינע אויגן אַן אַנדער געשטאַלט: דער גע־פייניקטער פון לאַנד עוץ:

איך בין אומשולדיק;
מיך אַרט נישט מיין נפש,
מיר איז נמאס מיין לעבן.
עס איז אַלץ איינס דאַרום זאָג איך:
דעם אומשולדיקן און רשע טוט ער פאַרלענדן.
. . . די ערד איז איבערגעגעבן אין דער האַנט פון רשע
און דאָס פנים פון אירע ריכטער טוט ער פאַרדעקן . . .

— איוב ט׳, כא־כד

ר׳ סעדיה קרעכצט אָפּ: אַ צו שאַרפער איבערגעאיילטער אורטייל. ניין, מ׳טאָר נישט אויפנעמען דערשיינונגען פון לעבן עמאָציאָנעל־סוביעקטיוו. „אין אדם נתפס על צערו.״ אַוודאי איז גאָט גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. דער יסוד פון דער וועלט איז געזעצמעסיקייט. נאָר וואָס דען, דאָס שלעכטס אַרום אונדז? דאָס איז דערפאַר וואָס מיר זעען די נגלות. פאַראַן אָבער אויך נסתרות, וואָס מ׳קאָן זיי נישט דערטאַפּן, דערגיין זייער שורש. ווער ווייסט וואו סע הויבט זיך אָן די רעאַלע וועלט? „דער מענטש זעט מיטן אויג און גאָט זעט אין האַרץ״, און ווער קאָן וויסן וואָס ס׳טוט זיך אין יענעמס האַרץ? די אַלע מחשבות האָט ער פאַרצייכנט אין „ספר האמונות והדעות״, וואָס ער האָט געשריבן אין אַראַביש און ס׳איז דערנאָך איבער־זעצט געוואָרן אין העברעאיש.

דאָס דאָזיקע ווערק איז געווען די העכסטע דערגרייכונג אין זיין לעבן. ר׳ סעדיה דערציילט וואָס האָט אים באַוואויגן אָנצושרייבן דעם ספר. ער האָט געזען, אַז די אמונה און דער מענטשלעכער געדאַנק געפינען זיך אָפּט־מאָל אין אַ קאָנפליקט. ס׳זיינען דאָ מענטשן, וואָס דערגרייכן דעם אמת, ווייסן אַז זיי האָבן אים דערגרייכט און פרייען זיך מיט דעם. ס׳זיינען אויך דאָ אַזוינע, וואָס ווען זיי דערגייען דעם אמת, ווייסן זיי נישט דערפון. אַנדערע ווידער נעמען אָן פאַלשע און פאַרפירעשע מיינונגען, וועלכע זיי באַטראַכטן

פאַרן ריינעם אמת. גאַר אַנדערע האַלטן זיך אין וואַקלען, קווענקלען אין זייער מחשבה און לויפן איבער פון איין אידייע צו אַ צווייטער. דאָס אַלץ האָט דעם גאון פאַרשאַפט עגמת נפש. ער האָט דעריבער געהאַלטן פאַר זיין חוב אַרויסהעלפן דעם מענטש אין זיין זוכעניש און אין דעם מאָראַלישן פלאָנטער. ר׳ סעדיה מיינט, אַז אַ גרונטיק שטודיום אין זיין ספר וועט באַזייטיקן ספיקות, פאַרשטאַרקן די אמונה מיט דער הילף פון וויסן, און וועט דינען ווי אַ סטימול צו פאַרבעסערן דעם מענטשנס כאַראַקטער און צו פאַרפיינערן זיין לעבן.

אויף דער פראַגע: פאַרוואָס מיר שטויסן זיך אָן אויף אַזויפיל מכשולים און ספקות, איידער מיר דערגרייכן דעם אמתדיקן וויסן — ענטפערט ר׳ סעדיה, אַז דער מענטש איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע טיילן. אויב מען איז מפסיק אינמיטן, איידער אַלע חלקים זיינען פאַרענדיקט — ווי זייען, שניידן, בויען און גראָבן — איז די אַרבעט נישט בשלימות. פּונקט אַזוי איז מיט וויסן: עס פאָדערט זיך געדולד און צייט. דער צווייפל ווערט באַזייטיקט גראָד אין דער סאַמע לעצטער סטאַדיע פון פאָרשן און זוכן. ס׳קומט דעמאָלט די קלאָרקייט, אָן יעדן געמיש פון ספק.

פילאָזאָפיע און רעליגיע — לויט ר׳ סעדיה — נישט נאָר וואָס זיי גייען זיך נישט פונאַנדער, נאָר זיינען זיך משלים, ווייל ביידע זוכן דעם אמת און ביידע קומען אַרויס פון איין און דעם זעלביקן גאָטלעכן קוואַל. קיינער פון זיי קאָן נישט לערנען אַזוינס וואָס איז נישט אין הסכם מיט דער לערע פון צווייטן. די מיינונג, אַז געוויסע פילאָזאָפישע שיטות זיינען אין סתירה צו תורת משה, איז אַ פועל יוצא פון אַ פאַלשן לאָגישן דענקען, אָדער פון אַ נישט ריכטיקן פאַרשטיין די יסודות פון אמונה. אונדזער וויסן קומט פון פיר קוואַלן:

א. דער עמפּירישער — וואָס מיר קאָנען באַנעמען מיט אונדזערע פינף חושים.

ב. דער אינטויטיווער — וואָס מיר קאָנען אַליין אורטיילן, למשל: אמת איז גוט, און פאַלשקייט איז שלעכט.

ג. דער לאָגישער. למשל: די נשמה — הגם מיר זעען זי נישט, דאָך שפּירן מיר זי און מיר ווייסן, אַז זי איז דאָ.

ד. דער טראַדיציאָנעלער, אָדער ביבלישער.

אַמאָל דוכט זיך, אַז אַ געוויסער אמת, וואָס מיר האָבן דערגרייכט דורך די ערשטע דריי אויבנדערמאָנטע וועגן, איז סותר דעם טראַדיציאָנעלן. דעמאָלט

מוז דער דאָזיקער אמת שטרענג און גענוי אויסגעפּאָרשט ווערן. מ׳קאָן אפשר שפּעטער אויסגעפינען, אַז מיר זיינען געקומען צו אים צוליב אַ פאַלשן לאָגישן באַוויז. אויב אָבער, נאָך אַ געוויסנהאַפטיקער פאָרשונג, קומען מיר פאָרט צו דער מסקנה, אַז געוויסע ערטער אין תנ״ך זיינען סותר אונדזער דענקען אָדער דערפאַרונג, דעמאָלט מוזן מיר די דאָזיקע ערטער דערקלערן אַלעגאָריש, בדרך משל, כדי אַזוי ארום זיי ברענגען אין האַרמאָניע מיט דעם אמת, וואָס מיר זיינען דערגאַנגען אויף דעם עמפּירישן, אינטואַ־טיוון אָדער לאָגישן וועג.

די יידישע רעליגיע — האַלט דער גאון — פאַרשפּאַרט נישט דעם וועג פאַרן מענטשלעכן געדאַנק. אַ ייד מעג נאָכדענקען און נאָכפאָרשן די אמתן פון דער רעליגיע. ס׳איז גראָד אַ פליכט זיי צו באַשטעטיקן דורכן שכל הישר. נאָר די געטלעכקייט אַליין קאָן נישט און טאָר נישט זיין אַן אָביעקט פון חקירה. די דאָזיקע עקזיסטענץ איז אַן אַבסאָלוטער פאַקט, וואָס קאָן נישט אָפּגעפרעגט ווערן. דער בורא עולם איז דער קוואַל פון וויסן. ער האָט זיך אַנטפּלעקט — דורך די נביאים — צו זיין פאָלק ישראל און אים געגעבן אַ תורת חיים.

אין אַזאַ דאָקטרין איז נישטאָ קיין אָרט פאַר ספקות. און אויב סקעפּ־טיציזם איז דער פאָטער פונעם מענטשלעכן געדאַנק — איז אָבער יידישקייט אַ פּאָזיטיווע רעליגיע, אין וועלכע די היסטאָרישע עלעמענטן זיינען פאַר־פלאָכטן מיט די רעליגיעזע אידייען פונעם יידישן פאָלק. למשל, די „שלש רגלים״ האָבן באַקומען אַ היסטאָרישן פּרוש: פּסח — דער חג האביב — איז געוואָרן דער יום טוב פון יציאת מצרים, אָדער דער בראשית פון פאָלק ישראל; שבועות — דער חג הבכורים — איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מתן תורה יום־טוב; ראש השנה — דער מאָמענט פון וועלט־שאַפונג; ברית מילה — אַ בונד צווישן ישראל און יהוה. יידישקייט איז בכן אַ וועגווייזער נישט נאָר פאַרן ייד אַליין, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דער ספר „אמונות ודעות״ איז איינגעטיילט אין צען פּרקים, וואָס באַ־האַנדלען אמונה־ענינים, באַשאַף, גאָט, מענטש, פאָלק, גאולה און אַנדערע רעליגיעז־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אין קאַפּיטל איינס, וועלכער הייסט „חדוש״, באַקעמפט ר׳ סעדיה די פאַרשידענע גריכישע און מוסולמענישע דענקערס וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט. ס׳איז דאָ אַ מעגלעכ־קייט — ווי אַריסטאָטל גלייבט — אַז די וועלט האָט עקזיסטירט פון פריער. אויב אַזוי האָט זי קיינער נישט באַשאַפן, און מיר האָבן נישט קיין באַוויז

אויפן קיום הבורא. די צווייטע מעגלעכקייט איז — ווי פּלאַטאָ — אַז די וועלט, אין איר איצטיקער פאָרם, זאָל זיך האָבן אַנטוויקלט פון אַ פּרימי־טיוון עקזיסטירנדיקן חומר. די דאָזיגע השערה שטעלט אַוועק דאָס פּראָבּלעם: ווי אַזוי האָט זיך דער חומר קדמון אַנטוויקלט? די וועלט, האַלט ר׳ סעדיה, איז באַשאַפן געוואָרן אַ „יש מאין" — דער חומר און די צורה צוגלייך. ער באַזירט זיין טעאָריע אויף ראיות פון תנ"ך. אין קאַפּיטל צוויי — „האיחוד" — רעדט זיך וועגן מאָנאָטעאיזם. דער גאון פרעגט אָפּ די קריסטלעכע דאָגמע פון דריי־אייניקייט. ער איז אויך קעגן די פּערסישע שתי רשויות, אַז דער וואָס האָט באַשאַפן די ליכטיקייט, האָט נישט באַ־שאַפן די פינצטערניש. לויט ר׳ סעדיה איז די פינצטערניש ניט קיין קעגנערישער כח צו דער ליכטיקייט, נאָר דאָס פעלן פון ליכטיקייט. דאָס אייגענע איז בנוגע שלעכטס און גוטס. גאָט האָט נאָר באַשאַפן זאַכן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך גוטס און שלעכטס פאַרן מענטשן לויט זיין אייגענעם אויסוואַל. אויב עמיצער עסט און טרינקט מיט אַ מאָס, איז עס פאַר זיין טובה וועגן, כאַפּט ער איבער די מאָס, איז עס פאַר זיין רעה וועגן.

ר׳ סעדיה שלאָגט אָפּ די טענות פון די וואָס לייקענען אָפּ גאָטס עקזיס־טענץ דערפאַר, וואָס מיר קאָנען זי נישט משיג זיין מיט אונדזערע חושים, — דער רעאַלסטער קוואַל פון אונדזער וויסן. דער גאון האַלט, אַז דאָס נישט תופס זיין אַן אידייע, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז זי עקזיסטירט נישט, ווייל פון די פּשוטע סענסועלע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן בשותפות מיט דער חיה־וועלט, גייען מיר אַלץ מער אריבער — מיטן וואוקס פון אונדזער אַנטוויקלונג — צו אַ העכערער מדרגה פון אַבסטראַקטע אידייען. וואָס מער מיר פּראָגרעסירן אַלץ סובסטילער ווערן אונדזערע מחשבות. דער מענטש איז שטערבלעך און אויך זיין דענק־פעאיקייט איז באַגרענעצט. מיר דערגייען צו אַזאַ פונקט, וואו די אידייען ווערן אזוי סובסטיל און אבסטראקט, אַז זיי ווערן אומבאַגרייפלעך. די אידייע פון גאָט איז די סובסטילסטע און דעריבער איז שווער זי תופס צו זיין. אָבער וואָס פיינער אַן אידייע איז, אַלץ מער אמת און רעאליטעט איז דאָ אין איר. די סובסטיליטעט פון דער גאָט־אידייע איז אַ באַווייז אויף איר אמתדיקייט. די אטריבוטן פון באַ־שעפער זיינען: איינציק, אויסשליסנדיק פלוראליטעט אין זיין נאַטור, לעבעדיק, אַלמעכטיק און אַלוויסנדיק.

אינעם קאַפּיטל דריי „צווים ואזהרות", — געבאָטן און פאַרבאָטן — ווערט געזאָגט, אַז די באַשאַפונג איז געווען אַן אַקט פון גנאָד, צו מאַכן אַלע באַשעפענישן גליקלעך און צופרידן. כדי צו זיכערן זייער גליק, האָט דער

באַשעפער זיי געגעבן אַ תורה מיט געבאָטן און פאַרבאָטן. אמת, גאָט האָט געקאָנט אונדז באַשענקען מיט גליק נישט ארויפוואַרפנדיק אויף אונדז אזא לאַסט, אָבער דער מענטש איז גליקלעכער ווען ער דערגרייכט עפּעס דורך שוועריקייטן. די צאָל ארויפגעלייגטע געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס פאָדערט פון מענטש זעלבסטבאַצווינג, דיסציפּלין און אָנשטרענג, רופט שפּעטער ביי אים ארויס דאָס געפיל, אַז וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער דערגרייכט דורך רעכט.

ר׳ סעדיה טיילט איין די געבאָטן אין: א) מצוות שכליות — אזוינע וואָס מיר פאַרשטייען מיט אונדזער שכל, און ב) מצוות שמעיות — אזוינע וואָס מיר זיינען משיג דורך געטלעכער אַנטפּלעקונג מיט דער הילף פון די נביאים.

אין די קאַפּיטלעך — פיר, פינף און ניין — ווערט אַנאַליזירט די פראַגע וועגן גאָט, מענטש, זיינע פליטכן און שולדן. ווי אזוי קאָן מען דערקלערן דאָס עקזיסטירנדיקע פיזישע רשעות מיט דער אָביעקטיווער פּאַסיוויטעט פון דעם געטלעכן רצון? און וואָס איז מכח זינד? די פאָדערונג פון דער העכסטער גערעכטיקייט איז — נישט צו באַרויבן ביים מענטש די פרייהייט פון זיין ווילן. נעמען מיר אָן, אַז דער בחור היצורים האַנדלט אונטער אַ צוואַנג, דעמאָלט זיינען די געבאָטן און פאַרבאָטן זינלאָז. אויך די שטראָף וואָלט געווען אומפאַרשטענדלעך. גאָט איז אַלוויסנדיק. אים איז באַקאַנט ווי אַ יחיד וועט האַנדלען אין אַ געוויסער סיטואַציע. אָבער דאָס נעמט נישט אַוועק פונעם יחיד די פרייהייט צו באַשטימען אַליין זיין האַנד־לונג, .ווייל גאָטס וויסן איז נישט די סיבה פון דעם מענטשנס מעשים. מיר האַנדלען קיינמאָל נישט אין קעגנזאַץ צום באַשעפערס וויסן. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז דער דאָזיקער וויסן באַשטימט די טוּאונגען פון יעדן מענטשן. דאָס מיינט נאָר, אַז דער רבונו של עולם ווייסט דעם פועל יוצא פון אונדזער פרייען ישוב הדעת.

די מיינונג, אַז זינד איז אַ דערשיינונג וואָס גאָט וויל נישט, פּרוּאווט ר׳ סעדיה דערקלערן אויף אַזאַ אופן: דעם באַשעפערס ווירקונג איז נישט אין דער ריכטונג פון נוצן, אָדער שאָדן. דעם בוראס רצון איז די טובה פונעם מענטש און נישט זיין רעה. זינדיקן מיר — טוען מיר זיך אַליין אַ רעה. די שולד טרעפט אונדז גופא. אמת די דאָזיקע דערקלערונג באַ־פרידיקט נישט, ווייל ס׳דערוועקט זיך אַן אַנדער פראַגע: אויב גאָט מיינט אונדזער טובה, פאַרוואָס זאָל ער דערלאָזן, אַז מיר זאָלן זיך גופא שלעכטס טאָן? ר׳ סעדיה פאַרענטפערט נישט די פראַגע.

באַזונדערס ווערט אין די דערמאָנטע פּרקים באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם שכר ועונש.

די פראַגע „דעם צדיק גייט שלעכט און דעם רשע באַגליקט" באַטראַכט ר׳ סעדיה נישט סוביעקטיוו־עמאָציאָנעל. ער שרייט נישט, פּראָטעסטירט נישט און רייסט נישט איין הימלען מיט זיין ווײ. ווי אַ דענקער און פאָרשער זעט ער די פּינצטערע אינסטינקטן, וואָס זידן אינעם האַרץ. שווער איז דאָס געראַנגל, און נישט תמיד גייט דער מענטש ארויס דער זיגער. „די זינד הויערט ביי דער שוועל", לויערט אויף טריט און שריט. „ווייל ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ צדיק, וואָס זאָל נישט באַגיין קיין זינד." נאָר דער, וואָס זיינע מעשים טובים זיינען מער ווי זיינע מעשים רעים, ווערט באַשטראָפט פאַר דער קליינער מאָס שלעכטס וואָס ער האָט געטאָן, כדי נישט צו פאַרמינערן זיין חלק לעולם הבא. און דער, וואָס זיינע שולדן וועגן איבער זיינע זכויות, באַקומט זיין שכר פאַר דער קליינער מאָס גוטס, כדי לעתיד לבוא זאָל די שטראָף זיין פאַרפולט. אויב אַ גאַנצער מענטש — דער האדם השלם — איז אַראָפּ פון דרך הישר, וועט ער נישט בלייבן אומ־באַשטראָפט, אָבער צוליב זיינע גוטע מעשים פון אַמאָל, ווערט ער באַלוינט באַלד. דאַקעגן אַ רשע, וואָס האָט חוזר בתשובה געווען, קומט אָפּ פאַר זיינע פריערדיקע עבירות שוין איצט, כדי שפּעטער זאָל דער שכר זיינער זיין פול. די דאָזיקע אָנשויאונג באַזירט ער אויף פסוקים פון תנ״ך און תלמוד, ווי למשל: „דער יעניקער, וועמעס זכויות וועגן איבער זיינע עבירות, ווערט באַשטראָפט און איז געגליכן צו דעם, וואָס האָט פאַרברענט די גאַנצע תורה, אָבער דער, וועמעס עבירות וועגן איבער די זכויות, באַקומט זיין שכר, ווייל ער ווערט פאַררעכנט פונקט ווי ער זאָל האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה."

אַמאָל ברענגט גאָט אַ שטראָף אויף די פרומע, — זאָגט ר׳ סעדיה, — און פרומע זיינען מענטשן באַשאַנקען מיט אַ מאָראַלישן כח צו קאָנען ביי־שטיין אַ נסיון, — ווי אַ דערציעריש מיטל, כדי צו לערנען מענטשן אַ מוסר השכל: קוקט זיך צו, אָט יענע גאָטספאָרכטיקע, נישט געקוקט אויף זייערע יסורים, זיינען זיי דאָך געבליבן גאַנץ אין זייער פרומקייט, זיי האָבן נישט געלעסטערט דעם בורא, נישט פאַרשאָלטן זייערע טעג, זייער אמונה איז נישט שוואַך געוואָרן און זיי זיינען ווייטער געבליבן פעסט ביי זייערע מיינונגען און פּרינציפּן.

ר׳ סעדיה האַלט, אַז פונקט ווי ס׳איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטע צדקות, אזוי איז נישטאָ קיין אבסאָלוטע רשעות. אויך אין דעם נשמה פונעם פאַר־

ברעכער זיינען נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אַלע ליכט. דאָס גליקלעכע און צופרידענע לעבן פונעם רשע קאָן מען דערקלערן אויף אַזאַ שטייגער:

א) גאָט ווייסט, אַז דער פאַרברעכער וועט תשובה טאָן.
ב) אין זכות פון זיין זון, דעם צדיק, וואָס דאַרף ארויסקומען פון זיין זאָמען.
ג) אַ שכר פאַר אַ מצוה, וואָס ער האָט אַמאָל געטאָן.
ד) אַ בייטש צו באַשטראָפן נאָך אַן ערגערן רשע. למשל, אשור איז געווען דער „רוט פון גאָטס צאָרן" צו שיקן אים אויף דער זינדיקער יהודה.
ה) כדי שפּעטער זיך אָפּצורעכענען מיט אים און צו פאַרמערן זיינע פּלאָגן.

ר׳ סעדיה דענקט, אַז סע זיינען דאָ מענטשן, וועמעס שלעכטע און גוטע מעשים זיינען גלייך אויף גלייך, פונקט ווי זיי זאָלן זיך וויגן אויף אַ וואָג־שאָל. די מינדסטע הכרעה קאָן איבערוועגן דאָס צינגל. די מענטשן ווערן איינגעטיילט לויט מדרגות:

א) אַ צדיק[20] און אַ רשע.[21]
ב) דער אדם השלם — דער גאַנצער מענטש, און אַ מענטש מיט אַ פּגימה.[22]
ג) אַ זינדיקער בשוגג[23] און אַ זינדיקער במזיד.[24]
ד) אַ כופר און בעל תשובה.

תשובה איז איינע פון די העכסטע מדרגות, צו וועלכער אַ פּשוטער בשר ודם קאָן דערגרייכן. וואָרן דורך איר באַווייזט דער מענטש, אַז ער קאָן זיך אַרויסהייבן פון זיין מאָראַלישער ירידה, איז בכח זיך צו באַפרייען פון בלינדע, רויע אינסטינקטן און ארויפצווינגען אויף זיי זיין קאָנטראָלירנ־דיקן און נאָכדענקנדיקן רצון. אויפן גרונט פון דער מענטשלעכער נשמה הויערן אוממאָראַלישע עלעמענטן, וואָס קאָנען צו יעדער צייט ארויפשווימען און קומען צו אַנטפּלעקונג אין אַ רודימענטער, גראָבער פאָרם. יעדער צדיק בפועל איז אַ רשע בכוח און יעדער רשע בפועל איז אַ צדיק בכוח. די מחיצות זיינען דין, טראַנסצענדאַנט. די טויערן פון תשובה זיינען תמיד אָפן פאַר די אַלע פאַרשטויסענע און פאַרבלאָנדזשעטע, וואָס נאָך נשמה־גלגולים און מאָראַלישן געראַנגל געפינען זיי דעם וועג צו זיך, קערן זיך אום מיט אַ געבראָכן געמיט און קלאַפּן אָן פאַרשעמט אין די דאָזיקע טויערן. דער זינדיקער איז קיינמאָל נישט אַ פאַרפאַלענער. אַלע וועגן פירן צו גאָט דורך דעם מענטש, דורך זיך לייטערן. דער זינדיקער איז אַ

פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער, וואָס דורך זיגזאַגן קאָן ער קומען צוריק אויפן דרך הישר. צום ברייטן שליאַך פירן פיר שטעגן:

א) איבערדרייסן מיט דער זינדיקער פאַרגאַנגענהייט.

ב) חרטה.

ג) תשובה.

ד) אַ פעסטער באַשלוס: מאַראַליש נישט מער זינקען אין תהום.

תשובה איז נישט קיין אויסערלעכער פּראָצעס. ער האָט נישט קיין האַפּט, אויב ער ווערט נישט באַגלייט דורך אַן אינערלעכן דורכגעגליטן געפיל פון חרטה, בעת דער זינדיקער שטייט מיט הכנעה פאַרן בית־דין פון זיין אייגענעם געוויסן.

דער תכלית פון באַשאַף איז — לויט ר׳ סעדיה — דער מענטש, ווייל ער געפינט זיך אינעם צענטער פון דער בריאה. און —

„אַלץ וואָס איז אינעם צענטער איז חשובער פון דעם וואָס איז אינעם היקף. ווייל דאָס קערנדל איז אינמיטן פון די פּעטאַלן ווי דאָס געלכל פונעם איי, און אַזוי אויך דאָס האַרץ פון מענטש. דערפון איז געדרונגען, אַז ס׳איז דאָ אַ יתרון פונעם מענטש איבער אַלע ברואים, און דאָס איז דער שכל, מיט וואָס ער איז באַשאַנקען. מיט זיין שכל דערגייט ער צו בויען הייזער, גראָבן קאַנאַלן, איינצושפּאַנען אינעם יאָך די בהמות און אַרויסצוציען די קוואַלן פון די ערד־טיפענישן, און ער האָט דערפונדן דאָס ראָד, וואָס שעפּט דאָס וואַסער פון זיך אַליין, און ער האָט באַוויזן צו פירן מיליטער און אַרמייען.״

— אמונות ודעות, מאמר ד, עבודה ומרי, 75־76.

דאָס גייסטיקע און ראַציאָנעלע לעבן דערהייבט דעם מענטש צו דער קרוין פונעם באַשאַף, דערפאַר זינגט דער גאון אין איינעם פון זיינע פּיוטים:

„נישט מאָרדן זאָלסטו דעם וואָס איז געפאָרעמט אין מיין געשטאַלט,
נישט מאָרדן זאָלסטו אַ פעלז, וואָס מיט מיין האַנט האָב איך אויסגעהאַקט,
נישט מאָרדן זאָלסטו אַ פלאַנץ, וואָס איך האָב אין טאָל פאַרפלאַנצט,
נישט מאָרדן זאָלסטו דאָס בילד, וואָס פאַר אים האָב איך אַלץ באַשאַפן. [25]

דער מענטש, פלאַנץ, שטיל־לעבן — אַלע זיינען איינגעוועבט אין איין הומאַנישן געוועב, און איבער זיי שוועבט דער גייסט פון רחמים און גענאָד. די צאַרטע פלאַנץ, דער איינגעפונדעוועטער פעלז זיינען לעבעדיקע וועזנס, אָטעמען מיט גאָטס אָטעם, ווייל „דער בוים איז דאָך דער מענטש אין פעלד." נאָר דער, וואָס אין זיין האַרץ האָט געברענט אַזויפיל ליבשאַפט, קאָן זיך באַנוצן מיטן וואָרט „לא תרצח" בנוגע דוממים. דאָס לעבן איז הייליק און מ׳דאַרף זיך באַציִען צו יעדן באַשעפעניש מיט כבוד און פאַר־זיכטיקייט, באַזונדערס צום מענטש, וועמעס „גוף איז קליין און נבזהדיק, אָבער זיין נשמה איז ברייטער ווי דער הימל און ערד."

ר׳ סעדיה עצהט צו לעבן אויף אַ באַשיידענעם שטייגער. נאָר אין לעבן אָן מותרות קאָן מען זיך מער־ווייניקער אָפּהיטן פון זינדיקן. דער מענטש איז בכח אונטערצושיידן צווישן גוטס און שלעכטס, ס׳איז אים גע־געבן געוואָרן אַ פרייער אויסוואַל אויסצוקלייבן צווישןביידע. דער יחיד האָט שטענדיק די אינערלעכע מעגלעכקייט צו באַשטימען זיינע מעשים און באַשליסן וואָסער הנהגה ער געפינט פאַר ריכטיק:

„דער בורא נעמט נישט אויף זיך קיין שום השגחה איבער די מעשים פון מענטשן, און ער צווינגט נישט אַרויף צו דינען אים, אָדער ווידערשפעניקן אין אים. דער מענטש טראַכט ביי זיך, אַז ער קאָן רעדן און שווייגן, קאָן אָנגעמען און אָפּלאָזן, אָבער ער טראַכט נישט אין האַרץ, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אַנדער כוח, וואָס קאָן אים בכלל אָפּ־האַלטן פון זיין פאַרלאַנג. דאָס הייסט, אַז דער מענטש פירט זיין טבע מיט זיין שכל. אויב דער בורא וואָלט אים געצוואונגען, וואָלט דאָך געוועזן זינלאָז אים צו באַפעלן, אָדער וואָרענען. און אויב גאָט וואָלט דעם מענטשן געצוואונגען צו אַ געוויסער האַנדלונג, וואָלט נישט געוועזן גערעכט דערנאָך אים צו שטראָפן דערפאַר. נאָכמער: אויב מענטשן וואָלטן געווען געצוואונגען אין זייערע מעשים וואָלט דער שכר געדאַרפט באַקומען סיי דער גלויביקער סיי דער כופר, ווייל יעדער פון זיי האָט דאָך געטאָן וואָס מען האָט אים באַפוילן."

— מאמר רביעי, עבודה ומרי, 78.

דער מענטש איז בכן פריי אין זיין עטישן אויסקלייב. דער געטלעכער כוח מישט זיך נישט אריין. די אינסטינקטן קאָנען באַהערשט ווערן דורכן שכל. און היות ווי דער מענטש איז פריי אין זיין האַנדלונג, לייטערן מעשים

טובים די נשמה און צינדן אָן אין איר אַלע ליכט, שלעכטע מעשים פאַראומ־ווערדיקן זי, מאַכן טונקל, אָבער פאַרלעשן נישט אינגאַנצן דעם נר התמיד וואָס ברענט אין איר. ס׳איז דאָ שכר ועונש, הגם נישט תמיד קאָן דאָס אויג זען. די וועלט ווערט נישט געפירט בלינד, אוממאָראַליש, אָן אַ פאַר־וואָס און אָן אַ תכלית. דער צדיק וועט סוף־כל־סוף באַלוינט ווערן, דער רשע וועט באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף.

אין די קאַפּיטלעך זעקס און זיבען — מהות הנפש און תחית המתים — באַרירט דער גאון זעקס טעאָריעס פון גריכישע פילאָזאָפן וועגן דער מענטש־לעכער נשמה. ער אַנטוויקלט זיין אייגענע השערה, אַז די נשמה איז אַ באַזונדער וועזן, וואָס ווערט באַשאַפן בעת דער גוף — איר וואוינאָרט — האַלט ביים אַריינטרעטן אין דער וועלט. ער ווייזט אָן אויף דער באַציאונג צווישן קערפּער און גייסט, באַהאַנדלט די דערשיינונג טויט און פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון השארת הנפש.

אין דעם צענטן פּרק פון „אמונות ודעות" באַהאַנדלט דער גאון טאָג טעגלעכע דערשיינונגען, ווי ער האָט זיי געזען און אָבסערווירט. דאָס לעבן כשופט מיט אַלע זיינע פאַרבן און חנען. דער מענטש שטייט אין אַ פאַר־לעגנהייט: וואָסער וועג זאָל ער אויסוויילן? גליק איז אַ וויכטיקער פאַק־טאָר, וואָס באַשטימט זיינע טריט. דאָס איז דער צענטראַלער פונקט, וואָס ארום אים קאָנצענטרירט זיך די מחשבה פון בחיר היצורים. אָבער גליק איז אַ רעלאַטיווער באַגריף. דער מאַטעריאַליסט געפינט אים אין עולם הזה: עסן און זויפן, פאַרמעגן רייכטום, קערפּערלעכע תענוגים, ליידיק גיין און הערשן. דער אסקעט האַלט, אַז מ׳דאַרף זיך פורש זיין פון דער וועלט, לעבן באַשיידן, נישט פלאַנצן קיין בוים און נישט בויען קיין הויז, „ווייל די דאָזיקע וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, איז אַ וועלט פון פאַר־ניכטונג, דעריבער זאָל דער חכם בלייבן איינזאַם צווישן די בערג און זאָל עסן וואָס ער וועט געפינען פון די צמחים, ביז וואַנען ער וועט שטאַרבן אָן דאגות און ליידן."

די אסקעטישע שיטה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין האַפט אינעם פאָלקס־באַוואוסטזיין. אמת, אפילו צווישן די חכמי התלמוד זיינען געווען מענטשן מיט אסקעטישע נייגונגען: ר׳ חנינא דער זון פון דוסא האָט זיך באַנוגנט מיט אַ מעסטל באָקסער פון איין ערב שבת ביזן צווייטן ערב שבת. ווען אדרינוס קייסער האָט גוזר געווען שמד, האָט ר׳ ישובב געוואָלט צעטיילן זיין פאַרמעגן צווישן אָרעמע לייט. ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געהאַט גרויס פאַרדראָס אויף די מענטשן וואָס האָבן געאַקערט, געזייט, עוסק געווען

אין חיי־שעה און פאַרגעסן חיי עולם. נאָך יעדער עת צרה אויף יידן פלעגט אַ משיחישע באַוועגונג אַרויסרופן גייסטיקע אויפטרייסלונגען. אַ סך האָבן אָנגעהויבן אויסטאָן זיך פון דער וועלט און זיך מכין זיין פאַר דער גאולה.

אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלן — אונטער דער השפעה פון קאָלעקטיווע פיזישע און גייסטיקע ליידן — אין אַ שווערן יאוש און אָפּהעגטיקייט: צי לוינט עס צו בויען און פלאַנצן ווען דער שונא וועט שפּעטער סיי ווי סיי אַלץ חרוב מאַכן? ס׳איז גורל. קעגן אים קאָן מען נישט קעמפן, וואָלט אפשר געווען גלייכער זיך אַרומוויקלען מיט אַ נזירות־קלייד, אָנטלויפן פון מענטשן, פון דער געזעלשאַפט און פאַרשלאָפן די טראַגישע ווירקלעכקייט. דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פון יחידים־טרוימער. חוני המעגל איז געווען איי־נער פון זיי.

חוני האָט געלעבט אין ארץ ישראל, ער איז געווען אַ גרויסער חסיד און ירא שמים. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין בית המדרש און האָט גע־לערנט. אַרום אים פלעגן זיך צונויפקלייבן זיינע תלמידים, זיי פלעגן זיך צוהערן צו זיינע קלוגע רייד און שלינגען מיט דורשט זיינע טיפע ווערטער; איז עמיצער געווען מסופק אין אַ הלכה, אָדער ס׳איז עמיצן געווען אומקלאָר אַ פסוק אין דער תורה — איז ער אַוועק צו חוני; און חוני האָט ווי מיט דער האַנט אַראָפּגעשאַרט. מיט איין וואָרט האָט ער אַלץ קלאָר געמאַכט און געעפנט אַלעמען די אויגן.

אַחוץ זיין יראת שמים האָט חוני געשמט ווי אַ בעל מופת. אין צייטן פון טריקעניש, אויב אין ארץ ישראל איז נישט געפאַלן קיין רעגן — האָט מען געשיקט שליחים צו חוני, אַז ער זאָל מתפלל זיין צום רבונו של עולם; דער צדיק פלעגט דאַן אַרומצייכענען אַרום זיך אַן עיגול, זיך געשטעלט אינמיטן און געזאָגט: „איך ריר זיך נישט פונדאַנען ביז דו וועסט געבן רעגן", און חוני׳ס תפילה האָט הימלען געשפּאָלטן און ס׳האָט געגאָסן בשפע.

יאָ, חוני האָט געקאָנט ברענגען ברכה און פרייד אַנדערע, אָבער ער גופא איז געווען תמיד אין עצבות. ס׳איז געווען אַ שטורמישע צייט פאַר דעם יידישן פאָלק. דער גלאַנץ פון דער חשמונאים־דינאַסטיע האָט אָנגעהויבן צו טונקלען אונטערן צייכן פון אַ שאַרפן ברודער־קאַמף. אינמיטן דעמדאָזיקן קאַמף האָט זיך אָנגערוקט אויף יהודה „די ווילדע חיה מיט די אייזערנע ציין, מיט די קופּערנע קלויען און אַ שטיינערנעם האַרץ, וואָס האָט געדאַרפט אַלץ אָפּפרעסן און דאָס רעשט צעטרעטן מיט די פיס". דאָס איז געווען דער רוימישער רויב־פויגל, וואָס האָט אַ לענגערע צייט געלויערט מיט זיינע גי־ריקע אויגן ביז ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין קרבן. ס׳איז געווען די שקיעה פון מלכות יהודה.

חוני איז געווען נידערשלאָגן. דער צער פון זיין פאָלק איז געווען זיין צער. אומעטום וואו ער האָט זיך אַ קער געטאָן און אומעטום וואו ער איז געקומען האָט ער נישט געפונען קיין רו פאַר זיין נשמה. ער פלעגט אַרומבלאָנקען צווישן די שווייגנדיקע בערג, צווישן די גרינע און האַרבסטיקע פעלדער. דער גאָלדענער שניט, די רוישנדיקע גאַסן — ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אַ פּיינלעכער געדאַנק האָט אים געמאַטערט: צו וואָס? אָט שטייט דער פויער אין פעלד און פלאַנצט אַ בוים, בויט אַ הויז, גראָבט אַ ברונים — צו וואָס דאַרף מען עס? ירושלים שטייט דאָך סיי ווי סיי אויפן שוועל פונעם חורבן! דאַרף מען זייען, אַז דער שונא זאָל שפּעטער שניידן? ניין, דאָס לעבן האָט נישט קיין זין.

אַזוי האָט ער געלעבט אין התבודדות. איינמאָל וואַנדערנדיק איבער די גאַסן פון ירושלים איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ בית המדרש. דורך די פענצטער זיינען צו אים דערגאַנגען קולות:

„ווען גאָט האָט צוריקגעקערט די געפאַנגענשאַפט
פון ציון זיינען מיר געווען ווי פאַרחלומטע;
פול מיט געלעכטער וועט ווערן אונדזער מויל,
און אונדזער צונג מיט געזאַנג.
צווישן די פעלקער וועט מען זאָגן:
גרויס וואונדער האָט גאָט געטאָן מיט די דאָזיקע,
גרויס וואונדער האָט גאָט געטאָן מיט אונדז,
מיר זיינען געוואָרן דערפרייטע״.

— תהלים, קכ״ו.

אַ שטילער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון חוני׳ס ברוסט: וואָס איז די שמחה? קאָן דער גרויסער חלום פון שיבת ציון — וואָס איז מקוים געוואָרן — אָפּווישן די איצטיקע גרויעווירקלעכקייט פונעם רוימישן יאָך? און אין זיין מח לויפן דורך ביטערע ווערטער:

„איבערזאַט זיינען מיר מיט פאַראַכטונג,
איבערזאַט איז אונדזער נשמה מיט שפּאָט פון די זאַרגלאָזע,
מיט דער פאַראַכטונג פון גרויסהאַלטער״. — תהלים, קכ״ג.

חוני איז אַוועק אויסערן שטאָט. ס׳איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. די זון האָט געוואָרפן סנאָפּעס ליכט אויף קאָרן און ווייץ. אַרום און אַרום

איז געווען שטיל. פּלוצלונג האָט ער באַמערקט אַן אַלטן מאַן שטייט אין אַ פעלד. דאָס פּנים זיינס איינגעקאַרבט מיט קנייטשן, די הענט מיט מאַזאָליעס, אַדערדיק. דער מאַן האָט געפלאַנצט אַ חרוב־בוים.

חוני האָט זיך דערנענטערט:

— מענטש איינער! צו וואָס פלאַנצסטו? צי רעכנסטו, אַז דו וועסט געניסן פון די פּירות?

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט, זיך אָנגעשפּאַרט אַן רידל:

— ניין, מיין האַר! דער בוים וועט טראָגן פּירות ערשט אין זיבעציק יאָר אַרום. מיינע זיידעס האָבן געפלאַנצט פאַר מיינעטוועגן און איך פלאַנץ פאַר די קומענדיקע דורות.

— די קומענדיקע דורות? ווער ווייס וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען?

דער זקן האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם צעאַקערטן באָדן. אין זיינע אויגן האָט געשיינט בטחון און פרייד:

— דאָס לעבן איז תמיד גובר דעם טויט, די שאַפונג איז תמיד גובר דעם תהו ובהו. אין אַרבעט ליגט דערלייזונג.

— אָבער דיווירקלעכקייט?

— די ווירקלעכקייט איז אונדז מחייב צו גרעסערע מעשים. „דו ביסט ניט מחויב די אַרבעט צו פאַרענדיקן, אָבער דו ביסט נישט פריי זיך פון איר אַרויסצומאַכן".

חוני האָט זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן:

— אָבער ווער ווייסט צי „די ווילדע חיה מיט די אייזערנע ציין" וועט איבערלאָזן אַ שארית הפליטה?...

— „אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט און די ערד בלייבט אייביק". מאַכט קאָן צייטווייליק גובר זיין רעכט, אָבער לסוף מוז מנצח זיין די גערעכטיקייט. געדענקסטו די ווערטער פונעם נביא?

„עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים,
איטלעכער מיט זיין שטעקן אין זיין האַנט פון טיפן עלטער.
און די גאַסן פון דער שטאָט וועלן זיין פול מיט יינגלעך און מיידלעך
וואָס שפּילן זיך אין אירע גאַסן".

— זכריה, ח׳, י״ב.

אין חוניס אויגן זיינען געשטאַנען גרויסע טרערן.
דער זקן האָט ווייטער גערעדט:

— „די וואָס זייען מיט טרערן וועלן שניידן מיט געזאַנג,

דער וואָס גייט איצט אַרום און ער וויינט
טראָגנדיק דעם זאַק מיט די קערנער,
וועט קומען מיט געזאַנג טראָגנדיק זיינע גאַרבן״.

— תהלים, קכ״ו, ה־ו.

חוני איז אַוועק. ער האָט איצט מקנא געווען דעם אַלטיטשקן. ווער ווייס: אפשר איז ער גערעכט? חוני האָט געפילט, אַז ער איז מיד; ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פעלד, פאַרזונקען אין געדאַנקען: רבונו של עולם! ווער קאָן פאַרשטיין דיינע דרכים? זיבעציק יאָר גלות בבל זיינען פאַרביי ווי אַ חלום, אַ חלום...

מיטאַמאָל איז די זון פאַרגאַנגען, דער אָוונט איז צוגעפאַלן. זילבערנע שטערן האָבן זיך צעצונדן אויפן קאַלטן הימל, חוני איז איינגעשלאָפן, און פּלוצלונג זיינען וואונדער געשען: אַ פעלזן־וואַנט האָט זיך פון ערגעץ־וואו אויפגעהויבן און צוגעדעקט דעם צדיק. און ס׳איז געוואָרן מאָרגן, איין טאָג. אַזוי זיינען אַריבער טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן.

אין שטאָט האָט מען געשמועסט וועגן פאַרשווינדן פון חוני. זיין זון האָט געזוכט און גענישטערט אין פעלדער און וועלדער, אָבער ווי אין וואַסער אַריין. ס׳איז אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אַ חיה רעה האָט אים פאַרצוקט. ביסלעכווייז האָט חוניס נאָמען אויפגעהערט צו קומען אויף די ליפּן. מ׳האָט אים פאַרגעסן.

זיבעציק יאָר איז חוני געשלאָפן, פאַרזונקען אין אַ חלום. מיטאַמאָל האָט דער חלום אָנגעהויבן צו ווערן העלער. דער צדיק האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אויפגעריסן ברייט זיינע אויגן: „וואו בין איך? ס׳איז געווען אָוונטצייט, ווען איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, און איצט איז שוין אַ שטיק אויפן טאָג, כמוז זיך איילן אַהיים״. ער גייט שטיל, עפּעס זיינען אים די מקומות אומבאַקאַנט. וואו ס׳איז געווען נעכטן אַ באַרג איז איצט אַ טאָל. אַלץ האָט זיך געענדערט. מיט אַמאָל איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ חרוב־בוים, לעבן וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ מאַן און האָט געגעסן פון די פּירות.

— דו מענטשן־זון, האָט חוני אויסגעשריען מיט אַ ציטערדיקער שטים, קאָנסטו מיר זאָגן ווער האָט עס געפלאַנצט דעם בוים?

— נישט איך! האָט דער מאַן געענטפערט. צי ווייסטו נישט, אַז דער חרוב טראָגט פּירות ערשט נאָך זיבעציק יאָר?

חוני האָט געפילט ווי אַ שרעק באַפאַלט אים. הייסט עס, אַז ער איז געשלאָפן זיבעציק יאָר. וועט ער קאָנען איצט אָנהייבן דאָס לעבן איבעראַנייס?

ער קוקט זיך אום נייגעריק: דאָס לעבן גייט אָן. די שפּורן פון זיינע קינדער־יאָרן זיינען אָפּגעווישט. די גאַסן, הייזער און די מענטשן — אַלץ איז אַנדערש. קיינער באַגריסט אים נישט, קיינער זאָגט אים נישט „שלום". גאָר שטומע און קאַלטע בליקן פאַלן אויף אים. „כוועל גיין צו מיין משפחה" — טראַכט ער. אפשר וועלן זיי מיך אויפנעמען פריינטלעך?

אַ פונק פון האָפענונג צינדט זיך אָן אין זיין האַרצן. ער גייט מיט שנע־לערע טריט. ער באַגעגנט עמיצן:

— וואו וואוינט דאָ חוניס זון?

דער מאַן קוקט אים אָן אַ דערשטוינטער. ער מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס:

— חוניס זון איז שוין — לא עלינו — אַ שוכן עפר, אָבער זיין אייניקל אַבא חלקיה וואוינט דאָרטן אין ווייסן הויז.

חוני שפּירט ווי זיין האַרץ האַמערט. אָט שטייט ער פאַרן הויז. ס׳עפנט זיך אַ טיר. ביים טיש זיצן אַ מאַן, אַ פרוי און צוויי קינדער. מען עסט אָן אָרע־מען אָונט ברויט.

— אַ גוטן אָונט!

— ברוך הבא!

— ביסטו חוניס אייניקל?

— יאָ, און ווער איז דער גאַסט?

— חוני המעגל, דער זיידע דיינער!

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. ס׳האָט געשוועבט אַ שטילע שרעק.

אַבא חלקיה האָט געקוקט אויף אים מיט מיטלייד, געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל אַריינגעשושקעט אין אויער פון זיין פרוי: נעבעך פון זינען אַראָפּ.

חוני איז אַוועק אין בית המדרש, ער איז געזעסן צווישן די חכמים, האָט זיך צוגעהערט ווי זיי שמועסן אין דברי תורה און דערמאָנען זיין נאָמען.

— איך בין חוני! מורמלען זיינע ליפּן, אָבער קיינער גלויבט אים נישט.

חוני איז אַוועק צוריק אין פעלד; ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פעלז. עצבות אויף זיין פנים, און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה. בלחש:

— רבונו של עולם, זע מיין צער!
גרויס איז מיין עונש, גרעסער זיינען מיינע זינד.
אין קאַמף וואָס מיין פאָלק האָט געפירט —
בין איך פון דער ווייטן געשטאַנען.

געטראַכט האָב איך: מ׳קאָן גורל נישט אויסמיידן,
דאַרף מען אים פאַרשנעלערן;
נישט מיינע הענט האָבן אַ בוים געפלאַנצט,
נישט מיינע הענט האָבן אַ פעלד געזייט,
נישט מיין סערפּ האָט די זאַנגען געשניטן.
דעריבער איז דיין גערעכטער עונש מיך באַפאַלן:
זיבעציק יאָר אין שלאָף פאַרביי.
שטיי איך איצט מיט ליידיקע הענט
פאַר דער וועלט,
אָרעם אין מעשים פאַר מיין פאָלק,
פאַרשעמט און אומווירדיק פאַר מיין לאַנד.
דאַנק איך דיר, גאָט, פאַר דעם גרויסן אמת,
וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט איצט צו מיר, אַז:

„אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט און די ערד בלייבט אייביק".

חוני האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ טיפער. פון ערגעצוואו האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ הימליש געזאַנג. מיט אַמאָל איז געוואָרן שטילער, שטי־לער. שטיל.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. שטערן האָבן געפינקלט אויפן קאַלטן הימל, אויפן פעלד איז געשלאָפן חוני זיין אייביקן שלאָף. — תענית כ״ג:

אין דעמדאָזיקן מעשהלע, וואו לעגענדע מיט וואָר וועבן זיך אינ־איינעם, איז געקומען צום אויסדרוק די אידייע פון „ובחרת בחיים": אַנטלויף נישט פון דיין מיטמענטש. אויפן שוועל פונעם אומקום פאַרגעס נישט צו וואַרפן קערנער אין דער ערד. זיי וועלן אויפגיין; דיין מי וועט נישט גיין אין ניוועץ. אַרבעט! ווייל אין איר איז דערלייזונג.

דעריבער ווען נאָכן חורבן פון בית שני האָבן זיך געמערט די פּרושים האָט צו זיי געזאָגט יהושע דער זון פון חנניה: „אינגאַנצן נישט טרויערן איז אוממעגלעך, טרויערן מער ווי מ׳דאַרף איז אויך אוממעגלעך, נאָר אַזוי האָבן געזאָגט די חכמים: אַ מענטש קאַלכט אויס זיין הויז מיט קאַלך און לאָזט איבער אַביסל, און אַ פרוי פוצט זיך אויס אין איר צירונג און לאָזט איבער אַביסל." ר׳ סעדיה — פונקט ווי ר׳ יהושע דער זון פון חנניה — האַלט, אַז דער ציל פון יידנטום איז נישט צו דערציען אַ געזעלשאַפט פון אַסקעטן און נזירים, נאָר אויפהאָדעווען אַ מוטיק פאָלק, וואָס איז צופרידן מיט גאָטס וועלטל, קעמפט פאַר זיין קיום און באַטייליקט זיך אין דער שאַפונג פון דער מענטשלעכער קולטור:

„דער יצר הרע איז אַ געווינס פאַרן מענטש, ווייל אויב דער רבונו של עולם וואָלט נישט צוגעגעבן צום יצר טוב דעם יצר הרע, וואָלט דער מענטש נישט עוסק געווען אין פריה ורביה, מחמת מורא פאַרן טויט, ער וואָלט נישט געבויט קיין הויז און נישט געפלאַנצט קיין בוים, נישט געהאַנדלט און געוואַנדלט, נישט געזייט און נישט געטאָן קיין שום מלאכה, ווייל ער וואָלט געזאָגט צו זיך אליין: היות ווי ס׳איז נגזר געוואָרן אויף מיר די גזרה פון שטאַרבן, טו וואָס וועט מיר ארויס־קומען, אַז איך וועל זיך מאַטערן פאַר אַן אַנדערן? איך האָב מער נישט קיין לוסט צו קיין זאַך, — און די וועלט וואָלט חרוב געוואָרן.״

אָבער אויך די מאַטעריאַליסטישע שיטה איז נישט צום האַרצן פון ר׳ סעדיה. מ׳טאָר זיך נישט אינגאַנצן אָפּזאָגן פון קערפּערלעכע באַדערפעניש[ן] אויפן חשבון פון גייסט. דער מענטש מוז ריכטן זיינע פיזישע און גייסטיקע הצטרכותן אין דער זעלביקער מאָס. ווי אַן אילוסטראַציע ברענגט ער ביי־שפּילן פון דער קלאַנגען־ און פאַרבן־וועלט. קוקן לאַנג אויף דעם בלענדנדיקן ווייסן שניי שאַדט דעם אויג, אָבער אַ געמיש פון פאַרבן איז אַנגענעם פאַרן זע־חוש. דאָס אייגענע איז מיט אַ מאָנאָטאָנעם געזאַנג, וואָס חזרט זיך איבער. עס גרילצט אין אויער, אָבער אַ גאַמע פון קלאַנגען באַרואיקט. אַזוי איז דאָס לעבן פונעם מענטש. נאָר דעמאָלט איז עס גייסטיק־רייך און אינטערעסאַנט, ווען ס׳אַנטוויקלט זיך האַרמאָניש, פילפאַרביק און פילזייטיק.

ר׳ סעדיה האָט זיך צוגעקוקט צו דער התנהגות פון די קאַליפן, זייער תאוה נאָך מאַכט וואָס זעטיקט זיך נישט. די הויפן שוויבלען און גריבלען מיט פּרויען, שקלאַפן, דינערס, אינטריגאַנטן און כאַבאַרניקעס, וויזירן און שררות, וואָס דאָס וואוילזיין פון דער מלוכה און פאָלק גייט זיי ווייניק אָן. איטלעכער טראַכט נאָר ווען זיך ווי איבערצושפּיצלען דעם אַנדערן מיט חניפה און ליגנס. רציחות און רויב זיינען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. דאָס לעבן פונעם יחיד האָט פאַרלוירן זיין ווערט. נישטאָ קיין סימן פון מלכותא דשמיא אין מלכותא דארעא. דאָס קאַליפאַט איז אַ ליכט וואָס ברענט אָבער לייכט נישט און וואַרעמט נישט; ווייל ס׳פעלט דער רע־ליגיעז־מאָראַלישער באַזיס, אַן וועלכן קיין געזעלשאַפט קען נישט עקזיסטירן. מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און פאַרדרוס רעדט דער גאון וועגן איינגע־בוירענעם דראַנג ביי מענטשן צו שררהשאַפט. די הערשאַפט — טענהן אַנדערע — דערהייבט דעם מענטש און ברייטערט אויס זיין אַרבעט־פעלד. ס׳איז אויך דאָ אַ ברייט־פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז מיטן כוח פון מאַכט פונקציאָנירט די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. ר׳ סעדיה זאָגט מיט אַ רמז,

אַז דער סאָציאַלער סדר האַלט זיך צוליב דער מאָס קלוגשאַפט, מיט וועלכער ס׳צייכנט זיך אויס די מאַכט און נישט צוליב דער מאַכט גופא. אין די דאָזיקע ווערטער איז דאָ דער יסוד, — נאַטירלעך אין אַ רודימענטאַלער פאָרם, — פונעם דעמאָקראַטישן געדאַנק און פון דער פאַראַכטונג צו אַליינ־הערשאַפט.

„ווייל דער מענטש, וואָס האַלט זיך גרויס — וועט אויך זיין נשמה ווערן מוטוויליק, ער וועט איבערטרעטן זיין לעבנס־שטייגער, ער וועט זיך גרייסן איבער די נאָענטע און ווייטע, ער וועט זיך באַטראַכטן ווי אַ יחיד אין זיין דור, ער וועט זיך איינשפאַרן און וועט נישט נעמען אין באַטראַכט די מיינונג פון אַ צווייטן.״

דאָס אַכטע קאַפּיטל אין ספר „האמונות והדעות״ באַהאַנדלט פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק אין גלות און זיין צוקונפט. שווערע צייטן זיינען אָנגעקומען. די רדיפות האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. ישראל האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די מיט שטורעם־אָנגעגאָסענע הימלען: „פון־וואַנען וועט קומען מיין הילף?״ אַ מוראַדיקער יאוש האָט אים אַרומגענומען. אַ געפיל פון פאַרלאָרנקייט, אָפּהענטיקייט. דער פונק פון גלויבן אין גואל און אין דער גאולה, וואָס דורות האָבן געכאַוועט בשתיקה אין דער נשמה, האָט געהאַלטן ביים אויסלעשן. די גרויזאַמעווירקלעכקייט האָט געפרעסט מיט איר מאַוימקייט. אַן אָפּהילך פון יענער שטימונג הערט זיך אין דעם אינטערעסאַנטן וויכוח צווישן די תנאים ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע:

„איינער זאָגט: אויב יידן טוען תשובה, ווערן זיי אויסגעלייזט, אויב נישט — ווערן זיי נישט אויסגעלייזט. און איינער זאָגט: אויב זיי טוען נישט קיין תשובה, ווערן זיי נישט אויסגעלייזט, נאָר הקב״ה ברענגט אויף זיי אַ מושל, וואָס זיינע גזרות זיינען שווער, ווי די גזרות פון המן הרשע, און אַז ישראל טוט תשובה, איז ער אים מחזיר למוטב. רב זאָגט: כלו כל הקצין! די גאולה איז אָפּהענגיק נאָר פון תשובה און גוטע מעשים. שמואל זאָגט: ס׳איז גענוג אַז דער אבל זאָל אָפּקומען מיט זיין טרויער, דאָס מיינט — לויט דעם פּירוש פון רש״י — גענוג איז פאַר יידן דער צער פון גלות, אפילו אָן תשובה ווערן זיי אויסגעלייזט.״

— סנהדרין, צ״ז־צ״ח.

אין יענער צייט איז אויך אַרומגעגאַנגען אַ געדאַנק: „משיח וועט קומען נאָר אין אַ דור פון הוילע צדיקים, אָדער פון הוילע רשעים.״ האָבן אַ סך

געפרעגט: וואָס וועט זיין, אַז דער דור וועט נישט דערגרייכן צו דער, אָדער צו יענער מדרגה? וואָס וועט דעמאָלט געשען מיט אים? וועט ער אָפּגיין אין זיין בלוט אין די גסיסה־יסורים און דער גואל וועט זיך פאַר־זאַמען און וועט נישט קומען? און פּונקט אַזוי ווי נאָכן חורבן בית ראשון פלעגן אַנטוישטע און צווייפלער זאָגן: „פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער, און פאַרלאָרן איז אונדזער האָפענונג, פאַרשניטן זיינען מיר״ — פּונקט אַזוי זיינען געווען אויך איצט תלמידי חכמים, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז אַלע הבטחות, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דער תורה און אַלע טרייסט־ווערטער אין די נביאים בנוגע דער קומענדיקער גאולה, זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ תנאי. ס׳זיינען אויך געווען סתם כופרים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיקע בשורות און נחמות זיינען שוין מקוים געוואָרן ביים בית שני, און ס׳איז נישטאָ מער צו האָפן און צו וואַרטן. ר׳ סעדיה האַלט נישט, אַז דער נאַציאָנאַלער אויפלעב איז פאַרבונדן מיט אַ פאַרבאַשטימטן תנאי, און אויב דער תנאי ווערט נישט אויסגעפילט, ווערט דער גאולה־צוזאָג במילא בטל. די באַפרייאונג — אַט די שטילע בענקשאַפט וואָס טליעט אין האַרץ פונעם ייד נאָך אַ נאַרמאַלן און גאַנצן לעבן — איז נישט אָפּהענגיק פון קיין אויסערלעכן פאַקטאָר, ווייל זי איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, כמעט ווי אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס מוז — ווילנדיק נישט ווילנדיק — פאַר־ווירקלעכט ווערן. ווייל „ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז גע־בוירן געוואָרן משיח.״ קיום מיט אומקום זיינען פאַרוועבט איינער מיטן צווייטן. אונטער די פייערן פון חורבן גליעט דער אייביקער פונק פון „אחרית הימים״. ר׳ סעדיה באַקרעפטיקט זיין געדאַנק מיט פסוקים פון תנ״ך:

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט,
דער וואָס גיט די זון פאַר אַ ליכט בייטאָג,
און די געזעצן פון דער לבנה און שטערן
פאַר אַ ליכט ביינאַכט;
דער וואָס רודערט אויף דעם ים, אַז זיינע כוואַליעס ברומען —
יהוה צבאות איז זיין נאָמען:
אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פון פאַר מיר,
זאָגט גאָט,
וועט אויך דער זאָמען פון ישראל אויפהערן
צו זיין אַ פאָלק פאַר מיר אַלע טעג.

אזוי האָט גאָט געזאָגט:
אויב די הימלען פון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן,
און די גרונטפעסטן פון דער ערד אונטן וועלן דערפאָרשט ווערן,
וועל איך אויך פאַראַכטן אַלדעם זאָמען פון ישראל.״
— ירמיה ל״א, ל״ד־ל״ז.

די קינדער פון ישראל אַפילו זיי פאַרזינדיקן זיך, זאָלן זיי זיך נישט מיאש זיין. נאָכמער, דער גאון ברייטערט אויס די גרענעצן. די גאולה באַציט זיך נישט נאָר אויף יידן, ירושלים, בית המקדש און ארץ ישראל, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט און אירע באַוואוינער. דאָס קומען פון משיח איז געקניפּט און געבונדן מיט דער אידייע ווען אַ „פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד, און מען וועט נישט מער לערנען מלחמה״ און מענטשלעכע אידעאַלע באַציאונגען וועלן איינגעפירט ווערן אומעטום:

„קינדער פון ישראל, איר זאָלט נישט זאָגן, אַז ס׳האָט זיך פאַר־שפּעטיקט דער קץ און משיח וועט נישט קומען דאָס יאָר און נישט דעם קומענדיקן חודש. איר זאָלט אויך נישט זאָגן, אַז ער וועט נישט קומען מאָרגן און נישט היינט, נאָר איר זאָלט זאָגן, אַז ער וועט קומען יעדן טאָג און יעדער שעה.״

גאולה איז, בכן, אַ פּערמאַנענטע שטרעבונג און אַ דויערנדיקע פאַרווירקלע־כונג. דער דאָזיקער געדאַנק איז שפּעטער אַנטוויקלט און פאָרמולירט גע־וואָרן אין די דרייצן עיקרים פון רמב״ם: „ואף על פי שיתמהמה — אחכה לו בכל יום שיבוא״ (הגם ער זוימט זיך — טו איך אים דערוואַרטן יעדן טאָג, אַז ער זאָל קומען).

דער גאון לייקנט אָפּ מיט פסוקים פון תנ״ך די מיינונג פון די קריסטן, אַז משיח איז שוין געקומען. ער דערקלערט עס אויף אַזאַ אופן:

א. אַז משיח וועט קומען וועלן אַלע באַשעפענישן אָנערקענען איין גאָט.
ב. יידן וועלן נאַציאָנאַל נישט זיין אונטערגעדריקט און וועלן נישט צאָלן קיין צינזן; און נישט נאָר יידן, נאָר אַלע פעלקער וועלן זיין פריי. אָבער איצט זעען מיר, אַז איין נאַציע צאָלט צינז און מוז פאָלגן אַן אַנדער נאַציע אונטער וועלכער זי איז אונ־טערוואָרפן.

ג. ס׳וועלן נישט זיין קיין מלחמות אויף דער וועלט.
ד. אויך די בעלי חיים וועלן לעבן בשלום.

סיי די קריסטן און סיי די מוסולמענער האָבן געפּרואווט ברענגען ראיות פון תנ״ך, אַז מיט דער אנטשטייאונג פון זייער לערע איז בטל געוואָרן די יידישע תורה, ווייל אזוי האָבן מכלומרשט אויך פאָרויסגעזאָגט די נביאים. זיי האָבן, למשל, אויסגעטייטשט — אין דעם זין — דעם פסוק „און כ׳וועל פאַרשניידן מיט די קינדער פון ישראל און מיט די קינדער פון יהודה אַ נייעם בונד״[26] ר׳ סעדיה דערקלערט אַז אַט דער בונד באַציט זיך צו דער תורה גופא, ווייל מיר האָבן בקבלה, אַז דער קיום פון אונדזער אומה איז אָפּהענגיק פון דער תורה.[27] היות אָבער ווי גאָט האָט צוגעזאָגט, אַז דאָס פאָלק ישראל וועט עקזיסטירן כל זמן ס׳וועלן דויערן די הימל און די ערד, איז דערפון געדרונגען, אַז די יידישע תורה איז אייביק, זי וועט זיך נישט ענדערן, אָדער אויסגעביטן ווערן אויף אַן אַנדער לערע. דאָס איז אויך איינער פון די פּרינציפּן, וואָס איז שפּעטער אריינגענומען געוואָרן אין די דרייצן עיקרים פון רמב״ם.

אויפן געביט פון דער גאולה האָט דער גאון זיך שפּעטער געלאָזט אויף גליטשיקע און ריזיקאַלישע וועגן. ער האָט געפּרואווט דורך צרופים און גמטריאות טרעפן דעם „קץ״ — די טעג ווען משיח וועט קומען. ער האָט אויסגערעכנט, אַז די גאולה שלמה וועט זיין אינעם אָנהויב פון פערצטן יאָרהונדערט. ס׳איז שווער צו דערקלערן די מאָטיוון, וואָס האָבן דעם דאָזיקן ראַציאָנאַליסטישן דענקער געטריבן צו אַט דעם געוואַגטן און סכנות־פולן שריט, וועלכער האָט געבראַכט, אין די שפּעטערדיקע דורות, אַזויפיל אומגליקן דעם יידישן פאָלק, ווי אַנטוישונג, כפירה, מאָראַלישן און פיזישן זעלבסטמאָרד פון טויזנטער לעבנס. דער רמב״ם האָט פאַרשטאַנען די סוב־יעקטיווע און אָביעקטיווע פאַקטאָרן, צוליב וועלכע דער גאון האָט געמאַכט דעם דאָזיקן חשבון. אין זיין „אגרת התימן״ געפינען מיר די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„און מיר משפּטן ר׳ סעדיה פון דער מילדער זייט, ווייל מיר מוזן נעמען אין באַטראַכט די באַדינגונגען, וואָס האָבן אים באַוואויגן צו זיין צווישן די מחשבי קצין, הגם די תורה האָט עס פאַרבאָטן. און דאָס וואָס ער האָט געפונען פאַר נייטיק פאָרויסצוזען די גאולה, איז עס דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט קרעפטיקן מאָראַליש דאָס פאָלק אין זיין אמונה און פאַרשטאַרקן זיין האָפענונג.״[28]

ר׳ סעדיה פלעגט אַ מאָל איבעררייסן זיין התבודדות. ענג איז אים געוואָרן זיין צימער. זומער איז געשטאַנען אויף דער וועלט. פאַלמעס האָבן געגרינט, באַרג און טאָל האָבן געאָטעמט מיט לעבן, מיט פרייד, מיט זון, מיט גרינס. דאַן פלעגט דער גאון שפּאַנען איבערן שטאָט, זיך צוקוקן ווי דער פויער פאַרזייט זיין פעלד, רייסט אויס די ווילדע גראָזן, קאַרבט איין די לאַנגע שמאָלע בייטן. ווי געדולדיק איז דער דאָזיקער ערד־אַר־בעטער, און ווי שווער איז זיין מי! אָבער מיט וואָסער רואיקייט ער טוט זיין אַרבעט. ווייסט ער דאָך, אַז זיין האַרעוואַניע איז נישט אומזיסט. באַלד וועט קומען דער שפּריי רעגן, שטילן דעם דאָרשט פון דער פעטער ערד. נאָכדעם וועט קומען שניט־צייט און די ברכה פון הימל וועט רוען אויף זיין שייער, שטאָל און געצעלט. ניין, קיין מי גייט נישט פאַרלוירן. די באַ־לוינונג מוז קומען, פריער אָדער שפּעטער. ווי אַ פאָטער האָט ר׳ סעדיה געהאַט דעם צער פון גידול בנים, אָבער אויך דעם שטילן נחת און שטילע פרייד, וואָס קומען שפּעטער. ווען ער רעדט וועגן דער האָפענונג פון ישראל און זיין שליחות צווישן פעלקער, ברענגט ער אויך משלים און פאַרגלייכונגען גענומען פון דער נאַטור, וועלט און משפּחה־לעבן. דאָס יידישע פאָלק ליידט און האָפט. קליין־גלויביקע פרעגן: פאַרוואָס? פאַר־ווען? וואָס איז דער זין פון די דאָזיקע יסורים? וועט דער בעכער קיינמאָל נישט פאַרפולט ווערן? ר׳ סעדיה פאַרגלייכט עס מיט אַ משל:

„אַ מענטש האָט אַמאָל געזען ווי מען זייט ווייץ. ווען ער קוקט זיך צו ווי דער פויער וואַרפט די קערנער אין די גרודעס ערד, דוכט זיך אים, אַז דער פויער איז אַ נאַר. אָבער זאָל נאָר קומען שניט־צייט, ווען דאָס פעלד וועט אַרויסגעבן צוואַנציק־דרייסיק מאָל אַזויפיל. אָדער דער וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מיט קינדער־דערציאונג און שפּאָט אָפּ פון פאָטער, וואָס האָדעוועט אויס זיין זון, לעבט איבער אַזויפיל טעג און נעכט פון צער און זאָרג, און ער, דער זייטיקער, טראַכט: וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? צי וואָס לוינט די גאַנצע מי? נו, דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן און זיך אויסגעלערנט אַלע חכמות.״

אַזוי איז די גאולה פון ישראל. דעם נישט גלייביקן דאַכט זיך, אַז זי וועט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. אין דער אמתן איז דער וועג צו איר אויסגעשפּרייט מיט דערנער און יסורים. דער וועג אָבער איז אַ געזיכער־טער, ער פירט צו איר פאַרווירקלעכונג, אפילו אַז זי פאַרזוימט זיך, אפילו

אַז זי פֿאַרשפּעטיקט זיך, קומען וועט זי קומען. אָבער אײדער וואָס־ווען וועלן געשען גרויסע געשעענישן:

„אונדזער פֿאָלק וועט דורכגיין שווערע לײדן, און דאָס ערגסטע פֿון די צרות איז וואָס דאָס פֿאָלק וועט פֿאַרלירן זײַן אָנזען און פּרעסטיזש ביי אַלע אומות העולם. מ׳וועט זיך באַציִען צו אים מיט פֿאַראַכטונג. ער וועט ווערן פֿאַרמיאוסט און דערנידעריקט. ס׳וועט דערגיין אַזוי ווייט, אַז די גוים וועלן אים פֿאַרטרייבן אין די מדבריות, אין הונגער און דאָרשט, נאַקעט און באָרוועס, און פֿון די גרויסע צרות וועלן פֿיל פֿון זיי זיך אָפּשמדן, און ס׳וועט נאָר בלייבן די שארית הפליטה, די אויסדערוויילטע, געשטאַרקט אין מוט און אויסגעלייטערט אין זייער אמונה״. [20]

אָט די יענע וועלן זײַן די טרעגער פֿון דער גאולה און איר פֿאַרווירקלעכער. אַן אָפּקלאַנג פֿון הײַנטיקע גרויל־צײַטן הערט זיך אין דער דאָזיקער שילדערונג פֿון שווידער.

קאַפּיטל אַכט

דער הימן פאַר דער תורה[30]

די וועלט אין דערוואַרטונג. — מתּן תּורה. — דעם גאונס פּירוש אויף די עשׂרת הדברות. — שבּת. — לעבן איז הייליק. — די שעפּערישע פונקציעס פונעם מענטש. — אָרעם און רייך. — דיליידנשאַפטן. — דאָס שפּלות קאָמפּלעקס.

ווי אַ פּערל אין דער קרוין פון זיינע פּאָעטישע שאַפונגען איז זיין פּירוש אויף די „עשׂרת הדברות". ס'איז אַ געפלעכט פון פרומען פּאַטאָס און שטילן טרויער, טיף דורכגעטראַכטע געדאַנקען און נשמהדיקן ציטער. ס'איז א הימן פאַר דער תורה, אַ לויב־געזאַנג פאַר גאָט, מענטש און נאַטור:

„ווען דער באַשעפער האָט פייערלעך געגעבן די עשׂרת הדברות, האָט זיין שאַלנדיקע קול געכוואַליעט און אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אוניווערס. דער דונער האָט געברומט, צונגען־פייער האָבן אָנגעגליט דעם חלל. די וואָלקנס זיינען אויפגעשניטן געוואָרן דורך דעם בלענדנדיקן בליאַסק פון די בליצן. די מלאכים — אַן אימה האָט זיי ארומגענומען. די הימלען האָבן געשווידערט. די ערד האָט געציטערט, די בערג — האָבן זיך געטרייסלט. די כוואַליעס האָבן איינגעהאַלטן זייער אָטעם אין דער מיט פון די ימען. די שטראָמען זיינען פאַרגליווערט געוואָרן. די זון, לבנה און שטערן האָבן אָפּגעשטעלט זייער גאַנג. די ווילדע חיות און שטילע בהמות זיינען באַהערשט געוואָרן מיט פּחד. די שטים פון אויבערשטן האָט דע־מאָלט אָפּגעקלונגען אין זיבעציק לשונות, געשפּאָלטן די הימלען, פאַר־פלייצט די ערד מיט די זיסטע ריחות פון גן עדן: ביזאַם, אמבער און אלאָען־האָלץ. אַ בלענדנדיקע ליכטיקייט האָט פאַרפלייצט די וועלט:

— אנוכי

. . . איך ברענג דאָס לעבן און איך ברענג דעם טויט. איך דערנידעריק די גאוה פון שטאָלצן און דערהייב דעם שפּלדיקן. איך ברענג גליק צו מיינע פרומע קנעכט און באַזאָרג זיי יעדן טאָג מיט שפּייז. מיט מיין איינציק וואָרט האָב איך אַרויסגעשלעפּט דעם „יש" פון דעם „מאין", מיין ווילן איז קיינמאָל נישט ווידערגעשפּעניקט געוואָרן. איך שלאָג די קלוגע מיט דומהייט און זייערע פּלענער ווערן צעשמעטערט. איך דער־

ווייטער די נאָנטע און די ווייטע טו איך דערנענטערן. איך האָב געמאַכט אַרויסשלאָגן וואַסער פון האַרטע פעלזנס אין פאַרחלשטע מדבריות. איך וואַרף קערנער אין די גרודעס ערד און ברענג אַ שפע פון שניט. אַ בליק מיינער — די ערד קאַרטשעט זיך און וויקלט זיך אין געדיכטע נעפּלען, ווען איך מאַך פאַרטונקלען די זון. מיין גלאָריע דערגרייכט די העכסטע ספערן, אָבער איך דערבליק די טיפענישן פון מענטשנס האַרץ. כ׳צייל ד׳ טראָפּנס רעגן, וואָס פאַלן אַראָפּ פון הימל צו באַפרוכטפערן דעם באָדן און באַדעק אים מיט אַ פרישער גרינקייט. איך מאַך אַרעם דעם רייכן און רייך דעם אָרעמען.

...דאָס פערטע געבאָט האָט זיך באַוויזן מיט פלאַמיק־פליענדיקע אותיות אין די הימלישע הויכקייטן: דערמאָן זיך דעם טאָג פון שבת אים צו היילִיקן. היט אים, האַלט אים ערלעך. גלאָריפיציר אים. באַפּוץ אים, ליב אים, רייניק אים, לייטער אים. באַקרוין אים. צערטל אים. אָ, קינדער פון ישראל! דערמאָנט זיך, אַז פון די צוואַנציק וואונדער, וואָס איך האָב באַשאַפן אין דער וועלט, האָב איך אויסגעקליבן שבת. זיבן הימלען האָב איך אויסגעשפּרייט, אָבער דעם זיבעטן וואָס הייסט „ערבות" — האָב איך אויסדערוויילט. דאָרטן רוט מיין געטלעכע מאַיעסטעט. זיבן ימען האָב איך באַשאַפן, אָבער אויסדערוויילט דעם זיבעטן — דעם ים־סוף. זיבן פּלאַנעטן געשאַפן, אָבער באַקרוינט דעם זיבעטן — די זון. אין זיבן טעג די וועלט באַשאַפן, אָבער אויפגעשטיגן אויף מיין טראָן אין דעם זיבעטן. כ׳האָב דערהויבן דודן — דעם זיבעטן פּאַטריאַרך — צו קעניג־לעכן רום. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז פון זיין זאָמען וועלן אַרויסקומען זיבן מלכים, און דער באַרימטסטער וועט זיין משיח, וועלכער איז דער זיבעטער מאַנאַרך. שבת איז דער זיבעטער טאָג פון וואָך. ער איז דער טאָג פון שלום, דער טאָג פון גלויבן, פון ברכה, פון צוטרוי, פון בטחון און ערלעכקייט. דער טאָג פון רו, גלאָריע, גלאַנץ און שיינקייט. דער טאָג פון גליק, גרויסקייט, שפע און צויבער, דער טאָג פון חן און חסד, אין וועלכן אפילו די פאַרמשפּטע אין גיהנם האָבן רו.

אָ, קינדער פון ישראל! טוט זיך אָן דעם טאָג די שענסטע קליידער. עסט, טרינקט און לאָזט זיך וואויל גיין. זייט גוט צו די נויטבאַדערפטיקטע, מיט ברייט־האַרציקייט טיילט זיך מיט זיי אייער מאַלצייט. זאָלן זיי אויך געניסן פון פרייד. דערפאַר וועלן אייך אויסמיידן אַלע אומגליקן און כ׳וועל אייך באַהיטן פון אַלדאָס בייז, אייך און די קינדער אייערע.

— לא תרצח

אָ, קינדער פון ישראל! זייט אָפּגעהיט פון הרגענען אַ נפש און פון פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַ מענטש. האָט נישט קיין באַריר מיט רוצחים. זאָל קיינער פון זיי נישט געניסן דעם שאָטן פון אייער הויז, ווייל גלות און הונגער קומען צוליב אַ מענטשן־מאָרד. איך האָב דעם מענטשן באַשאַפן אין מיין געשטאַלט און געפורעמט אין מיין פורעם, ווי אזוי־זשע דערוואַגסטו זיך אומצוברענגען דאָס וואָס דו האָסט נישט באַשאַפן און קאָנסט נישט לעבעדיק מאַכן? פאַרוואָס זאָלסטו איבערשניידן אַ לעבן פאַר דער צייט, וואָס איך האָב אים באַשטימט צו לעבן? ער איז דאָך אַ מענטש ווי דו! נאָר דער אייביקער אליין האָט דאָס רעכט צו מאָנען צוריק די נשמה, וואָס ער האָט געגעבן. ווייז ארויס מיטלייד צו אַלע פון דיין גלייכן — דעמאָלט וועט דער באַשעפער זיין אויך באַרעמהאַרציק צו דיר. דער מערדער אָבער פאַרלייקנט זיין באַשעפער און דערפאַר וואו ער וועט גיין, וועט אים נאָכיאָגן אַ פּחד. זיין זינד וועט פאַלן אויף זיין זאָמען. די הימלען וועלן אים שילטן, די ערד וועט אים ארויסוואַרפן, די בערג וועלן עדות זאָגן קעגן אים.״

די הייליקייט פונעם מענטשלעכן לעבן איז איינער פון די עיקר־יסודות, אויף וועלכן ס׳באַזירט זיך זיין שיטה. דער מענטש איז אַ קליינע וועלט, און דער רוצח — פאַרמעסט זיך מיט זיין מאָרד אויף גאָטס גאַנצן באַשאַף. „ער איז דאָך אַזאַ מענטש ווי דו״, נישט די ראַסע, נישט דאָס פאָלקסטום באַשטימען די גייסטיקע פיזינאָמיע פונעם מענטש, נאָר איטלעכער וואָס אָטעמט האָט דאָס רעכט צו לעבן אויף דער ערד. „און ווי דערוועגסטו צו צעשטערן דאָס וואָס דו האָסט נישט באַשאַפן און קאָנסט נישט לעבעדיק מאַכן?״

לא תגנוב —

„איך בין דער אייביקער, וואָס האָב דיך אַרויסגעצויגן פון די פינצטערע איינגעווייידן זיינעם מוטער־לייב. דעריבער, זון מיינער, באַגיי נישט קיין גנבה און דערווייטער זיך פון באַגערן יענעמס האָב און גוטס, ווייל איך האָב געזיכערט דיין באַשפּייזונג און אַלע דיינע באַדערפעניש. און ווען דיין שעה וועט שלאָגן, זאָלסטו וויסן: דו וועסט נישט מיטנעמען אפילו אַ קערנדל פון אַ מאָן־פלאַנץ. זיי צופרידן מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געגעבן. „דו קאָנסט נישט שניידן — האָט געזאָגט דער חכם — אויב די זריעה איז נישט דיינע.״ באַנוגן זיך מיט דעם וואָס דו פאַרדינסט מיט ערלעכקייט.

דעריבער, זון מיינער, מייד אויס דעם וועג פון פוילקייט. באַטראַכט זיך ווי אַ לוין־אַרבעטער. קלייד זיך אין אָרעמע מלבושים, דערנער זיך מיט קרייטעכצער פון פעלד און האַלט זיך אָפּ פון צונעמען ביים יענעם. באַגנבע נישט דעם רייכן מיטן אויסרייד, אַז דאָס קאָן אים נישט אָרעמער מאַכן, און אַוודאי נישט דעם אביון, וועמעס נויט דו וועסט פאַרמערן. דער־נידעריק זיך נישט, זיי נישט קיין שאַנד־פלעק פאַר דיין משפחה און פאַר דיין לאַנד. ווען מען זאָגט דיר: ווי קומט עס וואָס דו גייסט אַרום מיט ליידיקע הענט, — טראָג ליבערשט איבער מיט געדולד די דאָזיגע יסורים, איידער צו גנבענען און פאַלן אין די אויגן פון דיינע פריינט, וואָס רינגלען דיך אַרום מיט אַן אָרעאָל פון אַכטונג.״

אַ שטילער מעלאַנכאָלישער קלאַנג ציטערט אין די דאָזיקע שורות. אַ געוועב פון געגנאָד איז איינגעפלאָכטן אין זיי. ווי אַ באַרמהאַרציקער טאַטע שטייט פאַר אונדז דער שטרענגער גאון. דעם קעמפער און קפדן האָט גובר געווען די מדת הרחמים. ער קוקט זיך צו מיט אַן אָפן אויג צו די מענטשלעכע שוואַכקייטן און זייער נשמה־געראַנגל; ער דרינגט אַריין אין די אומגעזעענע טרייב־כוחות, וואָס ריכטן אונדזערע מעשים. ער פאַרשטייט זיי, און פאַרשטיין הייסט — מוחל זיין. פּרוּוט ער אויפוועקן ביים מענטשן דאָס געוויסן זיינס און דערהייבן אין אים דאָס געפיל פון ווירדיקייט. „ווייל איך, גאָט, האָב אַנגעצייכנט דיינע מעשים און כוחות.״ דו, מענטשן־זון, ביסט באַשטימט געוואָרן צו וויכטיקע שעפערישע און קאָנסטרוקטיווע פונקציעס: בויען, פלאַנצן און מתקן זיין די וועלט אין מלכות שדי. זאָלסטו דעריבער נישט פאַרקרימען דיינע וועגן, פאַרטאָכלעווען דיינע כוחות, נאָר זאָלסט גלויבן אין דיר, אין דיינע אייגענע אייגנשאַפטן, אַז דו ביסט באַשאַפן גע־וואָרן צו וויכטיקע אויפגאַבן. דער לייטער פון לעבן שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט ביזן הימל. אויף זיינע שטאַפּלען נידערט מען אַראָפּ און מען שטייגט אַרויף. יעדער איינער איז באַרופן צו דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל, דער עיקר איז: שמיד אויס דיין ווילן אין מי און מאַטערניש, „ווייל דער מענטש איז צו מי באַשאַפן געוואָרן.״ יעדע זאַך, וואָס ווערט דעראָבערט לייכט, האָט נישט קיין דויער. „דאָס וואָס דו האָסט נישט פאַרזייט, וועסטו נישט שניידן״, ס׳איז כמעט ווי אַ געזעץ פון דער נאַטור.

אַ חוץ פוילקייט זעט ר׳ סעדיה אין דער נייגונג צו גנבענען אַן אַנדער פאַקטאָר: דאָס גלוסטעניש צום יענעמס האָב־און־גוטס. ר׳ סעדיה שטראָפט נישט, מוסרט נישט, וואַרפט נישט אַן קיין מורא, ער דראָט נישט. ער קען

די פּסיכישע קראַנקהייטן. אומנאָרמאַלע נשמה־נייגונגען קאָן מען נישט היילן דורך צוואַנג־מיטלען, אָדער מוסר־רייד. ער אַפּעלירט נישט צום מח נאָר מער צום האַרץ, צום געפיל. דער רעליגיעזער פילאָזאָף ווערט פּאָעט, ליריקער. ער צערטלט, גלעט און מאַכט דעם לעצטן חשבון הנפש, — קוק זיך איין, דו, בן אדם: „און דעמאָלט ווען איך וועל ווענדן מיין אויג צו דיר צוזונעמען דיין נשמה, וועסטו זען, אַז דו וועסט גאָרנישט מיטנעמען פון דיין פאַרמעגן, אפילו אַ קליין קערנדל, וואָס־זשע איז די נפקא מינא, צי דו האָסט אַ סך אָדער ווייניק?" דיינע טעג זיינען דאָך נישטיק־געציילטע, און ווען ס'וועט דיך אָנקומען דער „נישט זיין", פון וועלכן קיינער קאָן זיך נישט באַפרייען, דאַמאָלט וועט זיך אויסגלייכן דער רייכער מיט דעם אָרעמען. די אַלע רייכטימער, וואָס דו האָסט געזאַמלט, וועלן פאַרשווינדן ווי אַ שפּריי וואָס דער ווינט פאַריאָגט. אויב אַזוי האָט דאָך נישט קיין שום זין אויסצושטרעקן אַ האַנט צו יענעמס האָב און גוטס.

לא תחמוד —

דער וואָס קאָן נישט צאַמען זיינע ליידנשאַפטן, איז געגליכן צו אַ בלינדן. ער פאַרמישט אויפריכטיקייט מיט פאַלשקייט און נעמט אָן זיס פאַר ביטער און ביטער פאַר זיס. דאָס גלוסטעניש, וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין האַרץ און פאַרבלענדט זיינע אויגן, איז געגליכן צו אַ וואָלקן, וואָס גייט פאַרביי אָדער צו אַ שלאַקס רעגן, וואָס פאַרשלעפּט אַלץ אין זיין גוס. נאָר דער וואָס וועט קאָנען וואַרטן אין שטילן און געדולדיקן בטחון, וועט דערגרייכן אַ גייסטיק גלייכגעוויכט און נשמה־רואיקייט.

„פון נשמה־רואיקייט צו צופרידנקייט, פון צופרידנקייט — גליק, פון גליק — גאַנצקייט, פון גאַנצקייט — אינערלעכע לייטערונג, וואָס איז דאָס בעסטע פון אַלדאָס־גוטס. מיט דעם באַגער קומט זויפעריי, פון זויפעריי — צוזאַמענברוך, פון צוזאַמענברוך — דורכפאַל, פון דורכפאַל — נידערגעשלאָגנקייט, פון נידערגעשלאָגנקייט — דערנידערונג, פון דערנידערונג — אָפּגעלאָזנקייט, פון אָפּגעלאָזנקייט — אָרעמקייט, פון אָרעמקייט — אליינפאַראַכטונג, וואָס איז דאָס ערגסטע פון אַלדאָס שלעכטס."

דער דאָזיקער קורצער פראַגמענט אַנטהאַלט אַ טיפן אריינקוק אין דער מענטשלעכער נשמה און אַ טרעפלעכן פּסיכאָאַנאַליטישן צוגאַנג. דער בעל־

בטחון רעאגירט מילדער אויף די פלאָגן פון דער צייט, זיין שפירעוודיקייט איז נישט אזוי סובסטיל. ווייסט ער דאָך, אַז דאָס לעבן איז אַ געמיש פון שאָטן און ליכטיקייט, דאַרף מען טאַקע אויפנעמען מיט שטילן דאַנק און באַהאַלטענער פרייד דאָס ביסעלע גוטס, און קאָנען אריבערטראָגן טעג פון צער. געדולד ברעכט איין דעם צער און רופט ארויס אין מענטש זיכער־קייט, באַרואיקייט און וויגט איין דאָס געמיט. גאַנץ אַנדערש איז מיט דעם, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין בטחון. יעדער דורכפאַל דערוועקט אין אים דעם שפלות־קאמפלעקס. דער דאָזיקער קאָמפלעקס דעגראַדירט אַלע שעפערישע און מאָראַלישע כוחות, ביז דער מענטש פאַלט צום לעצטן שטאַפל: אליינ־פאַראַכטונג און זעלבסט־ניהיליזם, וואָס „דאָס איז דאָס ערגסטע פון אַלדאָס־שלעכטס.״

קאַפּיטל ניין

כיווי דער באַלכער

דער שטורעם און דראַנג־פּעריאָד אין אָריענט. — די אַטעאיסטן. — כיווי דער באַלכער און זיין ראַציאָנאַליסטישע שיטה. — זיין בוך מיט די צוויי הונדערט פראַגעס. — דער אידייאישער געראַנגל צווישן אים און ר׳ סעדיה. — „ספר התשובות.״ — דער נצחון.

די צייט האָט גורם געווען, אַז ר׳ סעדיה זאָל נישט זיצן רואיק אין זיינע ד׳ אמות און זיך פאַרנעמען בלויז מיט הלכות און אבסטראַקטע אידייען. די שוימיקע כוואַליעס פונעם לעבן, די קאָכיקע געשעענישן פון דער צייט האָבן ארויסגעריסן אים פון זיין ווינקל. ס׳איז געווען שטורעם און דראַנג־פּעריאָד. אינעם איסלאַם האָבן אַרויסגעשפּראָצט פאַרשיידענע רע־ליגיעזע שטרעמונגען. ס׳איז אויפגעקומען אַ ראַציאָנאַליסטישע רעפאָרם־באַוועגונג פון די „שיעים״, וואָס האָט דערקלערט מלחמה דער „שונה״ — די מוסולמענישע תורה שבעל פה. די אַנטוויקלונג פון דער קונסט, וויסנ־שאַפט און ליטעראַטור, די טעריטאָריאַלע דעראָבערונגען האָבן גלייכצייטיק אויפגעעפנט ברייטער די האָריזאָנטן און צעריסן די גייסטלעכע אַראַבישע וועלט. די „שיעים״ האָבן פאַרלאַנגט אַן איבערטויש פון „ווערטן״, אַן ענדערונג אויפן געביט פון רעליגיע און טראַדיציע. די סותרדיקע תורות און פרעמדע אנשויאונגען וועגן גאָט און מענטש זיינען אריינגעפאַלן ווי רוישיקע טייכן אין די צעבושעוועטע וואַסערן פון „קאָראַן״. דער גלויבּיקער איז געבליבן שטיין צעטומלט, אויפגערודערט און געפּלעפט. אין זיין האַרץ זיינען אויפגעגאַנגען גייסטיקע קערנער פון כפירה און צווייפל.

די דאָזיקע יוירונג ביי ישמעאל האָט אויך משפיע געווען אויף דעם רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ישראל. אַ סך האָבן „אַריינגעקוקט און זיינען באַשעדיקט געוואָרן״, זיי האָבן אָפּגענייגט פון דעם אויסגעטראָ־טענעם וועג און פאַרבלאָנדזשעט אויף זייטיקע שליאַכן. די „אחרס״ האָבן זיך געמערט. אייניקע האָבן געפרעגט: „וואָס איז אויבן און וואָס איז אונטן?״ אנדערע האָבן געמאַכט דעם געוואַגטן פאַרזוך איינגאַנצן אויפצו־טרייסלען דעם איינגעפונדעוועטן בנין. די שפּאַלטן און ריסן זיינען גרעסער

געוואָרן. די „כפירה״ האָט אָנגעשפּאַרט אין אַ גרויסער צאָל הייזער. איינער פון די כופרים איז געווען כיווי פון דער שטאָט באלך אין פּערסיע. ס׳איז נישט ריכטיק די מיינונג אַז ער איז געווען אַן אָנהענגער פון די קראים, ווייל די לעצטע זיינען אַרויסגעטראָטן בלויז קעגן תלמוד. אָבער אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן זיינען זיי געווען פאָרזיכטיק מיט יעדן אות פון דער תורה, נאַטירלעך, לויט זייער אייגענעם אויסטייטש... זיי פלעגן זיך פילן שטאַרק געקרענקט, ווען מ׳האָט זיי באַצייכנט ווי „די גייסטיקע יורשים פון די צדוקים.״ כיווי דער באַלכער איז אָבער געווען סתם אַ פריידענקער, אַ טרוקענער ראַציאָנאַליסט, אַ מענטש אָן אַ פונק פּאָעזיע. ער האָט געלייקנט די אַלע נסים וואָס מיר געפינען אין תנ״ך און געפּרואווט זיי צו דערקלערן אויף אַ נאַטירלעכן ראַציאָנאַליסטישן אופן. כדי צו פאַרמינערן די וויכטיקייט פון דער תורה, האָט ער זיך גראַד אָפּגעשטעלט אויף די מעטאַפאָרישע פסוקים, וואָס שרייבן צו געוויסע מענטשלעכע אייגנשאַפטן צום בורא עולם און באַגרענעצן זיין כוח. ער האָט מחבר געווען אַ ספר אין דער פאָרם פון צוויי הונדערט ערנסטע שאלות, וואָס איטלעכע פון זיי האָט צערודערט דעם גלויבן און ארויסגערופן ספקות, למשל:

1. פאַרוואָס האָט גאָט געדאַרפט „אריינזעצן אין גן עדן די כרובים און די פלאַמיקע שווערד, צו היטן דעם וועג צום בוים פונעם לעבן״, ער האָט דאָך געקאָנט מאַכן, אַז אדם זאָל פאַרגעסן דעם צוגאַנג?

2. פאַרוואָס האָט גאָט געפרעגט קינען: „וואו איז דיין ברודער הבל״, צי דען האָט ער נישט געוואוסט וואו ער איז? און פאַרוואָס קומט אים — פאַר אַ ברודער־מאָרד — אַזאַ לייכטע שטראָף, ווי „נע ונד זאָלסטו זיין אויף דער ערד?״

3. פאַרוואָס האָט גאָט נישט אָפּגעהאַלטן קינען פון דערמאָרדן זיין ברודער?

4. פאַרוואָס ברענגט גאָט אויפן מענטש יסורים, הונגער, קרענק, שרעק, רויב, קעלט און היץ?

כיווי האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס די „תורה רעדט אָפּט־מאָל מיט דער שפּראַך פון מענטשן.״ צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַ פאָטער, וואָס דערציט זיין זון. יעדן טאָג לערנט ער מיט אים, איז אים מדריך און דערציילט אים פון די פאַרשידענע וועגן אין מענטשלעכן לעבן. דער פאָטער איז אָבער נישט זיכער צי זיין זון באַגרייפט דאָס לערנען. וואָס טוט ער? קלייבט ער אויס אַן איינפאַכן מעטאָד: ער באַמיט זיך צו רעדן אויף אַ פאַרשטענדלעכן לשון, ער באַנוצט זיך מיט

אַזעלכע בילדער און אויסדרוקן, וואָס זיינען באַגרייפלעך צום קינדערשן שכל, נאָענט צו זיין וועלט. פּאַמעלעך גייט ער איבער פון לייכטערן צום שווערערן, פון קאָנקרעטן צום אבסטראַקטן. פּונקט אַזוי איז דער סטיל פון תורה. ס'איז געווען דער „בראשית" פונעם פאָלק. עס איז נאָך נישט געווען פעאיק צו דענקען אבסטראַקט. מ'האָט זיך, בכן, געמוזט אָפּטמאָל באַנוצן מיט פּלאַסטישע טערמינען, וואָס לויט זייער פאָרם זיינען זיי נישט אין איינקלאַנג מיט דער יידישער אמונה.

דער ספר מיט די „שאלות" האָט אין יענער צייט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם. כיווי האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט דערמיט, ער האָט גענומען פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען און ווערטלעך צווישן עולם. ער האָט אליין צונויפגעשטעלט אַ מין קצור התורה, אַרויסוואַרפנדיק די אַלע פסוקים און שטעלן, וואָס זיינען אים נישט געפעלן געוואָרן. דאָס דאָזיקע ספרל האָט ער פאַרשפּרייט אין די תלמוד־תורות. דער רעזולטאַט איז געווען אַ טרויעריקער: אַ סך זיינען געשטרויכלט געוואָרן און אריינגעפאַלן אין דער נעץ. די גיפטיקע אויסשפּראָצן פון כפירה האָבן געשטעלט אין סכנה דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן קיום פונעם פאָלק. ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיך שטעלן קעגן די בייזע ווינטן. ר' סעדיה האָט דערשפּירט די סכנה און ווי אַ דערפאַרענער טויכער לאָזט ער זיך אַראָפּ אין די טיפענישן פונעם ים „כדי פון דאָרטן אַרויסשלעפּן די זינקנדיקע אין די געפערלעכע וואַסערן." ער דערקלערט אַ קאַמף כיווין. זיין כלי זיין איז אויך דאָ זיין שאַרפע פען, שכל הישר און קלאָרער קאָפּ. ער שרייבט אָן זיין „ספר התשובות", וואו ער דערקלערט די גשמיותדיקע פסוקים אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן. פון דעם דאָזיקן חיבור איז נאָר פאַרבליבן איין פראַגמענט, וואָס אַנטהאַלט דעם זיבעטן טייל פון גאַנצן ספר.[31] אויך דאָ ווייזט אַרויס דער גאון בקיאות אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור און פאַרשטענדניש פאַר דעם נשמה־געראַנגל פונעם מענטש. די תשובות זיינען געשריבן אין גראַמען, וואָס צייכענען זיך אויס דאָ און דאָרט מיט פּאָעטישער קראַפט און זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיף־עטישער וועלט־אַנשויאונג.

ר' סעדיהס ענטפער אויף פראַגע איינס פאַלט צענויף מיט דער דערקלערונג פון מאָדערנע קרימינאַלאָגן, אַז דעם פאַרברעכער ציט צום אָרט פונעם פאַרברעכן. מעגלעך, אַז דער רוצח וויל איבעראַנייס איבערלעבן דעם מאָרד־געבוס. אויך יעדער מענטש לעכצט צו זען נאָכאַמאָל דאָס אָרט, וואו ער האָט פאַרבראַכט גליקלעכע, רואיקע טעג. ווייל די ערד, וואו

מ׳האָט געלאַכט און געוויינט אין דער יוגנט, איז היליק. יאָרן מעגן פאַר־ביילויפן, אָבער מיטאַמאָל בלייבן מיר שטיין מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פאַר אַן איינגעהויקערטן הויז, פאַר אַ ברונעם, פאַר אַן אַלטן בית המדרש — די אַלע ליבע מקומות, וואָס וועקן אין אונדז בענקשאַפט און פרישן אָפּ ליכטיקע זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט: קינדער יאָרן, זיסע קינדער יאָרן. לויט ר׳ סעדיהן האָט אדם הראשון נישט פאַרגעסן דעם וועג צום גן־עדן, כדי ווען ער וועט דאָרטן פאַרבייגיין זאָל ער בלייבן שטיין מיט פאַרוויינטע אויגן און מיט אַ געפיל פון חרטה: דער גן עדן. דיביימער בליען. די וועלט איז גרין. דאָ איז אויפגעגאַנגען די ערשטע זון אויף זיינע יונגע טעג. דאָ איז צוגעפאַלן די ערשטע נאַכט, ווען ער האָט טועם געווען דעם זיסן טעם פון די פאַרבאָטענע פרוכט: דער „עץ הדעת". אָט ליגט פאַר אים דער צויבער־שלאָס פון זיין פריסטער יוגנט, אָבער די טויערן זיינען פאַר־ריגלט.

די פראַגע צוויי — זאָגט ר׳ סעדיה — איז, כדי צו באַווייזן די גרויס־קייט פון תשובה און חרטה. דער רבונו של עולם האָט געגעבן דעם רוצח צייט נאָכצודענקען און זיך באַקלערן איבער דעם וואָס ער איז באַגאַנגען. ווער וויס, אפשר וועט זיך אויפוועקן אין אים דאָס געוויסן און ער וועט זיך מודה זיין מיט אַ צעבראָכן האַרץ אויף זיינע זינד. עס וועט פאַלן אַ ליכט אויף זיין באַוואוסטזיין, דאָס מענטשלעכע אין אים וועט זיך אויפכאַפּן און ער וועט הימלען שפּאַלטן מיט זיין געוויין: האַר פון די וועלטן, דו ווייסט דאָך אַלע פאַרבאַרגענישן, איך האָב געטייט, מיינע הענט זיינען פאַרפלעקט מיט בלוט. ווען ער האָט אָבער געהערט, אַז גאָט פרעגט אים „וואו איז דיין ברודער הבל", האָט ער גערעכנט, אַז די וואָלקנס פאַרשטעלן אים און ער זעט נישט די מעשים פון מענטשן, און ער האָט געלייקנט. די שטראָף „נע ונד" איז, בכן, געקומען פאַר זאָגן אַ ליגן. אויף אַ מאָרד איז אָבער נישטאָ קיין כפרה, ווייל „גרויס איז די זינד און מ׳קאָן זי נישט פאַרגעבן."

אויף דער פראַגע דריי ענטפערט דער גאון: היות ווי סע זיינען דאָ צוויי וועלטן, עולם הזה און עולם הבא, צו באַלוינען דעם גערעכטן און באַשטראָפן דעם שולדיקן, און ווייל דער מענטש האָט אַ פרייען אויסוואַל — איז עס געשען וואָס ס׳איז געשען.

אויף פראַגע פיר: פונקט ווי קעלט און היץ מוז דער מענטש עמפּיריש פילן, וואָרעם אַ נישט, וואָלט ער דאָך זיך עס נישט געקאָנט פאַרשטעלן, פונקט אזוי איז מיט יסורים. ווען גאָט וואָלט געזאָגט צום מענטש „כ׳וועל דיר אָנטאָן צער", וואָלט דאָך דער מענטש נישט געוואוסט וואָס צער איז.

דעריבער קומען די יסורים, כדי דער מענטש זאָל עס אויף זיין אייגן לייב פילן און וויסן זייער טעם.

אַ סברה איז דאָ, אַז דער גאון האָט תחילת נישט געוואָלט זיינע ענטפערס אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט, ער האָט נאָר געהאַט בדעה זיך ווענדן דירעקט צו כיווין. אפשר וועט ער זיך באַדענקען, חרטה האָבן און זיך אומקערן בדרך הישר. סעדיה האָט אים באַטראַכט ווי אַ בלאָנדזשענ־דיקן, ווי אַ מענטש, וואָס איז אויפן וועג נכשל געוואָרן, זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. ווער וועט זיך דערוועגן צו וואַרפן אַ שטיין אויף אַ גע־פאַלענעם? ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען, אָדער אים נישט מאַכן צו פּאָפּולער. ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז כיוויס געדאַנקען ווערן ברייט און ווייט פאַרשפּרייט, האָט ער אויפגענומען דעם קאַמף.

כיווי האָט אַ נאָמען געגעבן זיין בוך „שאלות״, אָבער ר׳ סעדיה רופט זיי „טענות״, ווייל פראַגעס באַציען זיך נאָר צו אַ מענטש וואָס וואַרט אויף אַן ענטפער. כיוויס כוונה איז גאָר געווען צו צעשטערן די יסודות פון דער תורה און נושא חן זיין אין די אויגן פון דער הערשנדיקער פּערסישער רעליגיע, ביי די אמגושים; דעריבער האָט ער טאַקע געשריבן זיין ספר אין העברעאיש און אין אַראַביש. ר׳ סעדיה האָט, ווייזט אויס, זיך נישט אָפּגעשראָקן און געענטפערט אויך אין אַראַביש, אָבער דער אַראַבישער טעקסט איז פאַרלוירן געגאַנגען. ס׳איז נאָר געבליבן דער העברעאישער.

דער ספר פון כיווי איז אויך פאַרלוירן געגאַנגען, אָבער פון ר׳ סעדיהס תשובה קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד פון אים. אינעם אידעאָלאָגישן גע־ראַנגל האָט געזיגט דער גאון. ער האָט זיין שווערד נישט אַריינגעטאָן אין איר שייד. ס׳איז געווען אַ געפעכט מיט תורה, בליציקע געדאַנקען און רואיקע געלאַסענע רייד, וואָס האָבן געשטעלט אין שאָטן דעם קעגנער און אים באַזייטיקט פונעם געזעלשאַפטלעכן רעליגיעזן לעבן.

קאַפּיטל צען

דער סידור

מאָמענטן פון צער און בענקשאַפט. — די תפילה, איר אנטשטייאונג און אַנטוויקלונג. — וואָס דערציילט אונדז דער סדור? — דער סדר התפלות פון ר׳ סעדיה.

רייך אין געשעענישן און יסורים איז געווען דאָס לעבן פון דעם מערק־ווירדיקן גאון: גלות, וואַגלעניש, מחלוקת, פּערזענלעכע קעגנער, וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט אומזיסט־אומנישט, געדרודפּט און באַליידיקט. אין באַשטימטע מאָמענטן פלעגט אים ארומנעמען אַ צער און אַ שטילע בענק־שאַפט. אָפטמאָל פלעגט ער טראַכטן: אַט־אָט וועט ער צוזאַמענברעכן אונטער דער שווערער משא. דאַן פלעגט זיך ר׳ סעדיה אָפּזונדערן אין אַ ווינקל און אויסגיסן זיין ביטער האַרץ אין אַ צאַרטער תפלה:

„גאָט, אַלמעכטיקער: מיט אַ וואָרט האָסטו באַשאַפן אַלע באַ־שעפענישן, אָן מי און אָן מאַטערניש. דו האָסט זיי געטאָן רופן, און זיי זיינען דערשינען פאַר דיר, אַלע צוזאַמען. אויב דיין רצון איז — קאָנסטו זיי פאַרלענדן, אויב דיין רצון איז — קאָנסטו זיי געבן כח און מוט זיך צו באַנייען, און טוסט זיי אומקערן צו זייער פריערדיקן שטאַנד.

„אָ, גאָט, אונדזער האַר! דו האָסט באַשאַפן די דאָזיקע וועלט, אַ וועלט וואָס פאַרשווינדט, אויסצופּרואוון אַלע מענטשן־קינדער מיט געבאָטן און געזעצן, וואָס דו האָסט פאַרזאָגט. און דעם וועג פון לעבן און טויט, גוטס און שלעכטס האָסטו געגעבן פאַר זיי.

„אויך די קומענדיקע וועלט, האָסטו באַשאַפן, אַ וועלט אַ דויערדיקע צו באַצאָלן אַ גוטן שכר אַלע דיינע פרומע, און נקמה נעמען פאַר דיין בונד וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן פון אַלע וואָס פאַרראָטן דיך.“

שטיל האָט געקוואָלט די תפלה ווי אַ באַלזאַם אויף אַ וואונד, גע־היילט און דערהויבן, באַרואיקט און איינגעוויגט דאָס אויפגערודערטע גע־

מיט. און מיטאַמאָל, ווי אַ פּאַס ליכט וואָלט געפֿאַלן אין זיין מח: צונויפֿ־זאַמלען אַלע תּפֿלות און תּחנות, וואָס זיינען אין משך פֿון לאַנגע דורות ארומגעגאַנגען פֿון מויל צו מויל אין פֿאַרשידנאַרטיקע וואַריאַנטן — אין איין סדור, וואָס פֿון אים זאָל יעדער ייד מתפּלל זיין אין צייטן פֿון פֿרייד און לייד.

די תּפֿלה איז אַלט ווי דאָס יידישע פֿאָלק. שוין אין חומש געפֿינען מיר ווי אברהם אבינו איז מתפּלל פֿאַר סדום. צאַרט־ליריש קלינגט דאָס געבעט פֿון חנה, ווען זי שטייט אין שילה מיט אַ געבראָכן געמיט, אירע לעפֿצן באַוועגן זיך, מורמלען, און איר שטים — קוים וואָס מען הערט. אָן עלנטע פּרוי בענקט נאָך מוטערשאַפֿט. אין דער תּקופֿה פֿון די נביאים האָט מען געפּראַוועט תּפֿלה בצבור מיט אַ צערעמאָניאַל אין בית המקדש. די אנשי כּנסת הגדולה, וועלכע האָבן צונויפֿגעזאַמלט די כּתבֿי הקודש, האָבן אויך מתקן געווען דריי תּפֿלות יעדן טאָג און פֿאַרפֿאַסט די „שמונה עשרה". באַזונדערס האָט די תּפֿלה זיך אַנטוויקלט נאָכן חורבן, ווייל זי האָט געדאַרפֿט זיין אויפֿן אָרט פֿון די קרבנות.

לויט דער יידישער אמונה איז נישטאָ קיין שום פֿאַרמיטלער צווישן גאָט און דעם וואָס איז מתפּלל. יעדער איינער — אויב ס'דערוועקט זיך נאָר ביי אים אַזאַ פֿאַרלאַנג — קאָן זיך אוועקשטעלן אומעטום און אויס־גיסן זיין האַרץ פֿאַרן פֿאָטער אין הימל. אין תּלמוד ירושלמי ווערט גע־בראַכט: „אַ מענטש גייט אַריין אין שול, שטעלט זיך אַוועק נעבן עמוד און איז מתפּלל שטילערהייט, פֿאַרנעמט הקב"ה זיין תּפֿלה." ר' יודן זאָגט: ווען אויף אַ מענטש קומט אָן עת צרה, גייט ער נישט אַריין צו זיין האַר פֿלוצלונג בעטן הילף, נאָר שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר, רופֿט ארויס דעם קנעכט, אָדער איינעם פֿון די בני בית, און לאָזט וויסן, אַז ער שטייט כּעני בפּתח. אויב דער שררה וויל, לאָזט מען אים אַריין, וויל ער נישט, הייסט מען אים גיין. אָבער דער רבונו של עולם איז נישט אַזוי. אויב אַ מענטש איז אין אַ צרה — זאָל ער שרייען צו אים, ער וועט אים העלפֿן.

אָבער פּונקט אַזוי ווי סע זיינען דאָ אין ביידע תּלמודים ערטער וועגן דער וויכטיקייט פֿון תּפֿילה, פּונקט אַזוי געפֿינען זיך דאָרטן מיינונגען, פֿון וועלכע מ'קאָן ארויסדרינגען, אַז זי איז נישט געווען אַ סאַנקציאָנירטע אינסטיטוציע, איינגעוואָרצלט ביי אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק. ר' גמליאל, למשל, האָט באַפֿרייט אַרבעטער און תּלמידי חכמים פֿון דאַווענען, די ערשטע — כּדי זיי זאָלן נישט ווערן געשטערט אין דער ארבעט, די צווייטע — כּדי

זיי זאָלן נישט מפסיק זיין אין לערנען, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן וויכטיקער ווי תפילה. ר׳ אליעזר האָט געפסקנט, אַז דאַרפסגייער זיינען פטור פון דאַוונען אין די ערשטע דריי טעג נאָך זייער צוריקקער. רבא, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט ווי ר׳ המנונא רייסט איבער זיין לערנען און מאַכט אַזעלכע שהיות ביים דאַוונען, האָט בייסיק־איראָניש באַמערקט: „ווי איז צו די וואָס לאָזן איבער חיי עולם און גיבן זיך אָפּ מיט חיי שעה.״

דערפון איז צו זען, אַז קיין איינגעשטעלטער נוסח פון דאַוונען איז נאָך נישט געווען אָנגענומען ביים פאָלק. די תפילה האָט געטראָגן סיי אַן אינדיווידועלן און סיי אַ פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. דער יחיד און כלל — אין אַן עת צרה און אין צייטן פון שמחה — האָט געהאַט דעם באַגער אויסצודריקן אין ווערטער זיינע עמאָציעס און פאַרלאַנגען. אין משך פון דורות האָבן זיך אָנגעקליבן תפילות, תחינות און סליחות, פאַרפאַסט גאַנץ אָפט פון אַנאָנימע קינסטלער, וואָס יעדער איינער האָט אין זיי אריינגעשריען זיין קרעכץ און וויטיק, זיין לויב און דאַנק. די דאָזיקע תפילות זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון פאָלק, איבערגעגאַנגען פון טאַטע צו קינד, געוואָגלט איבער לענדער און ימים, באַקומען אָפּטמאָל פאַרגרייזטע וואַריאַנטן, ביז זיי זיינען אויף אַן אָפּגעקליבענעם און סיסטעמאַטישן אופן צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אַן איינהייטלעכן נוסח — דער סידור.

דער סידור, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין זיין איצטיקער פאָרם, איז אין אַ געוויסן זין די לעבנס־באַשרייבונג פונעם יידישן פאָלק. יעדער דור האָט פאַרזיגלט אין אים זיין טרער און זיין געוויין. פאַרשידענע צייטן און קלימאַטן האָבן אַרויפגעלייגט אויף אים זייער שטעמפּל: חורבן ירושלים, קידוש השם, שחיטות און רדיפות, אַ הונגער אין שטאָט, אַ מגפה, אַ גזירה רעה, אַ גוטע בשורה, טעג פון האָפענונג — די אַלע תקופות, רייך אין געשעענישן און פול מיט אויפטרייסלונגען, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אים. זיינע בלעטער האָבן איינגעזאַפּט די טרערן פון טאַטע־מאַמע, חתן־כלה, קינד און קייט. ס׳זיינען אויפגעשטאַנען דיכטער און ליריקער מיט הערצער אָפענע, און זיי האָבן פאַרנומען דאָס שטומע געשריי פון זייער פאָלק. מיט ווערטער־רמזים, אין וועלכע דאָס נישט דערזאָגטע איז מער ווי דאָס דערזאָגטע, האָבן זיי געגעבן אַן אויסדרוק צו זייער געפיל. אזוי האָט געזונגען אמיתי דער זון פון שפטיה:

ס׳ברויזט אויף דאָס האַרץ אין מיר, ווען איך דערמאָן מיין גאָט,
כ׳זע אויפגעריכט און שטאָלץ און רייך איז יעדע שטאָט;

נאָר דײַן שטאָט ליגט אין אָפּגרונט טיף, אין טיפן שטויב,
און דאָך, אויף דיר נאָך קוק איך אויס און האָף און גלויב.

דו, באַרעמהאַרציקייט, נעם דו פֿאַר אונדז זיך אָן,
נעם אונדזער תּפֿילה, טראָג זי צו דײַן בוראס טראָן:
בעט רחמים פֿאַר דײַן פֿאָלק ישׂראל, בעט, ווײַל קראַנק
איז יעדן אײנעמס האַרץ, פֿאַרפֿינצטערט דער געדאַנק.

איך בוי אויף דרײַצן גוטע ווערטער פֿון גענאָד,
אויף טרערן, וואָס קײן טויער שליסט ניט אויס פֿון גאָט.
פֿאַר אים, וואָס ווייסט מײַן האַרץ, טוט גיסן זיך מײַן ווײ,
געשטיצט, געזיכערט אויף זכות אבֿות און אויף זײ.

דער, וואָס פֿאַרנעמט געוויין פֿון הימלס העכסטער הויך,
אין טרערן לאָגל טו אַרײַן די טרערן אויך.
באַשיץ פֿון בייזע גזירות אונדז, פֿאַרהיט פֿון צער —
ווײַל דו אַלײן ביסט אונדזער האָפֿענונג, אונדזער האַר. [32]

און בריה דרבינא האָט מתפּלל געווען:

„גאָט, מײַנער!
היט אָפּ מײַן צונג פֿון שלעכטס
און מײַנע ליפּן פֿון רײדן פֿאַלשקייטן."

אויך ר' סעדיה האָט מתפּלל געווען. מאָרגן גלי, די זון האָט זיך אין אַ פּורפּור־מאַנטל צעצונדן אויף דעם הימל־געוועלב. אַ יונגער טאָג שטײט אין דרויסן און באָדט זיך אין גרינס, אין זון און בלוי. דער שעפּער פֿון אַלע באַשעפֿענישן זיצט אויף זײַן כּסא הכּבֿוד און פֿירט אָן אַלץ און אַלעמען:

„אין מאָרגן פֿרי מאַכט ער שײַנען די זון
און אין אָוונט — די לבֿנה,
דעם זומער פֿירט ער אַוועק,
און דעם ווינטער ברענגט ער אַרײַן.
די הונגעריקע מאַכט ער זאַט,
און די דורשטיקע שטילט ער זײער דאָרשט.
די שטומע מאַכט ער זינגען,

און די נויטבאַדערפטיקע גיט ער מיט אַ פולער מאָס.
אין יעדער שעה פון אומגליק איז ער דאָ:
צו די רודערער אין די הויכע וואַסערן אין די שיפלעך,
צו די בלאָנדזשענדיקע אין מדבר, אין וועגן וויסטע,
צו די אין קייטן געשמידטע אין די תפיסות,
און צו די, וואָס קאָרטשען זיך אין יסורים אויפן טויטן־בעט.
צו די וואָס שלעפן זיך מידע, פון פאַרפאָלגער געפּלאָגט,
צו די איינגעוואָגדערטע און גרים אין נישט זייער לאַנד,
צו די וואָס וואָכן איבער די טרויבן אין זייערע ווייַנגערטנער,
ווען טוי און רעגן פאַרהאַלטן זיך,
צו דער הינדין וואָס לעכצט נאָך אַ וואַסער־קוואַל.״

קרעפטיק איז די דאָזיקע תפילה — געשריבן אין תהלים סטיל — פול מיט פּאַעטישן פּאַטאָס און השתפכות הנפש. דער בורא עולם נעמט ארום מיט זיין רחמנות דעם גאַנצן באַשאַף. דער דיכטער שטייט אין שטילער שטייגנ־דיקער באַגייסטערונג פאַר דער פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך אויף פאַר זיינע אויגן מיט איר חן און צויבער. ס׳איז נישט קיין טויטע מאַטעריע. אומעטום שלאָגט חיות. טאָג ווערט געבוירן אין פרייד און אין צער. די נאַטור פאַר־שטעלט נישט פאַר אים דעם נידערגעשלאָגענעם און הילפלאָזן, דעם חולה מסוכן, וואָס וואַרפט זיך אַ גאַנצע נאַכט פון איין זייט אויף דער צווייטער און דערוואַרט מיט שפּאַנונג דעם מאָרגן אפשר וועט קומען אַ דערלייכטערונג, די הילף. ווי שיין איז די וועלט! אָבער אונטער דעם מאַנטל זעט ער דעם מענטש, וואָס קעמפט מיט די ברויזנדיקע כוואַליעס אינמיטן די ימען און רודערט צו אַ ברעג, יבשה, ערד. אויך די פאַרחלשטע הינדין ביי דעם גע־גאַרטן וואַסער אין דעם פאַרשרפעטן מדבר. מענטש און בהמה שטייען אַקעגן דער אויפגייענדיקער זון, איטלעכער מיט זיין שטומער פרייד און לייד, איטלעכער מיט זיין שטילן וואונטש און פרומען באַגער. אַ קאָסמיש־פּאַנטעאיסטישער מאָטיוו, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ מיט אַ הייליקן ציטער, איז דער תוך פון דער דאָזיקער תפילה.

ר׳ סעדיהס פּאָעטישע און פּראָזאישע תפילות זיינען אַ געוועב פון ליריק און פילאָזאָפישער מעדיטאַציע. אָבער נאָר דאָרטן, וואו דער דיכטער שלאָגט אָן אַ סוביעקטיוון אָדער נאַציאָנאַלן טאָן, ווערט ער אונדז נאָענט־אינטים. זיין סטיל ווערט ווייכער, באַהויכט מיט רואיקייט און פשטות. די שפּראַך ווערט ריטמיש, לייכט און מוזיקאַליש. אין זיין פּאָעמע „די

תוכחה", אין וועלכער דער פילאָזאָפישער עלעמענט איז צונויפגעפלאָכטן מיט עמאָציאָנעלן נשמה־איבערלעב, וויקלט אויף פאַר אונדז דער גאון אַ שטיק לעבן: דער מענטש, זיינע קליינע זאָרגן און גרויסע ליידנשאַפטן. די בילדער זיינען מאָלעריש, פולבלוטיק, מעטאַפאָריש־שאַרף, דער סטיל — מצומצמדיק, די באַאָבאַכטונג — טיף, די שפּראַך — בונטיק מיט דער גאַנצער אָרנאַמענטיק פונעם תנ"ך:

אויב לויט דיין בחירה, מיין גאָט, אין דעם אָרעמען מענטשן —
איז ער גרויס און דערהויבן, און וואָס איז צו זוכן חסרונות?
אויב אָבער לויט זיין געבוי און געוועב — אַ ליימענער שאַרבן,
קוואַלן פון בלוט און פון ליחות, אַ וואוינפּלאַץ פאַר ווערים.
... זיין איטלעכער טריט אין דער וועלט פאַלט אויף שטעכיקע דערנער,
ער שפּאַנט יעדן טאָג פון זיין נישטיקן לעבן אויף נעצן;
... וויסט נישט פון מנוחה ביינאַכט, ווייל זיין טאָג איז בלויז שנאה און ווייטיק,
די וועלט איז אים ווייניק, ווען קאַרגע פיר איילן וואָלטן קלעקן —
וואָלט ער געדענקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַרן בורא!

... זוכט זיין גאַנץ לעבן צו וויסן — דאָס וויסן איז ווייט פון אים אָבער,
דאַרום אין זיין האַרץ פול מיט פחד און טרויער און ווייטיק!
ס'לעשן זיך אַלע געדאַנקען, ווען פּלוצים דאָס אומגליק באַפאַלט אים:
צו וויסן, וואָס מאָרגן וועט טרעפן — פון אים איז פאַרהוילן,
וואָלט ער געדענקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַרן בורא!

.... איז גלייך צו אַ פעלד אַ פאַרטריקנט, אויב קינדערלאָז איז ער אין לעבן,
ער וויינט און גיסט טרערן צום הימל אין תפילה פאַר קינדער.
ס'רוב קינדער זיי זיינען אַ צער גאָר; וועלכע פון שווערד טוען פאַלן
און וועלכע פון קראַנקהייט —אומזיסט גאָר זיין מי און די פּלאָגן!
האָט מורא: דער זון וועט אוועקגיין אויף שלעכטע, אויף זינדיקע וועגן,
די טאָכטער — פאַרשוועכט פון איר ריינקייט, אויף לייטיש געלעכטער.
וואַקסן זיי אויס — האָט ער צער, ער פאַרשטייט נישט די אייגענע קינדער —
וואָלט ער געדענקט דאָס, געשעמט זיך, געהאַלטן זיך קליין פאַרן בורא!
ווען עמיץ וואָלט אים אָנגעזאָגט אין יוגנט, אַז ער וועט זיך עלטערן,

וואָלט ער געפּרייט זיך זייער שטאַרק, וואָס ס׳וועט זיין וואונטש מקוים;
דערגרייכט ער צום פאַרהאַפטן טאָג און איז נאָך ביי די כוחות,
דאַן קומען ערשט די שלעכטע טעג און יאָרן אָן שום האָפענונג.
די וועכטער פון זיין בנין זיינען שוואַך, זיינע חיילות צעטרייסלט,
די מאָלערס זיינען שלעכט און ווינציק, זיינע קוקערס — טונקל,
ער שרעקט זיך פאַרן פויגלס קול, און ס׳ציטערן די ליפּן —
יואָלט ער געהאַפט צו גאָט — וואָלט ער אים נישט פאַרלאָזן אויף
דער עלטער.[33]

אין דער הקדמה צו זיין סידור דערקלערט ר׳ סעדיה, אַז צוויי מאָמענטן האָבן אים באַווירקט צו סיסטעמאַטיזירן און פאַראייניטלעכן דעם נוסח התפילה. ווייל אין די אַלע לענדער, אין וועלכע ס׳איז אים אויסגעקומען צו וואַנדערן, הערשט אין דאַוונען אַ פולשטענדיקער כאַאָס. יעדע קהילה האָט זיך איר דרך. דער שליח ציבור — זייענדיק על פי רוב נישט באַ־האַוונט אין דער כוונה פון דער תפילה, נישט ווויסנדיק איר היסטאָרישע אַנטוויקלונג און צוליב וואָסער צוועק מע האָט זי מחבר געווען — איז זיך נוהג על דעת עצמו, קלייבט אַליין אויס וואָס אים געפעלט, דאָ איז ער מאריך און דאָרטן איז ער מקצר.

פון דער דאָזיקער הקדמה איז צו זען, אַז ר׳ סעדיה האָט געהאַט בדעה צו שפּינען אויך דורך די תפילות דעם גייסטיקן פאָדעם, וואָס זאָל פאַרבינדן די יידן אין אַלע תפוצות. אָפּשאַצנדיק דעם וויכטיקן באַטייט פון דער תפילה אינעם יידישן רעליגיעזן לעבן, האָט ער געוואָלט איינפירן איין נוסח. זאָל יעדער יחיד, וואו ער זאָל נישט מתפלל זיין, האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ פּרט אין דעם גרויסן כלל, וואָס הגם ער איז צעזייט און צעשפּרייט — איז ער דאָך אַן איינהייטלעכער קהל.

אין דעם סידור זיינען דאָ תפילות, אין וועלכע ס׳צאַפּלט אַ יידישע פאַרוואונדעטע נשמה. ער באַקלאָגט דעם חורבן ירושלים, דעם יאָך פון גלות, דאָס אומגליק פון נאַציאָנאַלער צעשפּליטערונג, און ער איז מתפלל אויף שיבת ציון:

זאָל זיין דיין ווילן פאַר דיר גאָט, אונדזער גאָט און דער גאָט פון אונדזערע עלטערן, עס זאָל זיין דאָס יאָר — וואָס קומט אויף אונדז און אויף דיין פאָלק, דאָס הויזגעזינד פון ישראל — אַ סוף צו אונדזער געפאַנגענשאַפט, און אַ פאַרפולונג פון אונדזער טרויער, און אַ גוט לעצט צו אונדזער פּיין און קלאָג. ווייל די צייט פון אונדזער קנעכטשאַפט איז

געוועז לאַנג, און דער יאָך פון גלות איז געוועז שווער. מיט יעדן טאָג ווערן מיר פאַרצערט, מיט דער פאַרמערונג פון יאָרן — ווערן מיר פאַר־מינערט, און מיט דעם לויף פון צייטן — ווערן מיר פאַרלענדט. נישטאָ ווער ס׳זאָל אונדז פאַר דער האַנט אָננעמען און אונדז דעם וועג ווייזן, ווי דו האָסט אונדז פאָראויסגעזאָגט: „ווער וועט זיך דערבאַרעמען אויף דיר, ירושלים, און ווער וועט דיך באַדויערן, און ווער וועט זיך אָפּקערן צו פרעגן דיך אויף פריד?" נישטאָ ווער ס׳זאָל צאַמען די צאַם און ווער ס׳זאָל זיך איינשטעלן פאַר אונדז אין דעם בראָך. אָן אַ נביא און אָן אַ חוזה זיינען מיר פאַרבליבן. און נישטאָ ווער ס׳זאָל דיין נאָמען מיט אמתדיקייט רופן, און זיין האַרץ זאָל זיך פאַרטרויען אויף דיר. ווייל מיר אַלע ווי שאָף בלאָנדזשען. יעדער מענטש — צו זיין שלעכטן וועג געקערט, איטלעכער נאָך זיין אייגנגוץ געגאַנגען, נאָך די גלוס־טעגישן פון זיין בייזן האַרץ. נישט גענוג זיינען געוועזן די זינד פון אונדזערע עלטערן, האָבן מיר צו זיי נאָך נייע צוגעגעבן. נישט בעסער זיינען מיר געוואָרן נאָך די אַלע פורעניותן, וואָס זיינען באַפאַלן אונדז, און מיר האָבן נישט תשובה געטאָן נאָך די אַלע וואָרענונגען וואָס דו האָסט געוואָרנט אונדז.

און דו גאָט, האָסט באַשלאָסן אונדז צו לייטערן פון די פסולת, די צין אַראָפּוואַרפן, און פון אונדזער גוף די טומאה רייניקן. דעריבער האָסטו אונדז אין גלות פאַרטריבן און צווישן די פעלקער צעזייט. אין דעם רויש פון די גוישע וואַסערן זיינען מיר געזונקען, אַזוי ווי זילבער אין אַ פייערדיקן שמעלץ־טיגל זיינען מיר געשמאָלצן געוואָרן. געטריבן זיינען מיר געוואָרן ווי די מעקענע פון די בערג און ווי אַ ווינד האָבן אונדז די זינד געיאָגט. און נישט צוליב דיין קורצער האַנט האָסטו אונדז נישט דיין ישועה געשיקט, נישט צוליב דער שווערקייט פון דיין געהער האָסטו די תפילה אונדזערע נישט דערהערט, נאָר ווייל די זינד אונדזערע האָבן אַ מחיצה געשטעלט צווישן אונדז און דיין הילף. גערעכט ביסטו גאָט און אַלץ וואָס דו טוסט — איז מיט רעכטפאַרטיקייט, און די זינדיקע זיינען מיר.

און אַצינד, דו גאָט, ישראלס באַפרייער און זיין הייליקטום, צי וועט דיין צאָרן אויף אייביק טאָן גרימען? און וועסטו דורות־לאַנג דיין כעס אָנהאַלטן?

באַהיט גאָט! דו וועסט אונדז נישט פאַרשטויסן אויף אייביק און וועסט נישט אָפּטאָן פון אונדז דיין גנאָד. ווייל דיין חסד האָט זיך נישט אויס־

געשעפט און דיין לייטזעליקייט האָט ניט אויפגעהערט; וואָרום טאָג איין טאָג אויס באַנייען זיי זיך, אין יעדער צייט און אין יעדער מינוט. צוליב דיינעטוועגן, גאָט, ווייז אונדז אַרויס אַ צייכן פון גוטס, וואָרום די האָפענונג פון אַלעמען ביסטו. פאַרגעס ניט דיין בונד מיט אונדזערע אבות, אברהם יצחק און יעקב; אַ טאַטע אין הימל! אין זכות פון דיין תורה און אירע לומדים, וואָס זיינען פאַרמינערט געוואָרן און נידער־שלאָגן, צו וועמען דו האָסט דיין הבטחה געגעבן, אַז זי וועט נישט פאַר־פאַרגעסן ווערן פון אונדזער זאָמען, און דיינע רייד וועלן נישט אָפּגעטאָן ווערן פון זייערע מיילער; צוליב דיין פאָלק און דיין הארב, וואָס זיינען געבליבן אַ שארית הפליטה, ווי אַ זעגלבוים אויפן שפּיץ באַרג און ווי אַ פאָן אויף אַ קליין בערגל; און צוליב ירושלים, די הייליקע שטאָט, וואָס דער גאַנצער גלאַנץ איז פאַרשוואונדן פון איר, און צוליב אונדזער פראַכטפולן בית המקדש וואָס איז מיט רויך אַוועק, מיט אַלע קאָסטבאַרע חפצים וואָס זיינען חרוב געוואָרן; אָ, זע, מיר בעטן דיך, ווי אָפּהענ־טיק מיר שטייען: אָן הילף און אָן מאַכט. נון, איז די ריכטיקע צייט צו שיקן אונדז די ישועה; ס'זאָל זיך אַרויסווייזן דיין לייטזעליקייט און גנאָד, ווייל מיר האָבן נישט קיין מעשים און די גאָטספאַרכטיקע זיינען פאַרשוואונדן פון דער ערד. זאָל דיין דערבאַרעמקייט זיך דער־היצן און דיינע חסדים זאָלן אונדז אַנטקעגנקומען, און זאָל דיין רחמנות שטילן דעם צאָרן, און דיין גרויס גוטסקייט זאָל אָפּקערן דיין גרימ־צאָרן פון דיין פאָלק ישראל — דיין הארב; אָ, העלף אונדז גאָט, אונדזער העלפער, קלייב אונדז צונויף פון צווישן די פעלקער, מיר זאָלן קאָנען אַכפערן אין לויבן דיין הייליקן נאָמען און זיך רימען אין דיין לויב.

— סידור לרס"ג, ע"ז — פי

דעם נוסח פון די תפילות האָט דער גאון צונויפגעשטעלט נאָך אַ באַשטימטן לאָגישן פּלאַן. ער איז מקפיד, אַז מ'זאָל נישט אויסלאָזן די אַדער יענע ברכות פון אַלגעמיין־מענטשלעכן כאַראַקטער מיט נאַציאָנאַלע וואונטשן. דערפאַר געפינען מיר אַ מערקווירדיקע שטעל אין די דיני התפילה, וואָס ער האָט צוגעגעבן צו זיין סידור:

„דער וואָס האָט אויסגעלאָזט די ברכה „אַ ניי ליכט זאָלסטו אָנצינדן אויף ציון" מיט דעם זאָץ „געלויבט ביסטו וואָס שאַפסט ליכט"

— בלאָנדזשעט ער און באַגייט אַ פעלער, ווייל די חכמים האָבן מתקן געווען די דאָזיקע ברכה נישט פאַר דער ליכטיקייט פון לעתיד לבוא אין משיח־צייטן נאָר פאַר דער ליכט פון טאָג. און דער וואָס גיט צו צו דער תפילת גשם „און דו זאָלסט ברענגען פאַר דיין פאָלק ישראל אַ יאָר פון דערלייזונג און הילף" — ברענגט נאָר שאָדן, ווייל ער ווענדט אָפּ די תפילה פאַר פרנסה אויף גאולה און די דערמאָנונג פונעם יאָר וועט זיין בלויז אַ צושטשעפעניש."

דאָס ארויסוואַרפן די ווערטער „אַ ניי ליכט זאָלסטו אָנצינדן אויף ציון" האָט ארויסגערופן אַ שטורעם אין אַ טייל קהלות. רבנים פון יענער תקופה און אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן אים נישט געפאָלגט. אפילו אין די ישיבות פון סורא און פומבדיתא האָט מען ווייטער געדאַווענט נאָכן אָנגענומענעם נוסח. נאַטירלעך איז דער גאון נישט געווען קיין שונא־ציון. זיין קעגנערשאַפט איז בלויז כדי זיך אָפּהיטן פון אַ ברכה לבטלה. מ'דאַרף, לויט זיין מיינונג, נישט פאַרמישן די יוצרות, פאַרפלאָנטערן דעם רשות היחיד מיטן רשות הרבים. וואונטשן פון פערזענלעכן טאָג־טעגלעכן כאַראַקטער, ווי געזונט און פרנסה, טאָרן נישט ווערן אויסגעדריקט בנשימה אחת מיט תפילות פון אַלגעמיין מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן תוך.

ר' סעדיה איז אויפן געביט פון דער ליטורגיע נישט געווען דער ערשטער. מיט אַ פופציק יאָר פאַר אים, אינעם צווייטן העלפט פון נייַנטן יאָרהונדערט, האָט ר' עמרם בן שישנאָ, אַ באַרימטער גאון אין בבל, צו־נויפגעקליבן אַלע תפילות אין איין סידור. ווי ער דערציילט, האָט זיך געהאָט געווענדט צו אים אַ רייכער ייד פון שפּאַניע מיט דער דאָזיקער בקשה. ר' עמרמס סדר התפילות איז געוואָרן באַקאַנט כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, הגם ר' סעדיהס ווערק איז קינסטלעריש מער שלימותדיק. ס'איז קיין ספק נישט אַז די פּאָפּולאַריטעט פון ר' עמרמס סידור נעמט זיך דער־פון וואָס ער האָט פריער דערגרייכט די יידישע קהלות. צו יענער צייט איז אַ ספר געווען אַ לוקסוס און דאָס קאָפּירן איז געווען אַ קאָמפּליצירטע און שווערע אַרבעט. ר' סעדיהס סידור[34] האָט זיך באַוויזן ערשט שפּעטער און דער אַראַבישער פירוש אויף די תפילות האָט אים פּאָפּולער געמאַכט אין די מזרח לענדער.

ק אַ פּ י ט ל ע ל ף

זיך איבערגעבעטן

דער נייער שטורעם אין סורא. — שלום צווישן גאון און דעם עקסילאַרך. — דויד בן זכאיס טויט. — ר׳ סעדיהס פּאַטערלעכקייט און ליבשאַפט צום זון פונעם נפטר. — דער לעצטער צווייג פון בית דויד.

דינא דמלכותא דינא, — מלכות האָט ארויסגעגעבן דעם פּסק־דין איז פאַרפאַלן. ווער וועט עס מעיז זיין קעגן דעם מושל? ר׳ סעדיה איז אַנטלאָפן און ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זיין אַמט. אפשר האָט ער אויפגעגעבן דעם געדאַנק זיך אומצוקערן קיין סורא? אָבער זיינע פריינט און אָנהענגער האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן און געדענקען. זיי האָבן נישט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דער גאון זאָל כל ימיו ליגן אין חרם. און פאַרוואָס? פאַרוועגן? ניין, לגבי דעם גדול הדור איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה, און מ׳מוז אים פאַרגיטיקן. אויב נישט היינט איז מאָרגן. די גערעכטיקייט מוז זיגן.

אזוי האָט ר׳ סעדיה איבערגעלעבט פיר יאָר אין גלות. איינמאָל איז זיך פאַרלאָפן אַזאַ מעשה: צוויי יידן — איינער האָט גאָרנישט געשטאַמט פון בבל — זיינען געווען פאַרוויקלט אין משפט. דער פרעמדער, וועלכער איז נישט ארונטערגעפאַלן אונטער דער יוריסדיקציע פון ריש גלותא, האָט אויסגעוויילט פאַר זיין בורר ר׳ סעדיהן, און דער אַנדערער ייד — דעם עקסילארך. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן דוד בן זכאין. ער האָט געשיקט זיינע משרתים, צו פועלן, אַז יענער זאָל זיך אָפּזאָגן פון ר׳ סעדיה ווי אַ בורר. דער פרעמדער איז אָבער באַשטאַנען אויף זיין רעכט. דערפאַר האָבן אים די קנעכט פון עקסילארך גוט צעמזיקט. דער געשלאָגענער איז געקומען אין צעריסענע בגדים, ווי אַן אבל, און האָט זיך באַקלאָגט פאַר דער גאַנצער קהילה.

די דאָזיקע נבלה האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די אַנוועזנ־דיקע: דער ריש גלותא האָט איבערגעכאַפּט די מאָס! מע האָט זיך אַרומגעזען, אַז די מחלוקת האָט אָנגענומען ערנסטע און שענדלעכע פאַרמען. מ'טאָר ווייטער דאָס נישט דערלאָזן, ווייל דאָס פייער וועט זיך צעפלאַקערן און קאָן חלילה פאַרצערן די שארית ישראל. עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אין הויז פון בישר בן אהרן, דער שוויגער־פאָטער פון כלף בן שרגאדו. מען האָט מיט אים אַריינגעטענהט:

— נעם די זאַך אין דער האַנט אריין, מיר וועלן דיר העלפן. אפשר וועסטו דערגיין צו אַ שטיקל אויסגלייך.

בישר בן אהרן האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות ברענגען צו שלום־בית. ער האָט זיך געווענדט צום עקסילאַרך כהאי לישנא:

„וואָס האָסטו געטאָן און ווי לאַנג ווילסטו, אַז דער רוגז זאָל אָנ־גיין און די מחלוקת זאָל פלאַקערן? האָב מורא פארן רבונו של עולם, צי זיך צוריק פון דער דאָזיקער מחלוקת. דו ווייסט דאָך צו וואָס מחלוקת קאָן ברענגען."

דער ריש גלותא איז איינגעגאַנגען. מעגלעך, אַז ס'האָט אים געפּייניקט דאָס געוויסן פאַר זיין האַנדלונג. ס'זיינען געווען אויך אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס ער האָט געמוזט — ווילנדיק צו נישט ווילנדיק — נעמען אין באַ־טראַכט: די ישיבה אין סורא איז אַראָפּ פון איר גדולה. די צאָל תלמידים האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. די שטים פון דער תורה איז אַנטשוויגן גע־וואָרן. דעריבער האָט דער ריש גלותא געוואָלט זיך איבערבעטן און אומ־קערן צוריק דעם גאון אויף זיין פּאָסטן. ס'האָט אים אָבער אויסגעפעלט מאָראַלישער מוט זיך צו דערנידעריקן און בפני עם ועדה מודה זיין, אַז דער גאון איז געווען גערעכט. ער האָט געוואַרט אויף פּאַסנדיקער געלעגנ־הייט, און ווען די דאָזיקע געלעגנהייט האָט זיך אים אונטערגערוקט, האָט ער זיך נישט געקווענקלט אויף אַ ווייל און דער שלום־בית איז צושטאַנד־געקומען.

אַ נצחון־צוג איז געווען דער וועג פון ר' סעדיה קיין סורא. קינד און קייט, מיט דוד בן זכאי בראש, זיינען אַרויסגעגאַנגען אים מקבל פנים זיין. מ'האָט אים באַגעגנט מיט טענץ און פויקן. גראָד איז דעמאָלט אויס־געפאַלן פורים און לכבוד דעם גאַסט האָט מען געפייערט דעם יום־טוב

דריי טעג נאָכאַנאַנד. רירנדיק איז געווען דער מאָמענט, ווען די בײדע פאַרביסענע קעגנער זיינען געשטאַנען פּנים אל פּנים. דער גאַנצער עולם איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. פּלוצלונג האָבן זיי אויסגעשטרעקט די הענט, זיך צעקושט און געבעטן איינער ביים צווייטן מחילה. אַלעמענס אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. אומזיסט־אומנישט איז ר׳ סעדיה פאַר־שטויסן געוואָרן פון זיין אָרט. ס׳איז געווען דער פאַרלאַנג אים צו מאַכן פאַרגעסן די ביטערע טעג. באַזונדערס האָט עס געפילט דער עקסילאַרך. ווי אזוי וועט ער פאַרריכטן די עוולה? די צייט קאָן אפשר פאַרהיילן די וואונדן, אָבער ס׳האַרץ איז פול מיט חרטה. איצט, ביי זיין אַנקום, האָט יעדער איינער געוואָלט האָבן דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן, אַז דער גאון זאָל דעם יום־טוב זיין ביי זיין טיש. מ׳האָט געוואָרפן גורל, און ס׳איז געפאַלן, אַז ר׳ סעדיה זאָל זיין דער גאַסט פון עקסילאַרך.

זייער שנעל האָט זיך פאַרשפרייט די ידיעה, אַז ס׳איז געקומען צו אַ שלום צווישן גאון און דוד בן זכאי. די גאַנצע שטאָט איז געווען ששון ושמחהדיק צוליב דער גרויסער געשעעניש. ס׳איז געווען דער גלויבן, אַז דאָס יידישע סורא וועט זיך אומקערן צו זיין אַמאָליקן גלאַנץ.

אינצווישן איז דוד בן זכאי נפטר געוואָרן. דער גאון האָט אויס־געאיבט זיין גאַנצע השפעה, אַז יהודה — דער זון פון עקסילאַרך — זאָל ירשנען דאָס אָרט פונעם נפטר. ר׳ סעדיה האָט פאַרגעסן די אַלע באַ־ליידיקונגען, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין פון יהודהן. דער טויט האָט פאַרדעקט, ווי מיט אַ טוך, דעם פיינלעכן אינצידענט. און אזוי איז טאַקע געשען: יהודה איז געוואָרן דער ריש גלותא. אָבער מער ווי פיר חדשים איז ער נישט געזעסן אויף זיין פאָטערס שטול. ער איז פּלוצלונג שלאָף געוואָרן און אויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ יינגל אינעם עלטער פון צוועלף יאָר.

ר׳ סעדיה האָט אריינגענומען צו זיך דעם יתום און אים געהאַלטן ווי אַן אייגענעם זון. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין דערציאונג, אים גע־לערנט תורה, חכמה און דרך ארץ. ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט אים מדריך זיין אין מצוות און מעשים טובים, אין ערלעכקייט און פרומקייט, און ווען זיין תלמיד וועט רייף ווערן און איבערנעמען דעם אַמט פון ריש גלותא, וועט ער הערשן מיט גערעכטיקייט, און לעבן אין פשטות און פרומקייט. אָבער מסתם איז נישט געווען באַשערט. שלעכטע מוסולמענער, נישט־פאַרגינער, האָבן נישט געקאָנט צוזען, ווי ס׳וואַקסט דער לעצטער

זיך איבערגעבעטן

צווייג פון ישיס הויז. איינמאָל זיינען זיי באַפאַלן דאָס יינגל און האָבן אים דער־הרגעט. אזוי איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעצטער פונק פון ריש גלותא, וואָס האָט צייטנווייז געברענט העל און צייטנווייז געטליעט, קרוב צו זיבן הונדערט יאָר. דעם גאַנצנס חלום איז צערונען געוואָרן.

ק אַ פּ י ט ל צ ו ו ע ל ף

פּערציק יאָר אַרבעט

זיינע ווערק. — די אַראַבישע איבערזעצונג פונעם תנ״ך. — ר׳ סעדיהס מעטאָד. — די השפּעה כלפּי חוץ און כלפּי פּנים

פערציק יאָר האָט ר׳ סעדיה אַקטיוו געווירקט אינעם יידישן רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין משך פון דער צייט איז זיין טאַלאַנט געוואַקסן, רייף געוואָרן און זיין ליטעראַרישע שעפערישקייט האָט ארומגענומען אַלע צווייגן פון דעם יידישן געדאַנק. נישט אַלע זיינע ווערק זיינען צו אונדז דערגאַנגען. ס׳רוב איז פאַרלוירן אין געווירבל פון צייטן. פון זיינע איבער־געבליבענע ספרים איז צוזען, אַז דער גאון האָט זיך באַשעפטיקט מיט פילאָזאָפיע, פילאָלאָגיע, פּאָעזיע, תלמודישער הלכה, אסטראָנאָמיע און איבער־זעצונגען. אַן אומגעהויערע ענערגיע און וויסן האָט ר׳ סעדיה אריינגעטאָן אין דער אַראַבישער איבערזעצונג פון תנ״ך. די דאָזיקע ארבעט האָט ער אָנגעהויבן אין מצרים און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איר יאָרן־לאַנג.

די איבערזעצער פון די כתבי הקודש אין גריכיש און רוימיש האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן יעדן קאָנקרעטן אויסדרוק. זיי האָבן פאַרגייסטיקט אַלע פסוקים, וואו ס׳איז דאָ דער מינדסטער אנטראָפּאָמאָרפישער רמז, למשל: „און זיי האָבן געהערט דאָס קול פון גאָט דעם האַר, ווי ער גייט ארום אין גאָרטן”, „און גאָט האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד און ער איז געווען באַקימערט אין זיין האַרצן.” זיי האָבן אָפט מוותר געווען אויף דער מעלאָדישקייט, דעם ריטם און דעם פּאָעטישן מעטאַפאָר פון פסוק, כדי אויסצומיידן דעם קאָנקרעטן אויסדרוק.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה טאָמער וועט וועלן עמיצער צושרייבן צום רבונו של עולם אַ מענטשלעך געשטאַלט אין קעגנ־זאַץ צו דער אויסגעלייטערטער יידישער אמונה, אַז „דער שעפער געלויבט זאָל ער זיין, איז נישט קיין גוף, מ׳קאָן אים נישט פאַרגלייכן צו קיין פאַר־

שטעלונג פון אַ גוף און ער האָט ,נישט קיין שום ענלעכקייט.״ זיי האָבן אויך מקפּיד געווען נישט צו פּאַרטונקלען מיט עפּעס דעם כבוד פון די אבות. דעריבער אנשטאָט דעם אויסדרוק: „און יעקב האָט געגנבעט דאָס הארץ פון לבן ארמי מיט וואָס ער האָט אים נישט געלאָזט מערקן, אַז ער אַנטלויפט״, האָבן זיי איבערגעזעצט: „און יעקב האָט אַנטוישט דאָס האַרץ פון לבן ארמי מיט וואָס ער האָט אים נישט געלאָזט מערקן, אַז ער גייט אַוועק.״

אויך ר׳ סעדיה גייט נאָך דער דאָזיקער שיטה. ער איז פּאַרזיכטיק נישט צו באַנוצן אַ קאָנקרעטן אויסדרוק. דעם פּסוק „לאָמיר מאַכן אַ מענטש אין אונדזער געשטאַלט נאָך אונדזער גלייכעניש״, טייטשט ער אײַן אין גייסטיקן זין:

„דער מענטש דאַרף זיך נעמען פאַר אַ מוסטער דעם רבונו של עולם. נאָכדעם ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, הימלען, וואַסערן, ביימער, גראָזן, ליכט, שטערן, פיש, קאַראַקאַדילן, עופות און שרצים, האָט ער באַשאַפן דעם מענטש וועלכער דאַרף זיך גלייכן צו גאָט. פּונקט ווי הקדוש ברוך הוא שטעלט צו ברויט פאַר יעדן באַשעפעניש, פונקט אַזוי דאַרף דער מענטש שפּייזן זיינע בני בית, באַדינער און בהמות. און פּונקט אַזוי ווי דער בורא האָט באַשאַפן די וועלט, די יסודות פון דער ערד, אויסגעשפּרייט די הימלען און צונויפגעזאַמלט די וואַסערן, פּונקט אַזוי דאַרף דער מענטש בויען און שאַפן, לייגן באַלקנס, זייען און שניידן, אַקערן און פלאַנצן און טאָן אַלץ מיט מי און מאַטערניש.״

ר׳ סעדיה האָט אין זיין תרגום אויסגעקליבן דעם דרך הפשט. ער זעצט נישט איבער יעדעס וואָרט באַזונדער, נאָר דעם אינהאַלט פון פּסוק און קאַפּיטל. אין די שטעלן, וואָס זיינען נישט גענוג קלאָר, דערלויבט ער זיך אריינברענגען שנויים. אַמאָל צעטיילט ער אַ פּסוק אין צווייען, שטעלט אַוועק דעם שפּעטערדיקן פאַר דעם פריערדיקן, אויב נאָר דער באַגריף ווערט דייטלעכער, ס׳טרעפט, אַז ער איז נישט מסכים מיטן אָנגענומענעם נקוד, נאָר ער פינטלט לויט זיין פאַרשטאַנד און פאַעטישן חוש, למשל:

כי מנעורי גדלני כאב. [35]

„פון מיין יוגנט אָן האָט ער מיך אויפגעהאָדעוועט ווי אַ פאָטער,״

זעצט ער איבער:

„פון מיין יונגט אָן האָט מיך אויפגעהאָדעוועט דער וויטיק.“

די מאָדיפיקאַציע איז: נישט כאָב, נאָר כאַב.

אָדער:

על בקעם הרות הגלעד למען הרחיב את גבולם.[36]
„פאַר זייער שפּאַלטן די טראָגענדיקע פון גלעד, כדי אויסצוברייטערן זייערע גרענעצן“,

טייטשט ער איין:

„פאַר זייער דעראָבערן די בערג פון גל'עד.“

די וואַריאַציע איז אַ קליינע: אַנשטאָט „הרות“ לייענט ר' סעדיה „הרי.“

„הוא ינהגנו על־מות.“[37]
„ער וועט אונדז פירן אייביק,“ אָדער לויט אַן אַנדער פּרוש: „ער וועט אונדז פירן איבער דעם טויט“ —

דערקלערט דער גאון:

„ער וועט אונדז אומקערן צו די טעג פון אונדזער יוגנט.“

די אַראַבישע איבערזעצונג איז אַ סינטעז פוןביידע גרונט־עלעמענטן אין דער מיטלאַלטער קולטור: ראַציאָנאַליזם פון איין זייט און אַ טיפער גלויבן אין דער טראַדיציע פון דער אַנדער זייט. ר' סעדיה האַלט, אַז די תורה און דער שכל קאָנען זיך נישט סותר זיין, ווייל ביידע שטאַמען דאָך פון גאָט. אויב אָבער דאָ און דאָרטן זיינען פאַראַן אין תנ"ך שטעלן, וואָס זיינען אין סתירה צום פאַרשטאַנד, דאַרף מען געפינען אַ וועג ווי אויסצו־גלייכן צווישן ביידע. למשל: „גאָט האָט געשלאָגן פרעה“, זעצט דער גאון איבער: „גאָט האָט אָפּגעשראָקן, געוואָרנט“, און נישט געפּלאָגט ממש, ווייל „פּלאָגן“ איז סותר אונדזער מאָראַליש געפיל: פרעה האָט דאָך נישט אויסגעפירט זיין מחשבה, פאַרוואָס זאָל ער ווערן באַשטראָפט?

אין דער הקדמה צום תרגום שטעלט זיך דער גאון אָפּ אויף דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַרשידענע טיילן אין תנ"ך און דער־קלערט די סיבה, וואָס האָט אים באַוואויגן צוצוטרעטן צו דער דאָזיקער אַרבעט:

„איך האָב מחבר געווען דאָס ספר אויף דער בקשה פון עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל פאַר זיי שרייבן אַ באַזונדערן פירוש צו די ווערטער פון דער תורה נאָכן פראָסטן פשט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער גראַמאַטיקאַלישער זייט פון דער שפּראַך, נישט אויף די לאָגישע מצוות און נישט אויף די טראַדיציאָנעלע, נאָר איך זאָל באַשיידן די ענינים פון דער תורה אַליין. און דעריבער האָב איך געטאָן מיין מלאכה נאָך מיין פאַרשטאַנד און דער מסורה.״

ווי אַ דערציער־פּעדאַגאָג, שטרייכט ר׳ סעדיה אונטער די סיסטעמאַטישקייט אין די דריי דערציערישע מעטאָדן, וואָס מיר געפינען אין דער תורה:

א. ווען מען זאָגט עמיצן: טו דאָס און נישט אַנדערש, נישט פאַרויסזאָגנדיק אים די שטראָף, מאָטיוו פון באַפעל און וואָרענונג. פאַרשטייט זיך, אַז דער מענטש וועט טאָן וואָס מ׳האָט אים געהייסן און אויסמיידן וואָס מ׳האָט אים פאַרווערט.

ב. ווען אינאיינעם מיטן באַפעל און דער וואָרענונג זאָגט מען עמיצן: טו דאָס און נישט אַנדערש ווייל אַ נישט וועסטו באַקומען דיין שטראָף, איז אָט דער וועג פון וואָרענונג פיל שאַרפער, ווייל דער מענטש ווייס די שטראָף וואָס דערוואַרט אים פאַר זיינע מעשים.

ג. נאָכדעם ווי מע האָט באַפוילן עמיצן צו טאָן דאָס און אויסמיידן עפּעס אַנדערש, האָט מען דערביי צוגעגעבן דעם שכר פון די, וואָס האָבן געפאָלגט און די שטראָף פון די ווידערשפּעניקע, — אָט דער־אָ וועג איז דער שטרענגסטער, ווייל ער באַצוועקט אָפּצושרעקן פון די שלעכטע מעשים, וואָס מענטשן האָבן געטאָן און זיינען באַשטראָפט געוואָרן, און צו ווייזן אויף די גוטע מעשים, וואָס מענטשן האָבן געטאָן און באַקומען זייער לוין.[38]

אין דעם אַריינפיר צום ספר „משלי״ אַנטפּלעקט דער גאון דעם אייביקן געראַנגל צווישן שכל און די חושים, יצר טוב און יצר הרע, און ער הזרט איבער, אַז דער בחיר היצורים קאָן ארויסרופן אין זיך דעם מאָראַלישן כח און זיך דערווייטערן פון אַן עבירה. דער מענטש דאַרף זיך באַזינען אײדער ער וויל עפּעס טאָן ווייל „אַן איינגעבראָכענע שטאָט אָן אַ מויער איז אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין אָפּהאַלט פאַר זיין געמיט.״

ר׳ סעדיה אַנאַליזירט דעם ספר „משלי״ מיט אַ ליטעראַרישן קריטעריום. ער טיילט איין די משלים אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַזוינע וואָס אַנטהאַלטן אַ מוסר השכל, און אַזוינע וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אויפן באַזיס פון לעבנס־דערפאַרונג: „צייטנווייז איז דאָ אינעם דאָזיקן ספר די מעשים פון גוטע מענטשן, כדי מיר זאָלן זיך באַמיען צו זיין ענלעך צו זיי מיט אונדזער ערלעכקייט און מעשים פון נבזהדיקע מענטשן, כדי מיר זאָלן זיין אָפּגעהיט פון זיי און זייער רשעות, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען.״

פון דעם תרגום איז צו זען, אַ ר׳ סעדיה האָט באַהערשט אַראַביש אין אַלע אירע ניואַנסן. ער איז דער מייסטער, וואָס קענט די פאָרם, מאָלט בילדער, איז דער האַר פון וואָרט, באַרייכערט דעם געדאַנק און ווערט אַליין באַרייכערט, טיפער. דער תרגום ווייזט אויך, אַז דער גאון איז געווען אַ בקי אין געאָגראַפיע, אַסטראָנאָמיע, געשיכטע, מעדיצין און באָטאַניק. דער ציל פון זיין ארבעט איז קודם כל געווען כלפי פנים: איבערגעבן די מזרח־יידן די ווערטן פון יידנטום אין אַ שפראַך, וואָס זיי פאַרשטייען. אָבער דער תרגום האָט געהאַט די געהעריקע השפעה אויך כלפי חוץ: דאָס ליכט פון ישראל האָט באַלויכטן די געצעלטן פון ישמעאל, און אומדירעקט האָט דער גאון דורכגעבראָכן אַ וועג צו אַ נייער עפּאָכע אין דער העברעאישער ליטעראַטור. דאָס איז די „גאָלדענע תקופה״ אין שפּאַניע, וואו ס׳איז געוואָרפן געוואָרן אַ בריק צווישן מזרח און מערב, און ס׳איז געלייגט געוואָרן דער ווינקל־שטיין פאַר דער באַטייליקונג פון יידן אין אַלע וויסנשאַפט־צווייגן פונעם מיטלאַלטער.

קאַפּיטל דרייצן

דערציילונגען און לעגענדעס

ר׳ סעדיה אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. — אַ מעשה מיט אַ רייכן סוחר און זיין משרת. — דער שווינדל. — ר׳ סעדיה׳ס איינפאַל.

אויך די לעגענדע האָט ארומגעוועבט ארום ר׳ סעדיה גאון פאַנטאַסטישע מעשהלעך, וואָס זיינען אפשר נישט באַזירט אויף היסטאָרישע פאַקטן, אָבער אין זיי קומט צום אויסדרוק די ליבשאַפט און דער יראת הכבוד פונעם פאָלק צו זיין גייסטיקן פירער. נאָר יחידי סגולה זיינען זוכה אריבערצוגיין די שוועל פון אָט דעם פאַנטאַסטישן היכל, וואו דאָס פאָלק שפינט די צויבער־מעשהלעך ארום זיינע העלדן. אויך אין די מעשהלעך וועגן ר׳ סעדיהן זיינען דאָ שטריכן, וואָס מאַכן פולער דאָס בילד זיינס:

א. דער שווינדל [39]

אין אַ שטאָט האָט אַ מאָל געלעבט אַ גרויסער סוחר. זיינע מסחרים האָבן דערגרייכט אַזש מעבר לים. איינמאָל האָט ער פאַרלאָזט זיין פרוי מיט זיין זון, איז אוועק מיטן משרת אין די מרחקים אריין און מיטגענומען מיט זיך זעקלעך־געלט, אבנים טובות און בריליאנטן. אין אַ יאָר ארום, — האָט דער סוחר געטראַכט, — וועל איך פאַרטיק ווערן מיט מיינע געשעפטן און כ׳וועל זיך אומקערן אַ היים צו ווייב־און־קינד. אָבער „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.״ מסתם איז אַזוי באַשערט. אינמיטן וועג איז ער פאַרשלאַפט געוואָרן און געשטאָרבן. היינט גיי וויס די דרכים פון רבונו של עולם!

דער משרת איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן נסיון. דער יצר הרע האָט אים אָנגערעדט: איצט האָסטו אַ געלעגנהייט צו ווערן שטיינרייך און פאַרגעסן דיין ביטערע דאָליע, גענוג זיך אָנגעמוטשעט אינעם לעבן! און כך הוה. די תאוה צו געלט האָט גובר געווען. דער משרת האָט אוועקגע־

רויבט דעם גאַנצן פאַרמעג פון זיין באַלעבאַס, חתונה געהאַט מיט אַ רייכער מיוחסדיקער פרוי, אָפּגעווישט די ליפּן — און שאַ, שטיל. קיינער האָט נישט אַ פּיפּס געטאָן. ווער וועט פון אים צונעמען דאָס רויב? מ׳קען אים נישט און מ׳ווייס אים נישט. פון זיין באַלעבאַס׳ שטאָט טיילן אים אָפּ גרויסע ימען.

„אָבער הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין זאַך זאָל נישט גיין פאַרלאָרן.״ ווען דער זון פונעם רייכן סוחר איז אונטערגעוואַקסן און האָט געהערט, וואָס איז געשען מיט זיין פאָטערס עשירות, האָט ער באַשלאָסן: יעבור עליו מה — ער מוז ארויסרייסן פון רויבער זיין גזלה. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אָפּגעדאַוונט, אָפּגעזאָגט תפלת הדרך, זיך געזעגנט מיט דער מוטער, פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע אַ טאָרבע, אין האַנט — אַ שטעקן, און זיך געלאָזט אויף די פאַרשטויבטע אומהיימלעכע שליאַכן. וואו געגעכטיקט, דאָרט נישט געטאָגט, וואו געטאָגט דאָרט נישט געגעכטיקט, ער איז אריבערגעפאָרן ימים און מדבריות ביז ער איז אָנגעקומען בשלום אין יענער מדינה, וואו דער געוועזענער משרת האָט געוואוינט.

דעם סוחרס זון האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דער משרת איז נתעלה לגדולה געוואָרן. ער זיצט אויבנאָן צווישן שרים און גדולים, היינט גיי הויב זיך אָן מיט מלכות! קיין עדות האָט ער נישט. מ׳קאָן אים נאָך פאַרמשפּטן צום טויט פאַר וועלן מאַכן אַ בלבול אויף איינעם פון די חשובע לייט. ווער וועט זיך אָננעמען פאַר אַן אָרעמן און אַ פרעמדן?

על פּי צופאַל איז ער איינגעשטאַנען אין ר׳ סעדיהס הויז. דער גאון האָט אים אויפגענומען בסבר פּנים יפות, געגרייט פאַר אים אַ טיש כיד המלך. אָבער דער גאַסט האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, אַפילו נישט טועם געווען פון די מאכלים, נאָר זיין פּנים איז געווען פאַרוואָלקנט. דער גאון האָט זיך שטאַרק מצער געווען: אַז גאָט האָט אים שוין יאָ אַמאָל צוגעשיקט אַזאַ מצוה פון הכנסת אורחים, איז דער אורח גאָר אַ ייד אַ מרה שחורה, נאָר זיצט אַן אָנגעכמאַרעטער, אַ וואָרט — מיט רענדלעך צוגלייך! דער גאון האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט ביז דער פרעמדער איז מרוצה געוואָרן און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

ר׳ סעדיה האָט אויסגעהערט דעם סיפּור המעשה און אים געעצה׳ט, אַז ער זאָל זיך אַוועקשטעלן לעבן קאַליפס פּאַלאַץ, און אַז דער הערשער וועט אַרויסגיין זאָל ער בעטן ביי אים הילף. דער אורח האָט אַזוי געטאָן.

איינמאָל ווען דער קאַליף האָט שפּאַצירט אין זיין גאָרטן איז דער פרעמדער צוגעפאַלן צו זיינע פיס און אויסגעשריען:

— טו מיט מיר חסד, גענעדיקער האַר, און ראַטעווע דיין קנעכט פון זיין באַרויבער!

דער קאַליף האָט אים אויסגעהערט פריינטלעך, אָבער ער איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט: ווי קאָן מען באַווייזן ווער עס איז גערעכט? מיטאַמאָל איז אים ליכטיק געוואָרן אין מוח. ער האָט געשיקט נאָך ר' סעדיהן, אַז ער זאָל דעם ענין גוט אויספאָרשן.

דער גאון האָט געהייסן ברענגען אַ ביין פונעם בר־מנגס קערפּער און אָפּצאַפּן אין איין קריגל אַביסל בלוט פונעם משרת, און אַן אַנדערן קריגל אַביסל בלוט פונעם סוחרס זון. דעם ביין האָט ער איינגעטונקט אין דעם בלוט פונעם משרת, — האָט דער ביין נישט איינגעזאַפּט דאָס בלוט, ווען מ'האָט אים איינגעטונקט אין צווייטן קריגל איז דאָס בלוט איינגעזאַפּט געוואָרן אינעם ביין, ווייל זיי זיינען פון איין פליש. דער קאַליף האָט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פונעם בלוט־טעסט. ער האָט גלייך באַפוילן מ'זאָל דעם משרת אַריינזעצן אין תפיסה און מ'האָט אומגעקערט דעם זון זיין גאַנצן פאַרמעגן.

ב. דער וויכוח מיט די גלחים

אַ מושל האָט אַרויסגעגעבן אַ גזרה, אַז יידן טאָרן נישט קומען אין זיין שטאָט אַריין. אויב אַ ייד האָט על פּי צופאַל אַהין פאַרבלאָנדזשעט — האָט ער זיך פאַרזינדיקט ווי אַ מורד במלכות און מ'האָט אים אויפגעהאַנגען. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ר' סעדיה איז אָנגעקומען אין יענער שטאָט. ער האָט נישט געוואוסט פון דער גזרה. די שומרים האָבן אים געפּאַקט און געוואָלט טויטן. אָבער ס'איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי צווישן די גלחים. יעדער איינער האָט געוואָלט מקיים זיין די „מצווה" צו דערהרגענען דעם ייד. אַן אַלטער בישאָף איז פאַרבייגעגאַנגען, און ווען ער האָט געזען די צאַנקעריי איבער דעם קרבן האָט ער געעצהט, אַז זיי זאָלן וואַרטן ביז וואַנען עס וועט קומען דער העגמאָן, און ער וועט שוין באַשטימען ווער ס'זאָל אויספירן דעם אורטייל.

מ'האָט ר' סעדיהן אַריינגעוואָרפן אין תפיסה און געפייניקט מיט כל־ערליי ענויים. ווען דער העגמאָן איז געקומען האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיטן געפאַנגענעם, און ער איז פאַרוואונדערט געוואָרן פון

זיין חכמה און שטאָלצן אויפפיר; ער האָט אים אויסגעפרעגט ווי ער הייסט און פון וואַנען ער שטאַמט. דער גאון האָט אים געענטפערט:

— אַ ייד בין איך און איך פאַרכט פאַר גאָט. איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט נישט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט, באַטראַכט מיין פאַרברעכן, און אויב כ׳האָב זיך פאַרזינדיקט — דעמאָלט זאָלסטו באַפעלן מיך משפטן!

דער העגמאָן האָט אים געפרעגט צי ער איז מסכים אויפצוטרעטן אין אַן עפנטלעכן רעליגיעזן וויכוח מיט די גלחים. ר׳ סעדיה איז מרוצה געוואָרן. און ווען דער עולם האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין מאַרק, האָט דער העגמאָן זיך געווענדט מיט אַ שאלה:

— זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס האָבן די יידן געקרייציקט יעזוסן, נישט אפשר דערפאַר וואָס ער איז געווען גאָט?

דער גאון האָט זיך נישט פאַרלוירן און רואיק געענטפערט:

— די שטראָף איז געקומען אויף יעזוסן ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער איז גאָט, אָבער וויסן דאַרפט איר וויסן, אַז גאָט קאָן מען נישט קרייציקן.

ג. דער גאון און דער שניידער

איינמאָל, אָוונט צייט, האָט דער גאון שפּאַצירט אין פעלד. ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג און צופרידן מיט זיך, ווייל ער האָט געלערנט אַ סך תורה. אינמיטן וועג איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ ייד, אַ קאַראַבעלניק, אַ שניידער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט מיט זיין שער און נאָדל פון דאָרף אין שטאָט אריין.

— אַ גוטן אָוונט איך רבי!

— גוט אָוונט, גוט יאָר! פונוואַנען קומט אַ ייד?

— פונעם דאָרף, רבי, געהאַט אַ שווערן טאָג היינט, אַ חמימה!

— נו, וויפל שטעך האָט איר געמאַכט, למשל? האָט שפּאַסיק געפרעגט דער גאון.

דער גייער איז אַ ווייל געשטאַנען צעטומלט, אומגעריכט איז געפאַלן די פראַגע, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און האָט געענטפערט געלאַסן: דאָס איז נישט שווער אויסצוגעפינען, אָבער זאָל מיר דער רבי זאָגן פריער וויפל אותיות זיינען פאַראַן אין אונדזער הייליקער תורה, ערשט דעמאָלט וועל איך אים זאָגן וויפל שטעך איך האָב געמאַכט.

דעם גאונס פנים האָט זיך איינגעשרומפּן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט מיט בושה זיין קאָפּ. אויף אַזאַ ענטפער האָט ער זיך נישט געריכט. ביז

איצט האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז עמיצער זאָל אים פרעגן עפּעס אין דער תורה און ער זאָל נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. ר׳ סעדיה איז געזעסן עטלעכע טעג און האָט זיך שטאַרק מצער געווען ביז מ׳האָט זיך מרחם געווען אויף אים מן השמים און אים מגלה געווען דעם סוד...

קאַפּיטל פערצן

די פּטירה

פילאָ און ר׳ סעדיה גאון. — פילאָס מעטאָד. — זיינע סימבאָלישע פירושים. — דער סינטעז צווישן דער יידישער און דער העלעניסטישער וועלט־אָנשויאונג. — ר׳ סעדיה׳ס קוק אויף יידישקייט. — זיין רעליגיעזע פילאָזאָפיע. — זיין השפּעה אויף די שפּעטערדיקע דורות. — די טראַגיק אין זיין שאַפן.

ר׳ סעדיה איז געווען דער ערשטער יידישער פילאָזאָף אינעם מיטל־אַלטער, וואָס האָט פאַרוואָרפן אַ בריק צווישן פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע. אמת, דער יידיש־גריכישער דענקער פילאָ פון אַלעקסאַנדריע [40] האָט זיך אויך געלאָזט אויפן אייגענעם וועג; אָבער די תקופה איז געווען אַן אַנדערע.

פילאָ האָט געגלויבט, אַז די גריכישע פילאָזאָפן און דער תנ״ך האָבן געלערנט איינס און דאָס זעלביקס; כדי דאָס צו באַווייזן האָט ער באַנוצט אַ נייעם מעטאָד ווי צו פאַרשטיין די הייליקע שריפטן, און נעמלעך: ער האָט אַריינגעטייטשט אין דעם געשריבענעם טעקסט סימבאָלן און אַלעגאָריעס מיט אַן עטיש־פּסיכאָלאָגישן און מעטאַפיזישן אינהאַלט. די פּסוקים פון בראשית ג׳, ח—יא — וואו ס׳ווערט דערציילט, אַז אדם און זיין ווייב האָבן זיך באַהאַלטן פאַר גאָט, און דער רבונו של עולם האָט געפרעגט: וואו ביסטו? — דערקלערט פילאָ סימבאָליש. ער זאָגט, אַז די דאָזיקע שטעלן באַציען זיך גאָר אויף דעם אומערלעכן געדאַנק פון רשע, וואָס וויל דערשטיקן זיין אייגענעם געוויסן, און ער באַהאַלט זיך אויס פון זיין שכל הישר. ווערליק דעם דאָזיקן פירוש ווערן אדם און חוה נישט די ערשטע פון אונדזערע אבות, נאָר בלויז סימבאָלן. די שלאַנג סימבאָליזירט די אומווירדיקע פאַרלאַנגען און די אומגעצוימטע ליידנשאַפטן פון דעם מענטש, אַנדערש — זיינען די אָ פּסוקים נישט גלאַטיק, ווייל ווי קאָן מען זיך עס אויסבאַהאַלטן פאַר דעם אַלזעעוודיקן און אַל־וויסנדיקן בורא עולם? אויך די מעשה מיטן דור־הפלגה — בראשית י״א, ה—ט — וואו ס׳ווערט באַשריבן ווי גאָט האָט

אראָפּגענידערט צו זען די שטאָט און דעם טורעם — מיינט פילאָ, אַז דאָס איז אַ וואָרענונג פאַרן ריכטער, אַז ער זאָל נישט זיין איבעראייליק מיט זיין פּסק־דין איידער ער גופא פאָרשט אויס גענויסנהאַפטיק די געשעעניש, און אַז ער טאָר זיך נישט פאַרלאָזן בלויז אויף זיין פאַרשטאַנד (אגב : רש״י ברענגט אויך דיזעלביקע דערקלערונג). אפילו אין עסן מצות אום פּסח זעט פילאָ אַ רמז אויף נשמה־ריינקייט ; חמץ, דאָקעגן, סימבאָליזירט טומאת הנפש.

פילאָס מעטאָד פון אַלעגאָריעס און סימבאָלן האָט באַצוועקט :

א. זיך אָפּאָלאָגעטיש כּלפּי חוץ : צו דערקלערן געוויסע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ריטואַלן אויף אַ ראַציאָנעלן אופן, ווי למשל, שמירת שבת ; עטלעכע גריכישע שרייבער האָבן באַשולדיקט, אַז יידן האָבן איינגעפירט די שבת־רו צוליב זייער איינגעבוירענער שנאה צו אַרבעט.

ב. האַרמאָניזירן די כּתבי הקודש מיט די פילאָזאָפישע אידייען פון זיין צייט.

ג. סובלימירן דאָס שטרענגע געזעץ און עס באַגרינדן אויף יושר און רחמנות.

ד. מילדערן דעם פּירוש פון די פּסוקים, וואָס זייער בוכשטעבלעכער פּשט איז נישט שוה בשוה מיטן מאָראַלישן און מענטשלעכן געפיל, ווי „עין תחת עין״.

זיבן הונדערט יאָר שפּעטער האָט די העברעאישע קולטור צום צווייטן מאָל זיך אָנגעשטויסן אָן דער גריכישער פילאָזאָפיע אין דעם בלומען־גאָרטן פון דער יונגער אויפוואַכנדיקער אַראַבישער ליטעראַטור. די באַ־געגעניש האָט טיילוויז געבראַכט אַ גייסטיקן חורבן פאַרן ייד און איז געווען עלול צו ברענגען נאָך טרויעריקערע רעזולטאַטן. „דאָס געפאַנגענע קינד״ צווישן די אומות, וואָס לעבט אין יעדן דור, איז געשטאַנען איצט און גע־קוקט אויף דער אַרומיקער וועלט מיט נייגער, פּחד און קנאה. די קמיע וואָס ער האָט באַקומען בירושה האָט געהאַלטן ביים אַרויספאַלן פון זיין האַנט. די צאַמען, מיט וועלכע עלטערן האָבן אים פאַרצאַמט, האָבן אָנגעהייבן איינצופאַלן. די נייע קלאַנגען אין דער אַראַבישער וועלט האָבן געצויגן און גערופן. דער ייד האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ביי זיי, די אַנדערע פעלקער, איז דאָ אַ רייכע קולטור. און די דאָזיקע קולטור איז אַ גאַנצע, האָט וואָרצ־לען אין דער ערד. דער אַראַבער דעראָבערט נייע לענדער, שפּרייט אויס זיין ממשלה איבער פעלקער און מיט אים וואַקסט איסלאַם און ווערט אַ מלוכהשע מאַכט. דער גלויבן אין „אתה בחרתנו״ פונעם פאָלק ישראל איז שוואַכער געוואָרן. ס׳האָט געהאַלטן, אַז דער ייד זאָל אָנווערן זיין אַחיזה אין דעם גייסטיקן געראַנגל מיט דער אַרומיקער סביבה.

אָבער פּונקט ווי יענע צייט האָט געהאַט אירע נעגאַטיווע מאָמענטן, האָט זי אויך געהאַט אירע פּאָזיטיווע: דער יידישער געניוס האָט ווייט איבערגעשפּאַנט די ברייטע גרענעצן פונעם תנ״ך. די משנה און די גמרא זיינען שוין געווען פאַרענדיקט. דער יידיש־עטישער רעליגיעזער געדאַנק האָט זיך צעבלישטשעט מיט טויזנטער פאַרבן אין דער נאַציאָנאַלער שאַפונג פון די תנאים און אמוראים. אָט דער געדאַנק האָט געוואַרט אויף זיין פילאָזאָפישער באַגרינדונג. ביז ס׳איז געקומען ר׳ סעדיה, וועלכער האָט געשאַפן די שיטה פון אַ רעליגיעזער יידישער פילאָזאָפיע. זייענדיק אליין פאַרוואָרצלט אינעם יידישן לעבן, האָט ער דערזען דאָס ליכט פון „נצח ישראל״, די פּירות פון זיין רעליגיע און די בלומען פון די אַנדערע קולטורן; נישט נאָר וואָס יידישקייט שטייט העכער פון אַנדערע אמונות, נאָר עס איז אייביק ווי ס׳זיינען אייביק דער הימל און די ערד. מיט זיין קיום איז פאַרבונדן דער קיום פונעם יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער וועלט.

נישט אין אַ זיידן העמדל איז ער געבוירן געוואָרן. זיין לעבן איז נישט געווען אויסגעשפּרייט מיט רויזן. אויף יעדן טריט און שריט — געראַנגל און קאַמף. אָבער מיט זיין שטאַרקן ווילן האָט ער גובר געווען אַלע מכשולים און פּלאָגן. אויף דער וואָך איז ער געשטאַנען. דער אמת האָט תמיד באַלויכטן זיין גאַנג. די רדיפות, וואָגלעניש און שנאת חנם האָט סוף־כל־סוף געבראָכן זיין גוף. ער איז נפטר געוואָרן אינעם עלטער פון זעכציק יאָר און איז געקומען צו קבורה אין סורא. נישט זאַט מיט טעג איז געווען ר׳ סעדיה, נאָר זאַט מיט ליידן. אָבער זיין לעבן איז געווען באַשטראַלט מיט גאַטס ליכט, רייך, אינטענסיוו און פּרוכטבאַר. איין צוועק האָט ער געהאַט: צו באַפעסטיקן דאָס טראַדיציאָנעלע יידישקייט קעגן אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים, אויפּפּלאַקערן דאָס גאַנצע ליכט, וואָס עס פאַרמאָגט, צעבלאָזן זיינע פונקען, עס לייטערן און טיפער מאַכן, אונטערשיידן צווישן קודש און חול, צווישן עיקר און טפל און אַריינברענגען אין דעם אַ סיסטעם און אָרדענונג. מיט זיין לערע האָט ער משפּיע געווען נישט נאָר אויפן יידישן געדאַנק פונעם מיטלאַלטער, נאָר, אין אַ געוויסן זין, האָט ער דעם דאָזיקן געדאַנק געשאַפן, אַנטוויקלט, אויסקריסטאַליזירט און באַפרוכטפערט די שאַפונגען פון די נאָענטע דורות נאָך אים.

גרויסע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן באַלויכטן די טונקעלע טעג פון אונדזער פיצטערן גלות, האָבן געטרונקען פון זיין ברונעם און זיך געקוויקט מיט זיינע פרישע, קלאָרע וואַסערן, אפילו די יעניקע, וואָס זיינען

ארויסגעטראָטן קעגן אים, באַקעמפט זיינע אידייען און אנשויאונגען, דער־מאָנען זיין נאָמען מיט באַגייסטערונג און יראת קודש. ר׳ שרירא גאון, יונה בן ג׳נח, אברהם אבן עזרא, בחיי אבן פקודי און מנחם בן סרוק — אַלע האָבן זיך אָנגעלענט און גערוט אין קילן שאָטן פונעם דאָזיקן פאַרצווייגטן באַבלעטערטן דעמב. אויך אַזאַ ריזן - גייסט, ווי דער רמב״ם, זאָגט וועגן אים:

„און ס׳האָט געהאַלטן, אַז גאָטס תורה זאָל פאַרלוירן גיין, ווען נישט ער עליו השלום, ווייל ער האָט אַנטפּלעקט אין דער תורה דאָס וואָס איז געווען פאַרהוילן, און ער האָט באַפעסטיקט אין איר די צווייגן, וואָס זיינען געהאַנגען אַראָפּצופאַלן און האָט זי אונדז דערקלערט אין זיין שפּראַך, אין זיין וואָרט און זיין סטיל. זיי, די יידן פון תימן, האַלטן שטאַרק פון דער אַראַבישער איבערזעצונג פון ר׳ סעדיה גאון און זיינע פּרושים, ווייל זיין אַראַבישער „תפסיר״־איבערזעצונג — איז זייער פּאָפּולער אין אַלע שולן און זיין נאָמען שמט איבערן גאַנצן לאַנד.״

און נישט נאָר מיט זיין לערע, נאָר אויך אין זיין לעבן האָט ער גע־דינט ווי אַ ביישפּיל. מען דערציילט, אַז אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלערנט תורה פון קאַראַימער שלמון בן ירוחם. דער רבי און דער תלמיד האָבן תמיד געהאַט צווישן זיך לאַנגע וכוחים און זיך ביטער באַקעמפט. ווען דער רבי איז געשטאָרבן איז ר׳ סעדיה געגאַנגען צו דער לויה. זיינע קליידער צעריסן, אַ שטריק־גאַרטל אויף זיינע לענדן און זיינע פיס באָרוועס, אַ סימן פון אבלות און צער. ווען זיינע תלמידים האָבן אים פאַרוואורף געמאַכט ווי קומט ער אָפּגעבן כבוד דעם דאָזיקן כופר, האָט ר׳ סעדיה געענטפערט: מיר האָבן געלערנט אַ סך איינער פונעם צווייטן. ער איז געווען באַשאָנקען מיט וויסן און חכמה, אָבער ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, איז אַראָפּ פון דרך הישר. איך האָב דערפילט מיין חוב, וואָס מ׳דאַרף טאָן צו יעדן נפטר: אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד, — דעם חסד של אמת.

נאָך דער פטירה פונעם גאון זיינען אַראָפּ די ישיבות פון זייער גדולה. ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער בין־השמשות פאַרן יידנטום אין בבל. דער מזרח האָט געדעמערט און זיך געטוליעט אין שוואַרצע געוואַנטן. ר׳ סעדיה איז געווען צווישן די לעצטע גאונים, וואָס האָבן אומגעקערט צו דיביידע תורה־אַנשטאַלטן אין סורא און פומבדיתא זייער חשיבות און אַמאָליקן

גלאַנץ. אָבער דאָס איז געווען דער לעצטער אָפּשיין אידער דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן. אויפן שוועל פון צוויי צייטן איז געשטאַנען דער דאָזיקער מוטיקער קעמפער, ארומגענומען מיט די ווייען פון וועלקן און אויפשפּראָץ. אין אַ היסטאָרישער שעה פון אַן איבערגאַנגס־תקופה איז אים אויסגעקומען צו ווירקן. ס'איז אים באַשערט געווען אַדורכצולעבן די גאַנצע טראַגיק פון געראַנגל און דעם גאַנצן צער פון ריס: ער, — וועלכער האָט געזען אין דער העברעאישער שפּראַך „דעם פעלזן" פון אונדזער לעבן און „שוצפאַנצער" פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום, און וועלכער איז אריינגעדרונגען אין די סאַמע טיפענישן פון אירע אוצרות, איז געווען געצוואונגען — צוליב תכלית — פאַרשפּרייטן די פונקען פון זיין אָנגעגליטן געדאַנק אין אַראַביש, און באַקליידן די שאַפונגען פון זיין גייסט אין אַ פרעמדן לבוש; ער, וואָס זיין וואָרט איז געבוירן געוואָרן אינעם ליידנשאַפטלעכן באַגער צו זען אַחדות הבורא און אחדות ישראל — איז אָבער געווען „אַ מענטש פון קריג און אַ מענטש פון שטרייט אַקעגן אַלעמען." צו זיין שבח מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז תמיד האָט ער באַוויזן ארויסצונעמען „דאָס טייערע פון געמיינעם." אין געראַנגל און שטרייט איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן זיין נשמה. פון זיין לעבנס־טראַגיק האָט ער אויסגעשמידט אינערלעכן מוט און אים פאַרוואַנדלט אין אַ טוי, וואָס האָט באַפרוכפּערט דעם אויסגעטריקנטן באָדן פון גלות. אויך אין זיין איינזאַמקייט איז פשרהדיקייט און פאַראַן די נשמה־גרויסקייט. מיט זיין נסתלק ווערן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאָלדענע קייט, וואָס דורות האָבן געקייטלט, איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אייביק. אָבער אידער ס'איז פאַרגאַנגען געוואָרן די זון פון מזרח האָט אויפגעלויכטן דער מערב. „און די זון גייט אויף און די זון גייט אונטער."

„ווייל זיין ליכט וועט זיך נישט אויסלעשן אויף אייביק."

אַנמערקונגען

אַנמערקונגען

1. 140 יאָר פאַר אונזער צייט־רעכענונג.
2. 200 יאָר נאָך אונדזער צייט־רעכענונג.
3. תנחומא בשלח, 20.
4. נדרים, מ״ט.
5. שמות כ״ה, ח.
6. יבמות, ס״ג.
7. אַ גרויסער יידישער רייזנדער און עטנאָגראַף, געלעבט אינעם 12־טן יאָרהונדערט.
8. ירמיהו, מ״ד, א ; מ״ג, ז־ט.
9. Jewish Quarterly Review 1901-2 pp. 502-503
10. ספר היובל לנחום סוקולוב, 1904.
11. פרקי דר׳ אליעזר, פרק ח.
12. 425 יאָר לויט אונדזער צייטרעכענונג.
13. אינעם יאָר 614.
14. אינעם יאָר 636.
15. געהערשט 813־833.
16. געהערשט אין די יאָרן 842־847.
17. קאַראַן, די הייליקע שריפט פון די מאַכמעדאַנער.
18. געהערשט אין די יאָרן 847־861.
19. בן דור פון ר׳ סעדיה גאון, געלעבט 884־935. ער איז געווען דער תלמיד פון באַרימטן פילאָזאָף אבו אלי דזשובאַי.
20. דער, וואָס ס׳רוב פון זיינע מעשים באַשטייט פון זכויות.
21. דער וואָס ס׳רוב פון זיינע מעשים באַשטייט פון שולדן.
22. ווער ס׳איז נישט מקיים די מצוות „עשה״.
23. ווער ס׳איז נישט אָפּגעהיט אין מצוות „לא תעשה״.
24. דער וואָס טוט הארבע עבירות.
25. סידור לרס״ג, עמוד שפ״ו, מקיצי נרדמים, ירושלים, תש״א.
26. ירמיהו, ל״א, ל.
27. ירמיהו, ל״ד, י״ז, כ״ב.
28. אגרת הרמב״ם, דפוס ליפסיא, ח״ב, ה׳.
29. אמונות ודעות, עמוד קכ״ב, הוצאת כהן, ברלין, 1928.
30. דער הימן — געשריבן אין אַראַביש — איז צו אונדז דערגאַנגען בדרך נס : אייניקע קהילות אין אַפריקע האָבן אים ארייַנגענומען אין זייער נוסח התפילות און זאָגן אים דעם ערשטן טאָג שבועות. דער הימן איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש

דורך הרב יצחק מאָראַלי. די געבראַכטע יידישע איבערזעצונג — אין אַ שטאַרק פאַר־קירצטער פאָרם — איז פון: Dissertation Homiletique sur le decaloque, Algiers, 1913

31. דעם פראַגמענט האָט מען געפונען אין יאָר 1901 אין דער גניזה פון קאירא, מצרים.

32. יידיש: א. ש. שוואַרץ.

33. יידיש: י. י. שוואַרץ — פון דער אַנטאָלאָגיע: העברעאישע פאָעזיע.

34. דער דאָזיקער סידור — וואָס איז צוערשט געווען איינגעפירט אין ארץ ישראל, צפון־אפריקע, בבל, מצרים, תימן און אנדערע אראביש־רעדנדיקע לענדער — איז אין משך פון דער צייט פאַרגעסן געוואָרן. מען האָט גערעכנט, אַז ער איז פאַרלוירן געגאַנגען. דער ביבליאָגראַף שטיינשניידער האָט אַנטדעקט אין אָקספאָרד אינעם יאָר 1851 דעם כתב יד, אין וועלכן ס׳פעלן בלעטער פון פאָרנט,ביים סוף און אינמיטן. די געזעלשאַפט „מקיצי נרדמים", ארץ ישראל, האָט אים פאַרעפנטלעכט אין אַ פראַכט־אויסגאַבע אין 1941.

35. איוב, ל״א, י״ח.

36. עמוס, א, י״ג.

37. תהילים, מ״ח, ט״ו.

38. למשל די תורה האָט אָנגעזאָגט: „און ער זאָל נישט אריינגיין צו יעטוועדער צייט אינעם הייליקטום" (ויקרא ט״ז, ב׳), צוגעבנדיק: „כדי ער זאָל נישט שטאַרבן". צום סוף וואָס איז געשען מיט אהרנס קינדער (ויקרא ט״ז, א׳).

אַזוי האָט אויך שלמה המלך געוואָרנט פון פוילקייט: „זאָלסט נישט ליב האָבן דעם שלאָף" (משלי כ׳, י״ג). נאָכדעם שילדערט דער פסוק דעם פועל יוצא פון פוילקייט: „די תאוה פון פוילן טויט אים אָוועק" (משלי כ״א, כ״ה). צום סוף וואָס איז געשען מיטן וויינגאָרטן פון אַ פוילן: „ערשט ער איז געווען איינגאַנצן פאַרוואַקסן מיט דערנער, זיין אויבערפלעך איז געווען באַדעקט מיט ווילדע געוויקסן, און זיין שטיינערנער צאַם איז געווען איינגעפאַלן". (משלי כ״ד, ל״א).

39. די דאָזיקע דערציילונג פון „ספר החסידים", ז. 91, פאַראַגראַף 291 — ווערט דאָ געבראַכט לויטן אינהאַלט, אָבער נישט לויט דער פאָרם. ח. נ. ביאַליק, וועלכער ברענגט זי אין זיינע אגדות אין אַן אַנדער נוסח, שרייבט עס צו צו שלמה המלך. די אַנדערע צוויי מעשהלעך — לויט זייער אינהאַלט — זיינען גענומען פון מאַלטערס בוך.

40. געלעבט אינם ערשטן יאָרהונדערט.

אינדעקס

אינדעקס

א

אב 71.
אבא חלקיה 21, 22, 23.
אַבּאַס 52, 87.
אַבו דואד 92.
אַבו נוואַס 91.
אברהם 142.
אברהם אבינו 135.
אברהם אבן עזרא 160.
אברהם בן דוד ר׳ 83.
אגדה, ות 17, 19, 30, 82.
אגרון 57, 58, 59.
אגרת התימן 120.
אדם הראשון 24, 132, 158
אדר 22, 71.
אדרינוס 109.
אהרן בן מאיר ר׳ 76
אומה 31.
אושא 13.
אזיע 12.
אחדות הבורא 89.
איוב 100.
אינדיע 52, 56.
איסלאַם 34, 50, 51, 52, 92.
אישאַג אבן הונאים 54.
אַל אַשאַרי 93, 94.
אַל־וואַטיק 20.
אלול 69, 71.
אליהו 29.
אליעזר ר׳ 136.
אליעזר 117.
אַל מאַמון 53, 54, 88, 90, 91.
אַל מאַנסור 87.
אַל מוטאַוואַקיל 54, 93.
אַל מוקטאַדיר 86.
אַלעקסאַנדריע 158.
אַלעקסאַנדער מוקדון 12.
אַלפּאַיום 34, 47, 48, 49, 60, 65.
אַל־קוואַריזמי 53.
אמוראים 17, 18, 160.
אַפריקע 52, 55.
אַראַבער 33, 34, 50, 51, 52, 53, 56, 76.
אַריסטאָטל 53, 102.
ארמעניע 50.
ארץ ישראל 12, 13, 14, 16, 17, 21, 31, 32, 36, 38, 50, 55, 60, 66, 68, 72, 73, 74, 75, 76, 77, 78, 110, 119.
אשורים 37, 71.

ב

באַגדאַד 52, 53, 54, 87, 89, 93.
באַלך 129, 130.
בבא בתרא 26.
בבא מציעא 31.
בבל 11, 12, 13, 14, 15, 20, 36, 38, 39, 42, 44, 50, 55, 60, 68, 72, 73, 75, 76, 77, 78, 80, 81, 86, 113, 144, 161.
בחיי אבן פקודי 161.
בחירה חפשית 104.
ביצה 20.
בישר בן אהרן 145.
בית המדרש 14, 23, 26, 27, 111, 114, 132.
בית המקדש 11, 12, 31, 32, 36, 55, 70, 118, 135.
בית כנסת 37.
בנימין בן יונה ר׳ 39.
בן מאיר 78, 79.
בראשית 158.
בראשית רבא 31.
בריה דרבינא 137.
ברכות 20, 25, 31, 32.
בר קמצא 29.

אינדעקס

ג

גאולה 102, 117, 118, 119, 120, 121, 122.
גאונים 33, 34, 37, 38, 40, 41, 42, 43, 54, 61, 65, 66, 76, 80, 82, 84, 97, 99, 102, 120, 131, 133, 146, 147.
גטין 26.
גיהינום 27.
גלות 12, 15, 16, 35, 37, 38, 39, 55, 61, 68, 74, 77, 82, 113, 117, 125, 134, 141, 144, 160, 162.
גליל 13, 17.
גמליאל ר' 75, 77, 135.
גמרא 17, 34, 61, 160.
גן עדן 27.

ד

דוד בן זכאי 42, 43, 44, 76, 77, 80, 84, 86, 144, 145, 146.
דוד בן ישי 19, 32.
דונאש בן לברט 57.
דושובאי 94.
דיינים 38, 41, 42.
דילאו 43, 47, 60, 80.
דינים 17, 18, 36, 51, 61, 62.

ה

האי בר קיומי ר' 42.
הבל 130.
הונא ר' 40.
הינדו 53.
הלכות 17, 18, 19, 34, 51, 61, 64.
הלל הנשיא 74.
המנונא ר' 136.
הקדוש ברוך הוא 28, 34.
השארת הנפש 109.
השגחה 110.
השכלה 111.

ז

זכריה 112.

ח

חדקל 55, 75, 87, 98.
חוה 158.
חומש 61, 66, 68, 70.
חוני המעגל 21, 110, 111, 112, 113, 114, 115.
חוניו 55.
חורבן 11, 12, 17, 55, 58, 115.
חזן 38.
חנה 135.
חנוכה 71.
חנינא בן דוסא 109.
חנמאל המצרי 55.
חנן המצרי 55.
חנניה 73.
חרם 64, 86, 144.
חשמונאים 12, 55, 110.

ט

טבריה 13, 74, 76, 78.

י

יב 55.
יבנה 13, 74.
יהודה 71, 72, 85, 110, 120, 146.
יהודה בן בתירא 29.
יהודה הנשיא ר' 13, 73, 77.
יהושע 57, 117.
יהושע בן חנניה 115.
יודן ר' 135.
יוחנן ר' 31.
יוחנן בן זכאי ר' 74.
יוחנן הסנדלר 55.
יום כפור 68.
יונה אבן גינח 57, 160.
יוסי בן יוסי 57.

יוסף 48, 49, 66, 84.
יוסף בן יעקב 86.
יחוניה 73.
יחזקאל הנביא 15, 16.
יעקב 142, 149.
יצחק 142.
יצחק ר' 73.
יקום פורקן 38.
ירא שמים 20.
ירדן 75.
ירושלים 12, 21, 29, 30, 31, 58, 71, 78, 111, 112, 136, 141.
ירמיה 14, 15, 31, 100, 119.
ישובב ר' 109.
ישי 141.
ישיבה־ות 12, 13, 17, 34, 36, 37, 38, 40, 42, 44, 82.
ישמעאל 26, 34, 52, 56, 82, 129, 152.
ישראל 20, 29, 56, 63, 69, 73, 77, 82, 102, 119, 121, 124, 125, 129, 140, 143, 152.

כ

כהנים 58.
כהן צדק 43, 44, 76, 77, 84.
כיבוד אָב 26.
כיור 129, 130, 131, 133.
כינע 52, 56.
כליף 84.
כלף בן שרגדו 145.
כנסת הגדולה 135.
כנסת ישראל 12, 41.
כסלו 71, 78, 79.
כתובות 31.

ל

לבן הארמי 149.
לוח 68, 69, 75, 80.
לווים 11, 58.
לעוויטאס ר' 28.

מ

מאָטאָזיליט 93.
מאַכמעדאַנער 39, 50, 52, 91.
מבשר ר' 76.
מגילה 31.
מדרש 33, 59.
מונים 66.
מוסולמענער 53, 54.
מזרח 11.
מיכה המורשתי 27.
מלאכה 20, 24, 25.
מנהגים 17, 51, 52.
מנחם בן סרוק 57, 161.
מעקאָ 56.
מעסאָפּאָטאָמיע 52, 53, 96.
מצוות לא תעשה 51.
מצוות עשה 51.
מצרים 34, 47, 48, 50, 55, 60, 81, 82, 102, 148.
מרחשון 78, 79.
מרכז רוחני 13.
משה רבנו 19, 64, 65.
משיח 18, 32, 117, 118, 119, 120, 143.
משלי 151, 152.
משנה 13, 17, 34, 55, 59, 61, 76, 160.
מתיבתות 38.
מתנות 26.

נ

נביא־ים 41, 18, 39, 50, 51, 52, 54.
נדבות 40.
נדרים 40.
נהרדעא 16, 18.
נטירא 44, 84.
ניל 47, 55.
ניסי בן נח 37.
ניסי נהוראני 43.
ניסן 69, 70, 71.
נתן ר' 73, 83.

ס

סבוראים 33, 74.
סדום 135.
סוכה, ות 32, 69, 70.
סונאַאיטן 66, 129.
סורא 13, 16, 17, 37, 38, 40, 42, 43, 44, 61, 76, 80, 81, 82, 84, 86, 87, 143, 144, 145, 160.
סידור 134, 136, 140, 142, 143.
סיריע 50, 66, 76.
סמיכה 42, 72.
סנה 28.
סנהדרין 29, 32, 73, 117, 161.
סעדיה גאון ר׳ 34, 43, 44, 47, 49, 56, 57, 58, 59, 60, 63, 64, 65, 66, 67, 68, 78, 79, 80, 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 98, 99, 100, 101, 102, 103, 104, 105, 106, 107, 108, 115, 116, 118, 120, 126, 129, 131, 132, 133, 134, 137, 138, 140, 143, 144, 145, 146, 148, 149, 150, 151, 152, 153.
ספר תורה 38.
ספרי 32.
סקאַנדינאַוויע 52.

פ

פאַטימידן 65, 66.
פאַראַמאַ 56.
פומבדיתא 16, 17, 37, 38, 40, 43, 61, 76, 81, 82, 84, 143, 161.
פורים 71, 145.
פילאַ 158, 159.
פירעניייען 50.
פלאַטאַ 103.
פנחס 57.
פסח 68, 70, 71, 78, 102.
פסחים 20, 24.
פערסיע 16, 33, 50, 51, 53, 66, 76, 93, 97.

פקוד 73.
פרעה 48, 66, 150.
פרקי אבות 25.
פרת 55, 75.

ע

עבר הירדן 71.
עוואַנגעליע 56.
עולם הבא 31, 32, 95.
עוקבא 43, 44.
עוץ 100.
עזרא הסופר 12.
עיבור 70, 71, 72, 73, 74, 78, 80.
עמרם בן שישנא ר׳ 143.
עניות 27, 28.
ענן בן דוד 60, 62.
עקסילאַרך 16, 37, 38, 39, 40, 41, 42, 43, 61, 76, 80, 82, 83, 86, 144, 146.
עשרת הדברות 26, 37, 123.

צ

צדיק 22, 31, 105, 106, 109.
צדקה 25, 26.
ציון 11, 16, 31, 73, 111, 143.
צמח בן שהין 43.
צניעות 28.
צפורי 13.

ק

קאַלזום 56.
קאַליף 38, 39, 41, 52, 53, 81, 83, 86, 88, 90, 91, 93.
קאַליר אליעזר 57.
קאָנסטאַנטין 13.
קאָנסטאַנטינאָפאָל 56.
קאַפטער 56.
קאַראַן 50, 51, 52, 53, 54, 56, 90, 91, 92, 95, 129.

קאַרדאַדביי 55.
קבלה 120.
קדושין 27.
קהילות 39, 40, 41, 73, 79, 143.
קהל 18.
קידוש השם 136.
קין 130.
קמצא 29.
קץ 120.
קראים 36, 60, 61, 62, 63, 64, 65, 66, 80, 82.
קריסטן 53, 97, 120.

ר

ראש השנה 71, 102.
ראש ישיבה 34, 41, 43, 76, 78, 80, 81, 83, 86.
רב 13, 20, 117.
רבא 136.
רבונו של עולם 20, 21, 24, 31, 38, 77, 94, 95, 98, 104, 110, 113, 114, 115, 135, 148, 153, 158.
רבנים 21, 24, 26, 36, 38, 62, 65, 72, 143.
רוסלאַנד 52.
ריש גלותא 16, 37, 38, 40, 41, 42, 44, 72, 73, 78, 82, 84, 85, 86, 144, 145, 146, 147.
רמב״ם 119, 120, 161.
רעליגיע 50, 51.
רש״י 117, 158.
רשע 31, 93, 95, 98, 99, 100, 105, 106.

ש

שאול 41.
שאלות ותשובות 34, 35.
שבועות 68, 69, 70, 102.
שבת 28, 34, 37, 61, 62, 68, 97, 98, 124.
שומרון 71.
שילה 135.
שיע 66, 129.
שכינה 24, 26, 28, 32, 81.
שכר ועונש 90, 109.
שלמה המלך 19.
שלמון בן ירוחם 161.
שמד 57.
שמואל ר׳ 28, 117.
שמואל הנביא 41.
שמואל ירחינאי 13, 18.
שמונה עשרה 135.
שמעון בן יוחאי 109.
שמשון הגבור 19.
שפאַניע 152.
שרגאדו 85.
שרירא גאון ר׳ 83, 161.

ת

תהלים 11, 12, 27, 28, 29, 111, 113, 138.
תורה 13, 14, 16, 17, 18, 20, 21, 24, 26, 29, 32, 33, 35, 36, 37, 38, 39, 40, 42, 50, 60, 62, 63, 64, 66, 72, 73, 81, 85, 97, 102, 105, 114, 120, 123, 129, 130, 133, 144, 150, 151, 156, 161.
תחית המתים 109.
תימן 161.
תלמוד 13, 17, 18, 20, 24, 25, 27, 28, 29, 31, 32, 33, 34, 36, 39, 59, 60, 61, 62, 63, 64, 76, 77, 135.
תלמוד תורה 32, 51, 131.
תנאים 17, 160.
תנ״ך 17, 27, 50, 56, 58, 59, 61, 62, 63, 65, 69, 73, 98, 103, 104, 105, 119, 130, 139, 148, 150, 157, 158, 160.
תענית 24, 115.
תפילה 32, 36, 37, 134, 135, 136, 137, 138, 139, 140, 141, 142, 143.
תרגום 59, 149, 152.
תשובה 106, 107, 117.
תשעה באב 71.
תשרי 71.

הויפט־מקורות

העברעאיש:

אגרת התימן.
אמונות ודעות, הוצאת כהן, ברלין 1926.
גנזי קדם.
דברי ימי ישראל: ד״ר י. שמחוני.
השלוח, ירושלים.
זכרון לראשונים, מחברת ה׳ 1891.
סיני, כסלו—אייר, ת״ש.
ספר היובל לנחום סוקולוב 1904.
ספר היוחסין.
תולדות ישראל: בן ציון דינבורג.
תבריץ, 1933.
תשובות ר׳ סעדיה גאון עם מבוא והערות ע״י ש. א. פוזננסקי, ורשה, תרע״ו.

ענגליש:

Husik Isaac: A history of medieval Jewish philosophy.

Malter Henry: Saadia Gaon, his life and works, Philadelphia 1926.

The Jewish Encyklopedia

פראנצויזיש:

Derenbourg Joseph: Oeuvres Completes de R. Saadia, Paris 1894.

Revue des Etudes Juives

Ventura Moise: La philosophie de Saadia Gaon, Paris 1934.

דייטש:

Judische Studien, Franksfurt am Main, 1928.